STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08307

KAMFLUSTIK

Sem Liptsin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַמפּלוסטיק

פֿון סעם ליפּצין

ארויסגעגעבן פון
קאמפלוסטיק-קאַמיטעט
לאָס אנדזשעלעס, קאליפ.

1936

"KAMFLUSTIG"
Copyright by
Sam Liptzin (Queckzilber)
Los Angeles, Calif. 1936

הויפּט־פאַרקויף: פרייהייט בוך־געשעפט, 35 איסט 12טע גאס,
ניו יאָרק און אין איסט סייד בוך־געשעפט, 2411½ ברוקלין עוועניו,
לאס אנדזשעלעס, קאליפ.

געזעצט אין דער שריפטזעצעריי
——— פון דער ———
NOBLE TYPESETTING CO.
257 Winston Street
Los Angeles, Calif.

אינהאַלט:

קאַמפּלוסטיק (דערציילונגען)

דאָס גאָלדן פישעלע — 11
ליזא — 17
„דזשאַנק" — 31
אין א צעקריפּלטע וועלט — 44
בלוט — 50
מיינע ווערטער — 58
א יוניאָן זאָל מען האָבן! — 64

טעאַטער-שפּילן (איינאַקטערס)

הונגער, נויט און קאָ. (מאַסן-ספּעקטאַקל) — 73
דעם-אָ-קראַטיע (וואָלן-שטיפערייַ) — 83
מאַקעס לעפּייסאַך (קאָמעדיע) — 89
ס'איז ניט קיין שידאַך (שפּיל) — 101

מאַסע-לאַך (מאָנאָלאָגן און שטיפערייען)

געפירט דעם טאַטן אין כיידער אריין — 115
א טאכלעס פון קינדער (א מאָנאָלאָג) — 120
הערט א מאַיסע — 125
ברענען זאָלט איר! (א לעקציע אַזאַ) — 133
איך ארבעט שוין! (א מאָנאָלאָג) — 136
לאָמיר ווערן קנאַקערס! (א מאָנאָלאָג) — 139
א טאָג אין הויז — 143
אין צוויי וועגן — 146
אויף וואָס ווארט איר? (פרויען מאָנאָלאָג) — 151
ווער עס זעצט אָן און ווער עס זיצט — 154
מיט גאָץ הילף... — 157
קלאַפּ, קלאַפּ, ווער איז דאָס? — 162
בלוטיגע טויזנטער... — 167
וואָס מאַכט איר? (א מאָנאָלאָג) — 170
א קאַליפאָרניער פּאַסאַזשיר (א מאָנאָלאָג) — 173

שער-בלאַט געצייכנט פון ס. סילווער.



בילד געמאָלן פון מ. קאַלעם

סעם ליפּצין געבוירן דעם 13טן מערץ 1893 אין ליפּסק, געוועזענע סובאַלקער גובערניע, אין אן אָרעמער שניידער־פאַמיליע. צו 10 יאָר אָנגעהויבן ארבעטן צוזאַמען מיטן פאָטער מוישע אַהרן ביי שניידעריי. אין 1909 געקומען קיין אַמעריקע. גלייך זיך אָנגעשלאָסן אָן

דער שניידער יוניאָן י. ג. וו. אָוו א. אויך אריינגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געוואָרן אַקטיוו אין ביידע אָרגאַניזאַציעס. גלייכצייטיק געגומען שרייבן אין צייטונגען און זשורנאַלן אויף הומאָריסטישע טעמעס. אויך לידער צו פּאָפּולערע מעלאָדיעס וועגן די קאַמפן אַף דער ארבעטער־גאַס. געשריבן אויך לידער פאַר וואָדעוויל־טעאַטערס אַף פּראָלעטאַרישע טעמעס, און געווען איינער פון די ארויסגעבער פון דעם זשורנאַל „הומאָריסט״.

אין 1914 איז סעם ליפּצין געווען איינער פון די גרינדער פון דער אַמאַלגאַמייטעד שניידער יוניאָן. דאָס איז דאַן געווען א גרויסער אויפטו פאַר דער ארבעטער־באַוועגונג. ער איז די גאַנצע צייט געווען אַקטיוו און געפירט א קאַמף צו פאַרבעסערן דעם לעבן פון די שניידער.

אין 1917 איז סעם ליפּצין געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער אַנטי־מילכאָמע ליגע אויף דער אידישער גאַס. אין 1919 האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן די ערשטע קאָמוניסטישע צייטונג אין אַמעריקע „דער קאַמף״, געשאַפן דאָס ערשטע געלט וואָס האָט מעגלעך געמאַכט ארויסצוגעבן די צייטונג. זינט 1920 א מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין 1926 דעקט סעם ליפּצין אויף א ריי כאַבאַר־געשעפטן פון אייניגע פירער אין דער אַמאַלגאַמייטעד. ער אָרגאַניזירט א שטאַרקן קאַמף געגן רעאַקציע און קאָרופּציע אין דער יוניאָן. די רעאַקציאָנערע פּראָפּאַריינישע פירער שליסן אים דערפאַר אויס פון דער יוניאָן, ער ווערט אויך ארויסגעוואָרפן פון שאַפּ און ווערט באַגלייט מיט שטאַרקע פיזישע אָנפאַלן פון שלעגער. אזוי איז אויך סעם ליפּצין געוואָרן אויסגעשלאָסן פון „ארבעטער־רינג״ פאַר זיין מוטיגן קאַמף געגן דער רעאַקציאָנערער פירערשאַפט.

סעם ליפּצין ווערט איינער פון די אָנפירער אין דעם „דזשאָינט דעפענס קאָמיטעט״, אָרגאַנייזער אין דעם „אַמאַלגאַמייטעד עקשאָן קאָמיטעט״ און העלפט אין אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע נאָדלפאַך יוניאָן אין אַמעריקע. פאַר זיין מוטיקן קאַמף איז סעם ליפּצין א סאַך מאָל געווען ארעסטירט און באַפאַלן געוואָרן פון די ארבעטער־סאָנים.

סעם ליפּצין האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליגט אין דעם אויפבוי פון דער „פרייהייט״. געמאַכט אייניגע טורס איבערן לאַנד און געווען א לענגערע צייט פאַרוואַלטער פון די געלט־קאַמפּאַניעס פון דער

„מאָרגן־פרייהייט". אויך באַטייליגט זיך אין דער „פרייהייט" מיט אַ סאַך אַרטיקלען איבער יוניאָן־פראַגן און איבער די קאַמפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיך אויך באַטייליגט מיט פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס און „רויטע־פעפערלאַך".

סעם ליפּצין איז אויך איינער פון די גרינדער פון „פּראָלעטפּען" און דער ערשטער פאַרוואַלטער פונם זשורנאַל „סיגנאַל" וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פונם „פּראָלעטפּען".

די פאָלגענדיקע אויסגאַבן פון סעם ליפּצין זיינען דערשינען ביז איצט: „אַף לייטיש געלעכטער", „איך לאַך פון דער וועלט", „רויטע פעפערלעך", „פאַר רויטע אָוונטן", „געקעמפּט און געלאַכט", „ניט־געדאַיגעט", „גוט־מאָרגן", (דאָס זיינען מערסטנס הומאָריסטישע דער־ציילונגען, פעליעטאָנען, לידער, איינאַקטערס און פּענשטיפּעריען). „לאָמיר זינגען", „מיט געזאַנג אין קאַמף", „לעבעדיק און לוסטיק", און „זינגען מיר", — לידער און פּאַראָדיעס צו פּאָפּולערע מעלאָדיעס, וואָס ווערן פיל געזונגען צווישן די ברייטע מאַסן. די אַלע אויסגאַבן זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין טויזענטער קאָפּיעס און זיינען זייער פּאָפּולער צווישן די שאַפּ־אַרבעטער. עס איז קימאַט ניטאָ קיין איין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איבערן לאַנד וואו עס זאָל ניט ווערן געלייענט, געשפּילט, אָדער געזונגען פון סעם ליפּצין'ס שאַפונגען.

די קריטיק אין מאַנכע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן געהאַט אַ סאַך לויב־ווערטער פאַר סעם ליפּצין'ס שאַרפקייט און פאָלקסטימלעכ־קייט אין זיין שרייבן.

סעם ליפּצין האָט מערסטנס געשריבן זיינע הומאָריסטישע פעל־יעטאָנען אונטער פאַרשידענע נעמען, ווי אַנקל סעם, קוועקזילבער, לאַכשוין, רויטער פעפער, און נאָך אַנדערע נעמען.

דאָס בוך „קאַמפּלוסטיק" און אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן האָט ס. ליפּצין אָנגעשריבן אויף זיין לעצטן באַזוך אין לאַס אַנדזשעלעס אין 1936. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ גרופּע פריינט און אַבאָנענטן וואָס ווינטשן אים דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקן שאַפן.

קאַמפּלוסטיק קאָמיטעט.

קאָמפּלוסטיק

דאָס גאָלדן פישעלע

די קינדערלעך זיינען געזעסן ארום לעבלעכן אויוון און געשפּילט זיך. דער ניין־יעריגער ווילי מיט די בלאָנדע ברעמען איז „באַנקיר״, סערקע די זיבן יאָריגע און מאַרים דער זעקס יאָריגער — „דעפּאָזי־טאָרס״...

די צוויי דעפּאָזיטאָרס זיינען געשטאַנען אין ליין מיט אָנגע־שאָרענע פּאַפּירלעך אין האַנט פאַר אסיגנאַציעס און געוואַרט צו מאַכן זייער דעפּאָזיט...

ווילי, דער באַנקיר, האָט אָנגעבלאָזן זיין איינגעדאַרט־בייכל און אריינגענומען אין מויל א צעטריקנט מערן — פאַר א ציגאַר, און אָט אזוי זיך צעטאַינעט מיט זיינע דעפּאָזיטאָרס:

— אַמעריקע איז א רייך לאַנד, א וואויל לאַנד. ראַקעפעלער האָט מיליאָנען געמאַכט פון שפּאָרן. שפּאָרט, און איר וועט אויך זיין רייך.

די צוויי דעפּאָזיטאָרס סערקע און מאַרים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— געוויס, וואָס מ׳שפּאָרט ניט אָפּ דאָס האָט מען ניט...

דער פאַרזשומערטער עליקסל, דער איינגסטער אין הויז, שטייט ביי דער גלעזערנער באַנקע וואָס שטייט אויפן שאַפע און שפּילט זיך מיטן גאָלדענעם פישעלע. אלע ווײַלע האָט ער איבערגעריסן דאָס שפּיל פון די גרעסערע מיט א וויינענדיקן אויסרוף:

— כ׳וויל עסן, וואו איז מאַמאַ?

דער באַנקיר און די דעפּאָזיטאָרס פלעגן זיך א ווײַלע פאַרלירן. א קוק געבן צום טיר. דער באַנקיר האָט געענטפערט:

— דאָ איז א לאַנד בלויז פאַר די וואָס קענען מאַכן דעפּאָזיטס, איר מוזט דאָ זיין א פרעמדער — האָט ער אויסגערופן צו דעם וויינענ־דיקן עליקסל — טאָ גייט אייך פונדאַנען... מיר דאַרפן ניט קיין אַר־בעטלאָזע, קיין שנאָרער.

עליקסל האָט זיך אזוי לאַנג געשפּילט ביז דאָס הערצעלע האָט שטאַרקער גענומען באַלעשן. די אויגעלעך האָבן זיך אויף אַן עמעס צעוויינט:

— וואו מאמאַ? כ'וויל עסן.

אויך דער באַנקיר און די דעפּאָזיטאַרס האָבן דערפילט אַ נאָגע־ניש אונטער די הערצלעך. עס האָט זיך שוין אויך זיי געוואָלט עסן. האָבן זיי איבערגעריסן די שפּיל:

— איך דערקלער זיך „באַנקראָט"—האָט ווילי אויסגערופן, צו־מאַכנדיק זיין באַנק, און איז צוגעגאַנגען איינשטילן דעם אינגסטן ברודערל.

אין דרויסן קערן שנייען און ווינטן די וועלט. אויף די פענס־טער מאָלט פראָסט פאַרשידענע בילדער פון וואַלד מיט גרויסע הויכע ביימער. די פענסטער רייצן זיך מיט דעם זשיפּענדיקן פייער אין לעבעלעכן אויוון.

עס איז שוין ניט דער ערשטער טאָג אַז די קינדערלעך בלייבן אַליין אין הויז און וואַרטן פאַר ברויט.

אַלע פיר קלייבן זיך אַרום ביי דער שאַפע וואו עס שטייט דאָס גאָלדענע פישעלע. די קינדערלעך טרייסטן איינס דאָס אַנדערע: — „באַלד קומט פּאַפּאַ, באַלד קומט מאַמאַ".

זיי שפּילן זיך מיטן פישעלע, וואַרפן ברעקלעך פּאַפּיר, נאַרן דאָס אָפּ, עס זאָל זיך דערוויל אַ לאָז טאָן דאָס כאַפּן.

— דאָס פישעלע וויל אויך עסן! — רופט אויס סערקע.

— איך וועל דאָס פישעלע געבן ברעקלעך פון מיינע — פאַר־זיכערט מאַריס און וואַרפט דערוויל וואָס אים קומט צו דער האַנט אין גלאָז אריין — זאָל נאָר מאַמע קומען און עפּעס ברענגען.

עליקסל לאָזט זיך מער ניט פאַרשפּילן. ער האַלט אין איין ווי־דערהאָלן: כ'וויל עסן, וואו איז מאַמאַ?

שפּעט אין אָוונט קומען טאַטע מאַמע. זיי ברענגען אַביסל שפּייז פאַר די קינדער, גיבן זיי עסן. און מיט פאַרשטיקטע טרערן באַלייגט מען זיי שלאָפן.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — רייסט דער פאָטער איבער די שטילקייט.

— איין גאָט ווייסט — גיט די מאַמע אַ מאַך מיט דער האַנט — איין גאָט ווייסט.

ביידע רוקן זיך אוועק שטיל אין באזונדערע ווינקעלעך.

* * *

א פרימארגן ווי אלע טאג שטייען זיי אויף, לואיס און מערי, גייען ארויס זוכן ארבעט.

ס'איז שוין אזוי א לענגערע צייט, אז ביידע לאזן זיך אוועק גאנץ פרי פון הויז אין פארשידענע ריכטונגען איבערן שטאט, זוכן וואו א סענט צו פארדינען.

דער טאטע לואיס האט געפירט אן עלעווייטאר אין א גרויסער פאבריק, און פארדינט אכטצן דאלער א וואך. מערי האט געארבעט אין א רעסטאראן, געהאלפן אין קיך און פארדינט צען דאלער א וואך.

לואיס און מערי האבן שוין געהאט פון זייערע פארדינסטן אפגעשפארט עטלאכע הונדערט דאלער. זיי האבן אויך אלע מאל געלערנט די קינדער און אנגעוויזן ווי פון שפארזאמקייט זיינען מענטשן גליקלעך געווארן...

אין די פרייע זונטיקס פלעגן לואיס און מערי נעמען די קינדערלעך, ארויספארן צו א ברעג ים כאפן פיש, אדער זיצן ביים שאכן און פארברייגען.

אין הויז האט מען אריינגענומען מעבל אויף אפצאלן, זיך איינגעארדנט און געמאכט אלעס אויסזען לייטיש, פארוואס מערי פלעגט מיט פרייד קושן די קינדערלעך און לויבן דעם אלמעכטיקן גאט.

מיט דעם קראך פון ריעל־עסטייט איז צעשמעטערט געווארן דער פונדאמענט פון לואיס און מערי'ס גליקלעך לעבן. זייערע עטלאכע הונדערט דאלער וואס זיי האבן געבארגט צו א פריינט אין די ריעל־עסטייט ביזנעס אויף פראצענט איז אין קראך פארלארן געגאנגען.

מערי האט אים און זיך געטרייסט: — דאס איז א שטראף פון גאט — האט זי געזאגט. — מיט דעם געלט האבן מיר זיך און אונזערע קינדערלעך אויסגעקויפט.

מערי איז נאך פרימער געווארן און ווידער גענומען שפארן א סענט צו א סענט, לויבענדיק צו גאט וואס ער גיט זיי ארבעט און קויאך צו ארבעטן.

איידער זיי האבן נאך ווידער באוויזן צו אשפארן א סענט, האבן פאבריקן, געשעפטן, רעסטאראנען, זיך גענומען פארמאכן. צווישן די מיליאנען אנדערע איז אויך לואיס און מערי אויסגעשפיגן געווארן פון פאבריק אין גאס ארויס.

האָט מערי ווידער גאָט געבעטן, געטוליעט די קינדערלעך נאָענט צו זיך און אויך זיי געהייסן מורמלען א געבעט פאַרן באָס, פאַר דער פאַבריק, עס זאָל זיך ווידער עפענען.

— דאָס איז א נייע שטראָף — האָט זי פּרובירט באַווייזן לואיס׳ן

— בעט אויך גאָט, אפשר וועט ער פארגעבן.

מיט יעדן טאָג האָבן זיך מער פאַבריקן פארמאַכט. די לאַגע איז געוואָרן שווערער. מיט צווייפל אין די אויגן האָט לואיס און מערי געקוקט אויף זייערע בלאַנדע פיר קינדערלעך.

* * *

ווען די קרעדיטאָרן האָבן דאָס אָרימע ביסל מעבל פון הויז ארויסגענומען. איז מערי א ווײַלע געבליבן שטיין קוקנדיק אויף די פיר ווינקעלעך. דערנאָך האָט זי גענומען א נאַסן טוך, ארומגעווישט דאָס הינקענדיקע טישל וואָס איז געבליבן און דאָס שאַפקעלע. זי האָט אריבערגעפירט אין א צווייטן ווינקל דאָס אויפליינ־בעטל, אויסגע־שטעלט איבערן אויוון די פּוסטע כלים, האָט זיך א ווײַלע ארומגע־דרייט מיט פארבראָכענע הענט, וואַרפנדיק פארטרערטע בליקן צו די קינדער ביז איר אויג איז געפאַלן אַפן באַנקע מיטן גאָלדענעם פישעלע.

מערי האָט דאָס פישעלע זייער ליב געהאַט. לואיס האָט דאָס געבראַכט אין הויז. איז זי געשטאַנען אַן ווערטער מיט די קינדערלעך, ארײַנגעקוקט אין גלאָז ווי דאָס פישעלע שפּילט זיך אזוי פיין...

לואיס און מערי האָבן זיך גענומען ארויסלאָזן אַלע טאָג זוכן ארבעט. זיי האָבן געבראַדזשעט טאָג נאָך טאָג און געקומען א היים מידע, דערשלאָגענע און פארצווייפעלטע.

מערי פרעגט לואיס׳ן אין האַלבע ווערטער: — פילייכט האָסטו אזוי שווער געזינדיגט וואָס גאָט׳ס קלאָלע וויל זיך ניט אָפּטאָן פון אונז?

לואיס גיט איר צו פארשטיין, אז די זינד איז א גרויסע, אן אַל־געמיינע, מיליאָנען נייען ארום לײַדיק, פּונקט ווי ער.

איין פרימאָרגן איז מערי ארײַנגעקומען מיט א פרייד אין הויז. דער לענדלאָרד פון איבער דער גאַס האָט ארבעט פאַר לואיסן.

לואיס האָט ווי א הירש א שפּאַן געטאָן איבער דער גאַס. דער לענדלאָרד האָט אים דערקלערט: ס׳איז פאַראַן ארויסצושטעלן אכט

טענענטס וואָס ווילן נים צאָלן קיין רענט און ער וועט דאַרפן העלפן זיי ארויסשטעלן.

לואיס׳עס פרייד איז גלייך געוואָרן איבערגעריסן. ער האָט דורכן פענצטער דערזען דאָס אָנקומען פון אַ מאַסע מענטשן. זיי זיינען שטיין געבליבן מיט אים פּאָנים־אל־פּאָנים. ווען ער האָט די טיר אַ עפן געטאָן האָט ער דערהערט רייד פון זיי ווי צו זיין גלייכן.

דער הויז־קאָמיטעט פון די סטרייקענדע שכוינים האָט דער־קלערט:

— היינט וואַרפט דער לענדלאָרד אונז ארויס פון די צימערן, מאָרגן וועלן דאָס די אַנדערע לענדלאָרדס טאָן צו זייערע שכוינים.

לואיס איז געבליבן שטיין פאַרקלעמט. ער האָט נים געהאַט וואָס צו ענטפערן. ווען ער איז ארויסגעקומען אין דרויסן האָט ער פאַר די סטרייקער געשילדערט זיין לאַגע, ווי ער האָט די געלט און דעם דזשאָב פאַרלאָרן, דאָס ארימע ביסל פאַרניטשור האָט מען אוועקגע־נומען, די געז פאַרמאַכט, פיר קינדערלעך מיט אַ גוטער מאַמע זיצן אין הויז הונגעריג.

דער הויז־קאָמיטעט האָט אים צו זיך גערופן. גענומען ריידן און דערקלערן ווער ס׳איז שולדיק אין די אַלע זאַכן. ווער עס זיינען די עמעסע זינדיקע... און פון וואַנען ס׳קומט די שטראָף...

לואיס האָט געבעטן מ׳זאָל וואַרטן אַ ווײַלע. ער איז געלאָפן און אויך אריינגעפירט מערי׳ן צום מיטינג.

ווען דער פאָרשטייער האָט גערעדט, זיינען ביידע געזעסן מיט צעעפנטע מיילער. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און פייערווערק האָבן זיך געצונדן אין זייערע אויגן.

ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם גאַנצן בלאָק הייזער און אויסקעמפן אַז די וואָס אַרבעטן נים, זאָלן נים ווערן ארויס־געשטעלט פאַר נים צאָלן קיין רענט, האָבן לואיס און מערי זיך אי־בערגעקוקט און איינגעלאַדן צו האַלטן דעם נעקסטן מיטינג ביי זיך אין הויז.

אין אָוונט ווען די שכוינים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי לו־איסן אין הויז, איז מערי גלייך ארויסגעלאָפן און אריינגעבראַכט אַ פאָר ליכטלעך.

לואיס האָט גענומען אַ ליכטל, איינגעשמעלצט אויף דער שאַפּקע און האָט דאָס אָנגעצונדן. מערי האָט אַ פאַרצווייפלטן קוויטש געטאָן.

די קינדערלעך זיינען צוגעלאָפן און מערי האָט אַלעמען געוויזן מיט דער האַנט:

אין דער גלאָז אויף דער שאַפּקע איז דאָס גאָלדענע פישעלע געלעגן מיטן ווייסן־בייכעלע איבערגעקערט — טויט! דאָס גאָלדענע פישעלע איז פון הונגער געשטאָרבן.

מיט פאַרקלעמטע הערצעלעך זיינען די קינדער געשטאַנען און צוגעקוקט ווי דאָס ליכט האָט געשמאָלצן צוקאָפּנס פון דעם פישעלע — זודיגע טרערן...

מערי האָט אַ כאַפּ ארום געטאָן אירע קינדערלעך און מיט טרערן אין די אויגן צו די ארומיגע געזאָגט:

— אויב מיר וועלן ווייטער שווייגן, וועלן מיר אויך ליגן מיט געשוואָלענע בייכער פון הונגער, ווי דאָס שטומע פישעלע...

* * *

מערי און לואיס ווייסן שוין איצט פאַר וועמענס זינד זיי לײַדן. זיי קוקן ניט אויס מער פאַר הילף פון גאָט. נאָר צו דעם אָרגאַניזירטן קויאַך פון די ארבעטער־מאַסן.

אין די פרייע מינוטן זיצט מערי מיט די קינדערלעך, דערציילט זיי ווי באַנקירן, באָסעס, לענדלאָרדס, האַלטן די אָרימע פאַר שטומע פיש...

די קינדערלעך הערן זיך צו, וואַרפנדיק זייערע אויגעלעך צו דער שאַפּקע וואו עס שטייט די ליידיגע גלאָז וואו דאָס גאָלדענע פישעלע האָט זיי אַזוי פיל פרייד געשאַפן...

ליזאַ

צווישן די טויזנטער שילדן אויף בראָדוויי, האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעזען א גרויסע שילד מיט גאָלדענע בוכשטאַבן: „קאָהן און לאַנג קלאָדיערס".

די פירמע איז געווען זייער פּאָפּולער און האָט געטאָן גוטע געשעפטן. ביידע שותּפים האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן א סך צו פאַרדאַנקען זייער פּיאָניר מענעדזשער מיסטער גרייבער, וואָס זייער פירמע טוט אַזוי פיל געשעפטן. מיסטער גרייבער פלעגט ווי מיט א מאַגנעט-שטעקעלע ארײַנציען די גרעסטע „בייערס", וואָס האָבן אַלץ מער און מער פּאָפּולער געמאַכט איבערן לאַנד דעם „איגל-ברענד לייבל" פון דער פירמע קאָהן און לאַנג.

מיסטער גרייבער, דער מענעדזשער ארבעט שוין ביי דער פירמע פאַר די לעצטע אַכט יאָר. אין די אינגערע יאָרן האָט ער זיך באַרימט געמאַכט ביי די באַלעבאַטים אַלס דעטעקטיוו און שפּיאָן, וואָס פלעגט נאָכשפּיאָנירן ארבעטער ווען זיי האָבן פאַרשפּרייט בלעטלאַך און געוואָלט אָרגאַניזירן סטרייקס.

דער דערפאָלג פון מיסטער גרייבער אַלס מענעדזשער, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אין דער פאַבריק באַזייטיגט אַלע מענער און אויף זייער פּלאַץ ארויפגענומען פרויען. בלויז ביי די מאַשינען און ביי די גאָר שווערע פיזישע ארבעט האָט ער דערלויבט מענער צו ארבעטן.

די פרויען, וואָס ער האָט ארויפגענומען צו דער ארבעט, האָט ער פערזענלאַך אונטערזוכט צו זיי זיינען די פּאַסיגע פּערזאָנען פאַר דער פאַבריק...

מיסטער גרייבער איז געווען הויך, עלעגאַנט, שטענדיג געטראָגן געקנייטשטע הויזן, א שיין-אויסגעקניפּטן שניפּס און מיט א ציגאַר אין מויל. שאָען לאַנג פלעגט ער ארומשפּאַצירן צווישן די טישלאַך און מאַשינען, מעסטן מיט זיינע אויגן דאָס אויסזען פון די פרויען.

די פרוי וואָס איז שוין ניט געווען אַזוי יונג און האָט ניט געהאַט דעם געהעריגן געשמאַק אין מיסטער גרייבער'ס אויגן, האָט שוין לאַנג ניט געקענט פאַרבלייבן אין דער פאַבריק.

איז א „בייער" אריינגעקומען אין דער פאבריק, האט מיסטער גרייבער אים ניט ארומגעפירט ווייזן די מלאכה פון א מלבוש, נאָר ער האָט געפירט ווייזן די נייע ארבעטערינס, וואס זיינען לעצטנס אריינגעקומען....

און האָט א „בייער" געוואָרפן אן אויג אויף איינער פון זיי האָט שוין מיסטער גרייבער דורך א צייכן איר ארויסגערופן צו זיך אין אפיס אריין...

די מענער וואס זיינען געשטאנען ארום די פרעס־מאשינען פלעגן זיך ביי אזא סצענע צעהירזשען און מאכן דערביי ציניש באמערקונגען. די פרויען ווידער, פלעגן בלייבן זיצן אין אזא מאָמענט ווי אָפּגעגאָסן מיט א קאלטן שוויים, פלעגן ארונטערלאָזן זייערע קעפּ איינגעגראָבן אין ראָק און זיך מאכן ניט הערענדיג די אויסרופן פון דעם סאב־קאָנטראקטאָר מיסטער גרינהויז.

מיסטער גרינהויז האָט אונטער זיין האנט געהאט פיר אונטער־פרעס־מאשינען, וואס זיינען געשטאנען אין דערמיט פון די שניידער־טישלעך, וואו ארום זיינען געזעסן די פרויען און געארבעט.

אזוי גיך ווי מיסטער גרייבער האט ארויסגערופן א פרוי צו זיך אין אָפיס, האָט גרינהויז אויסגעשטשירעט זיינע פוילע ציין וואָרפנדיק באמערקונגען צו די פרויען: — גאסי, ווען ביזטו נעקסט ?... מאניע, דו ביזט שוין לאנג ניט געווען אין אָפיס... איידע ווען קומט דיין „בייער" ?....

איטשע, דער אלטער פרעסער, וואס האָט געארבעט אונטער גרינהויז'ן, פלעגט אפט א שפיי טאָן אין דער ריכטונג פון אפיס און צעשרייען זיך:

— כאזער, מאַך צו דיין שנוק.

איצט שווייגט דער אלטער איטשע. זינט ער האָט פארלאָרן זיין פרוי איז ער געווארן נאך מער פאנאטיש־רעליגיעז, ער איז איצט א סאך פרומער געוואָרן און אלע טאָג, מיטאָג־צייט, אויב דער אָפיס איז ניט פארנומען, רופט ער צענויף א מיניען אידן פון פאבריק צו דאווענען מנחה און קדיש זאגן פאר דער נשמה פון זיין פרוי.

דער מענעדזשער, מיסטער גרייבער, און דער סאָב־קאָנטראקטאָר, מיסטער גרינהויז, זיינען צוויי פון דעם מנין אידן... שווייגט איצט איטשע און רעדט ניט קיין וואָרט.

ווען די פרוי פלעגט ארויסקומען מיטן „בייער" פון א באזוך אין

אפּים... האבן איר אלע געטאן א מעסט מיט די אויגן און איבערן שאפּ האט זיך דערהערט א געלעכטער אויסגעמישט מיט ביטערקייט.

די פרוי וואס פלעגט נאך אזא סצענע ארויסקומען פון אפּים האט איינגעגראבן דעם קאפּ אין ראק און זיך געטרייסט מיט דעם וואס שפּעטער וועלן אלעמענס אויגן זיין געווענדעט צו א צווייטער.

אזוי האט מיסטער גרייבער פּאפּולער געמאכט דעם „איגל ברענד לייבל" און „בייערס" זיינען געקומען פון אלע עקן לאנד. און די פירמע פון „קאהן און לאנג קלאדיערס" איז געוואקסן.

גאר גיך האט מיסטער גרייבער פארגרעסערט די פאבריק און האט אריינגעגעבן אן אנאנס אין די צייטונגען: פארלאנגט מיידלאך צו דער ארבעט ניט עלטער פון 25 יאר „מוזן האבן שיינעם אויסזען"....

אויף צומארגנס זיינען געקומען צענדליגער יונגע מיידלאך זוכן ארבעט, מיסטער גרייבער איז געשטאנען צווישן זיי און געקליבן די שענסטע.

צווישן די מיידלאך וואס ער האט אויסגעקליבן האט זיך געפונען איינע א יונגע מיידעל מיטן נאמען ליזא.

די שיינע ליזא האט נאך קיינמאל ניט געארבעט אין א שניידער פאבריק. נאר לייענדיג דעם אנאנס און וויסנדיג אז זי איז א שיינע האט זי געמאכט א פארזוך זיך אריינצוקריגן אין דער פאבריק. צו דער פאבריק האט זי ספּעציעל ביישעק געהאט אריינצוגיין ארבעטן. . .

מיסטער גרייבער האט איר ניט געפרעגט צו זי קען די ארבעט, ער האט איר גלייך געהייסן זיך זעצן צוזאמען מיט די אנדערע מיידלאך ביים טיש.

ליזא האט זיך געזעצט ביים טיש און גרינהויז האט גלייך צעעפנט זיין וואולגארן מויל:

— ווייסט מיידל, אז דא אין שאפּ דארף מען ניט קענען נייען, איך וואלט אויך איצט געוואלט זיין דער מענעדזשער פון שאפּ...

די חברה ארום האבן געקוואלן פון זיינע פוילע וויצן. מאנכע פרויען האבן געקוקט מיט באדויערן אויף דער יונגער שיינער ליזא.

ליזא איז געזעסן אנגעשטריינגט געלערנט זיך אריינצוציען א פאדעם אין נאדל.

עטלעכע טעג שפּעטער האט הויך איבערן שאפּ א קלונג געטאן דער געשריי פון דעם סאב-קאנטראקטאר גרינהויז: — ליזא, דער פאר-

מאַן רופט דיך אין אָפּיס. ליזא האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און האָט זיך מוטיג א הויב־געטאָן און אריין אין אָפּיס.

אַלע ארום האָבן זיך איבערגעקוקט. גרינהויז האָט ווי שטענ־דיג געוואָרפן פּוילע וויצן :

נו, רב איטשע, איר וואָלט נאָך געקענט טאַנצן א קעדושע מיט אזא מויד ?

מיסטער גרייבער האָט איר א נעם געטאָן אין זיינע פעסטע לאַ־פּעס ווי א ווילדער טיגער, ניט ארויסריידנדיג צו איר קיין איין וואָרט.

ליזא האָט זיך געמאַכט אז זי ווערט זיך ניט, ארויפגעלייגט אירע קלאָרע הענט אויף זיינע הויכע אַקסלען איינגעבויגן אים זיין שטאָל־צע קאָפּ און שטיל אים עפּעס איינגערוימט אין אויער...

ער האָט זיך וויניג צוגעהערט צו אירע רייד. געמאַכט א פּאַרזוך איר א קוש צו טאָן. זי האָט זיך אבער קלוג ארויסגעדרייט פון זיינע הענט און דערביי א שפּאַס געטאָן — דאָס לעבן איז נאָך גרויס... לאָזט דאָס פאַר א צווייטן מאָל...

איין פרימאָרגן ווען גרייבער איז אריינגעקומען אין שאָפּ און איז באַגעגענט געוואָרן מיט א שמייכל פון ליזאן איז זיין פרייד אי־בערגעריסן געוואָרן, ווען דער סאַב־קאָנטראַקטאָר האָט אים אָנגע־זאָגט אז גלייך אין דער פרי איז דער שאָפּ געווען פאַרפלייצט מיט בלעטלאַך וואָס האָבן גערופן די ארבעטער צו א סטרייק, און ניט נאָר אין שאָפּ נאָר אפילו אין אַלעמענס קעשענעס געפינען זיי זיך.

ליזא איז אויך גלייך צוגעלאָפן און זיך באַקלאָגט פאַרן מע־נעדזשער : — ניט נאָר אין די קעשענעס נאָר אפילו אין די צענויפגע־בונדענע פּעקלאַך ארבעט געפינען זיך אויך בלעטלאַך, וואָס וואַרפן אַזעלכע שלעכטע באַשולדיגונגען אויף אייך.

מיסטער גרייבער האָט מיט ציטערנדיגע הענט גענומען לייענען איינע פון די בלעטלאַך, צו יעדער וואָרט וואָס ער האָט ארויסגע־לייענט וועגן זיך, האָט זיך דער פאַרב געביטן אין זיין פּנים.

ווי א פלינקער דעטעקטיוו האָט ער זיך א לאָז געטאָן איבער דער פאַבריק, גענומען באַזוכן יעדן ווינקל אויך די קליידער פון די ארבעטער, און נאָך א לאַנגן זוכן און נישטערן האָט ער געפונען א גאַנצן פּעקל בלעטלאַך אין קעשענע פון סאַב־קאָנטראַקטאָר מיסטער גרינהויז.

ווי א כאַיע ווילד איז ער צוגעלאָפן און זיך צעשריען: — אזוי ?

דו ווילסט דאס דא האבן א סטרייק ? אה איך פארשטיי שוין, איך האב שוין טאקע לאנג געטראכט אז דו קלייבסט זיך אויף מיין פלאץ. אזוי, דו ווילסט דאס דא ווערן פארמאן ?

גרינהויז איז שטיין געבליבן ווי פארגליווערט, זיינע וואסערדיגע אויגן זיינען מיט בלוט פארלאפן, די פוילע ציין האבן זיך עפעס דאס מאל אנגעזעהן מער ווי ווען עס איז פריער.

די פרויען ארום זיינען געזעסן מיט באהאלטענע שמייכלען אונ־טער די ליפן, צוגעקוקט ווי דער מענעדזשער ווערט וואס אמאל בייזער און ענדלעך האט ער זיך ווי א טיגער א ווארף געטאן אויף אים — פארלאשן דאס אייזן און געוויזן אים דעם וועג צום טיר.

א טאג שפעטער איז שוין מיסטער גרייבער געקומען אין שאפ פריער ווי אלעמאל, ווידער האט ער געטראפן אלע טישן פארפלייצט מיט בלעטלאך, און אפילו די ווענט זיינען איבעראל פארקלעפט גע־ווען.

מיסטער גרייבער האט זיך די פינגער געביסן און געזעדט ווי צו זיך אליין :

— „אזוי, ער האט זיך פארטאג אריינגעכאפט אין דער פאבריק און ווידער פערפלייצט מיט בלעטלאך. ער וויל מיר מאכן א סטרייק. ער וויל מיך ארויסבייסן פון פלאץ".

ליזא איז א שמייכלענדיגע ארוים פון אונטערן טיש האט אים א צארטן גלעט געטאן און אריינגערופן אים אין אפיס.

אלע ארום האבן געקוקט פארוואונדערט ניט קענענדיג פאר־שטיין וואס דא קומט פאר.

אין אפיס האט ליזא זיך אוועקגעזעצט הארט לעבן אים און גענו־מען אריינטענה'ן :

— מר. גרייבער, זייט וויסן, אז די ארבעטער קלייבן זיך צו גיין אין סטרייק. איך הער זיי ריידן גאנץ אפן, מר. גרינהויז פון דרויסן און אנדערע פון אינווייניג ארבעטן מעשים פאר א סטרייק.

ער האט אויסגעגלאנצט זיינע אויגן הילפלאז, צערטלענדיג איר ביים האנט, גאר ניט ווי זיין טעווע איז געווען און האט זיך געוועגדעט :

— ליזענקע, וואס טוט מען ? איך האב גאר ניט געוואוסט וואס פאר א פריינט איך האב דא אריינגעקראגן אין דער פאבריק מיט דיין אריינקומען צו דער ארבעט. זאג מיר, מיט וואס קענסטו מיר העלפן ?

ליזא האט אים א גלעט געטאָן איבער זיין גלאַט־פּארקעמטן קאָפּ און אים געראטן:

— הערט מיסטער גרייבער: איך האב א סך גוטע באַקאַנטע מיידלאך און מענער. איך וועל אויסקלייבן די בעסטע וואָס זיינען פּאסיג פאר דעם שאַפּ און אריינזעצן זיי אין יעדער סעקשאָן. און דאן מיסטער גרייבער — האט זי א וואונק געטאָן מיט אן אויג, — וועל איך וויסן ווער עס זיינען די וואס ווילן גיין סטרייקן... איך וועל אויס־געפינען „די געהיימע האַנט" וואָס ארגאַניזירט זיי דא אין שאַפּ.

— גוט, גוט ! — איז ער אויפגעשפּרונגען מיט פרייד און איר פעסט א דריק געטאָן צו זיך — דו ביזט געניאַל, דו ביזט א דעטעקטיוו. גיי גלייך ברייננ זיי, גלייך, גלייך ! און דו וועסט נאך זיין ביי מיר פאָרליידי אין שאַפּ.

און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט א פריילעכן פּנים איבערן שאַפּ. ענדלעך וועט ער וויסן. ווער ס'האָט זיך פארנומען צו ארגאַ־ניזירן די ארבעטער.

א פּאָר טעג שפּעטער זיינען שוין געזעסן אין יעדער סעקשאָן פון שאַפּ איינער אָדער צוויי פון ליזא'ס פריינט.

אָבער מיט יעדן טאָג האָט זיך נאָך שטארקער צעברענט דער פייער ביי די ארבעטער. וואָס מער עס זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן די ארבעטער אויף וועמען ליזא'ס פריינט האבן אנגעוויזן, אז זיי זיינען דאס די וואָס פארשפּרייטן די בלעטלעך... אַלץ מער בלעטלעך האָבן זיך געוויזן אין שאַפּ, אַלץ שטארקער האָט זיך געפילט אין דער לופט, אז יעדער מינוט קען זיך אויפרייסן די פאס פּולווער און א סטרייק זאָל זיך צעברענען אין דער פאַבריק פון „קאהן און לאַנג קלאָדיערס".

דורך דער צייט פון שטורעם אין שאַפּ האָט מיסטער גרייבער אויפגעגעבן זיין העפקער באציאונג צו די פרויען. בלויז ליזא'ס שמייכל האָט ער ניט געקענט פארגעסן. פלעגט ער שטיין אין דער אפענער טיר פון זיין אָפיס און קוקן אין ליזא'ס ריכטונג. זי האָט זיך אים איינ־געבאַקן אין הארצן.

אַלע אויף דער נאַכט פלעגט ער איר איינלאַדן צו גיין מיט אים, ארויספאָרן אין זיין טייערן „לימאָזין", באַזוכן שיינע קאבארעטן אָדער גיין אין טעאטער.

ליזא האָט די איינלאַדונגען ניט אנגענומען, זי האָט אים אַלע

מאל דערקלערט אז זי איז ניט אין מוט — „ווייל איר מאמע ליגט קראנק און האלט ביים שטארבן", זי קען ניט אוועקגיין פון הויז, אבער, האט זי אים אלץ בארויגט — „דאס לעבן איז נאך גרוים... מיר וועלן נאך גיין"...

מיסטער גרייבער וואס איז אלע מאל געווען ברוטאל צו זיינע אר־בעטער האט אין גאנצן אנדערש געהאנדלט מיט ליזא'ן. זי האט אים מיט איר בליק אזוי צעשרויפט, אז דאס האט אים אינגאנצן אריינ־געפירט אין אנדערע שטימונגען.

שעה'ן לאנג איז ער ארומגעגאנגען האלטענדיג זיך פארן קאפ. פון איין זייט האט ער דערפילט אז ער איז ניט מער בעקייאך צוריקהאל־טן די ארבעטער פון א סטרייק. פון דער אנדער זייט האט ער שוין מער ניט געקענט רוען פון דער שיינער ליזא, וואס איז אזוי צופעליג אריינ־געקומען ארבעטן אין שאפ און זינט יענעם מאמענט איז געווארן אזא צעטומלעניש אין זיין לעבן.

יעדער טאג וואס האט זיך דערנעענטערט צום רוף פון סטרייק אלץ מער איז מיסטער גרייבער ארומגעגאנגען פארצווייפעלט, ער פלעגט פרובירן זיך אליין טרייסטן אז ליזא, די קלוגע ליזא וועט דאך אפשר אין לעצטן מאמענט דורך אירע פריינט באווייזן צוריקצוהאלטן די אר־בעטער פון ארויסגיין אין סטרייק.

דער טאג איז געקומען. מיסטער גרייבער איז דעם פרימארגן אריינגעקומען גאר פרי, ווי א טיגער אין שטייג האט ער ארומגע־שפאנט פון טיש צו טיש, פון מאשין צו מאשין וועלענדיג דער־שמעקן די געהיימע האנט, וואס האט אזוי באליבט געמאכט דאס ווארט יוניאן אין זיין פאבריק.

ליזא איז אריינגעקומען צו דער ארבעט, א סך אויגן זיינען גע־ווען געווענדעט צו איר. אויף איר פנים האט זיך דאס מאל ניט געזען איר שטענדיגער שמייכל.

מיסטער גרייבער איז איר אנטקעגן געלאפן :

— דו ביזט פארזארגט ? — האט ער איר גענומען פארן האנט פירנדיג צום אפיס — ווי דיינקסטו, וועלן זיי ארונטער ?

ליזא האט אים ניט געענטפערט, זי האט א מאך געטאן מיט דער האנט צו אירע פריינט אין אלע סעקשאנס, און הויך זיך צושריען אויפן קול :

אלע ארונטער ! סטרייק ! אלע מוזן ארונטער, אלע ארונטער !—זי

האָט אירע אויגן ווי פּיילן געוואָרפן גרייבערן גלייך אין פּנים אריין — ס'איז א סטרייק !

אליין איז זי שטיין געבליבן ביים טיר פון אפיס ניט לאזענדיג אים אריינגיין צו רופן נאך פּאליציי.

מיסטער גרייבער האָט זיך א וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ צום ווענטל פון אָפיס אויסגעגלאָצט זיינע כאיעשע אויגן און גענומען קריצן מיט די ציין :

— אזוי, דיינע פריינט האָסטו אריינגענארט אין שאָפּ און מיינע פריינט מיר געהייסן אוועקשיקן ! אזוי האָסטו מיר דאָ אריינגענאַרט א יוניאן ? !

ער האָט א הויב געטאָן זיין ארעם ווי איר א קלאָפּ צו טאָן. ליזא האָט געשיקט אויפגעהויבן איר האנט און אים פארפאָרן אין פּנים אריין, די ארבעטער האבן איר באלד ארומגערינגלט און צוזאמען ארונטערמארשירט מיט געזאנג אין גאס ארויס.

ווען אלע זיינען שוין געווען ארונטער פון שאָפּ, איז נאך מיסטער גרייבער געשטאנען מיט זיין קאָפּ פארוואָרפן לעבן טיר פון אָפיס און געגלעט זיך די באַק וואו עס האָט נאָך געגלאנצט די פינף רויטע פינגער פון דער „געהיימער האנט"...

* * *

די נייעס אז די ארבעטער פון קאהן און לאנג זיינען ארונטער אין סטרייק האָט זיך בליץ שנעל פארשפּרייט איבער אלע פאבריקן.

די פּיקעטליין אנגעפירט פון דער „געהיימער האנט" האבן צו־געצייגן אלעמענס אויפמערקזאמקייט. אלע האבן געקוקט מיט ליבע אויף דער נאך גאר יונגער ליזאן. בלויז גרייבער פלעגט יעדן פרימארגן ווען ער איז פארבייגעגאנגען דעם שאָפּ, איר דורכשטעכן מיט זיינע בליקן.

ליזא האָט געלאכט : — מיסטער גרייבער מיינט אז נאר ער האָט געקענט טאָן דעטעקטיוו ארבעט. האבן מיר אים באוויזן, אז מיר יונגוואַרג קענען דאס בעסער פון אים און פאר א בעסערן צוועק.

די סטרייקער זיינען געווען מונטער און פריילעך, אין זייער פרייער צייט זיינען זיי געזעסן אין מיטינג־לאקאל און דערציילט זייע־רע דערפארונגען פאר די יארן וואס זיי האבן געארבעט אונטער גרייבערן.

ווען ליזא האָט גערעדט, זיינען אלעמענס אויגן געווען צעעפנט,

אפילו דער אלטער איטשע איז געזסן און געשלונגען יעדעס וואָרט. בלויז גרינהויז דער סאַב־קאָנטראַקטאָר וואָס איז אויך צוגעשטאַנען צו די סטרייקער האָט ניט געקענט פאַרגעבן ליזאַ'ן.

גרינהויז פלעגט ארומגיין און פּרובירן אנטמוטיגן די סטרייקער: — „איר מיינט ס'איז שוין דאָס ערשטע מאָל וואָס מ'סטרייקט ביי קאהן און לאָנג? מ'האָט שוין דא געסטרייקט 10 מאָל. אבער מ'האָט נאָך קיינמאָל ניט געוואונען, די פירמע איז צו רייך."

ליזא האָט אלע טאָג געבראכט ניעס צו איר קאַמפּלוסטיגע ארמיי: — די ארבעט וואס מיסטער גרייבער האָט נעכטן ארויסגעשיקט אין דער קאָונטרי־שטעטל — האָט ליזא באריכטעט — וועט מאָרגן פרי אנקומען צוריק.

די סטרייקער זיינען געווען אין צייט אויף דער פּיקעטליין און האָבן מיט זייערע אויגן געזען ווי די גרויסע קאַסטנס זיינען צוריקגעקומען.

אלע האָבן געקוקט מיט פאַרוואונדערונג: — ווי אזוי איז דאָס געשען ?

ליזא האָט מיט א זיס־שמייכל די פאַרטרויענסווערטע סטרייקער אָנגעוויזן: — איין קלייניגקייט, די טראַק־דרייווערס זיינען אונזערע פריינט, אונזערע מיטקעמפער, בין איך ארויף אפן טראָק און אנגעשריבן אויף די קאַסטנס א ניעם אדרעס... איצט זאָל מיסטער גרייבער דער דעטעקטיוו זוכן, ווער ס'האָט דאס געטאָן...

איין פרימארגן איז גרינהויז געקומען צעלויפן מיט א זיגרייכן שמייכל אויף זיין פּנים:

—איר זעט, איך האָב אייך געזאגט, אז ביי קאהן און לאָנג קען מען ניט געווינען קיין סטרייק. כ'בין נעכטן נאכט פאַרבייגעגאנגען דעם שאָפּ האָב איך אליין געזען ווי מ'האָט געארבעט, געווען ליכטיק אפן גאנצן פלאָר.

די ניעס האט שוין אייגענטליך ליזא אויך געהערט פון אנדערע. זי האָט זיך אין דעם איבערצייגט, אלע אָוונט ארום ניין, צען א זייגער ווערט ליכטיק אין שאָפּ און ס'איז מעגלעך אז דאן ווערט גענומען ארבעט.

די ניעס האָט שוין ליזאַן ניט געלאזט רוהיג שלאָפן. א גרויסע צאָל ארבעטער האבן ארונטערגעלאזט זייערע קעפּ. מיסטער גרינהויז האָט שוין אויף דעם רעכענונג פאַרשפּרייט אלץ מער און מער אומ־

צוטרוי צו דער פירערשאַפט און „געטראָגן" די נייעס צו גרייבערן ווען ער האָט שוין ווידער געדינט.

ליזא מיט איר קאַבינעט אונטער דער פירערשאַפט פון דער יוניאַן האָט באַשלאָסן: מ'מוז וויסן, ווער און וואָס עס דערלויבט זיך צו סקעבן געגן אונז.

איין אויפדערנאַכט האָט ליזא אַראַנזשירט מיט פּיליפּן און בעני'ן, צוויי פון אירע מיטסטרייקער. זיי זאָלן זיך אַרויפכאַפּן אויפן דאַך פון דער געביידע געגנאיבער דער פירמע קאַהן און לאַנג, פאַרבלייבן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט אַכטונג צו געבן און זען ווער ס'קומט אַריין סקעבן. ווער ס'שניידט דאָרט — אָדער ניט ?

אין דעם שאַפּ געגנאיבער, האָט ליזא אַראַנזשירט מיט די פירער פון די עלעוויטאָרס צו זיין אויף דער וואַך אונטן, זיי אויסהיטן פון דער פּאָליציי.

ביי אַ שאַפּ־מיטינג האָט ליזא פאַרזיכערט : מאָרגן וועלן מיר אַלע וויסן וואָס ס'טוט זיך אין שאַפּ.

די אַרבעטער זיינען געוואָרן געשפּאַנט. זיי האָבן געוואוסט, אויב ליזא זאָגט; מ'וועט וויסן, מיינט דאָס אַז ס'וועט שוין זיין אַ פולער באַריכט.

פּיליפּ און בעני די צוויי סטרייקער האָבן אָפן דאַך אויסגעזוכט אַ סטראַטעגישן פּונקט געגנאיבער דער ריי פענסטער וואָס האָט אין ליכט קלאָר געוויזן וואָס טוט זיך אין קאַהן און לאַנג'ס שאַפּ.

זיי זיינען אָבער געזעסן אומגעדולדיג, די מינוטן זיינען געקראָכן ווי די ערשטע טעג ביי אַ געפאַנגענעם. אין און אַרום אַלע ריזיגע גע־ביידן שטאָק־פינסטער.

בעני האָט איבערגעריסן די שטילקייט : „וואָס אַ משוגענעם קען איינפאַלן. סקעבן ? מיר דאַכט זיך אַפילו מייז וואָלטן זיך געשראָקן איצט צו קומען אַהער".

— נו, מילא, האָט פּיליפּ פּרובירט אים באַרוהיגן : ס'איז בעסער אַז ניט, מיר וועלן איבערקומען די נאַכט, און זאָלן די אַרבעטער וויסן אַז די אַלע אויסגעטראַכטע נייעסן האָבן גאָר ניט קיין ווערט.

די לאַנגע מינוטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שעען, אויך צופיל רעדן צווישן זיך האָבן זיי ניט געוואָלט. זיי האָבן זיך איינגענו־רעט אין זייערע פּאָזיציעס געקוקט אין דער סאַף־ביידעשדיגער פינס־טערניש.

פלוצלונג איז ווי פון א דונער און בליץ איבערגעריסן געוואָרן זייער מאָנאָטאָנקייט, ווי א הייסער ברי וואָלט זיי פון די פּלעצער א הויב געטאָן. א פּאַס ליכט האָט זיי א שנייד געטאָן אין די אויגן. ביידע האבן אויסגערופן: — „די סקעבס קומען״!

אין דעם שאַפּ פון קאָהן און לאָנג איז געוואָרן ליכטיק. מיסטער גרייבער איז ארומגעלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, טראָגנדיג „ראָלס״ סכוירע צו דעם לאַנגן טיש פון די קאַטערס.

— דו זעעסט! — האָט פיליפּ א שטורכע געטאָן בעני׳ן — ס׳איז שוין גארניט אויסגעטראַכט, מ׳סקעבט!

מיט אויגן ווי שפּיזן האָבן זיי געוואָרפן אויף יעדער באַוועגונג פון מיסטער גרייבער׳ן.

מיסטער גרייבער איז געבליבן שטיין א ווײַלע באַם לאַנגן טיש, די בוכהאַלטערן מערי איז ארויסגעקומען פונ׳ם אָפיס.

מערי האָט ווי א שלאַנג זיך א דריי געטאָן איבערן שאַפּ מיט איר שלאַנקע פיגור צוגעקומען צו גרייבערן, ער האָט איר אויף זיין וואָל־גאַרן אויפן א כאַפּ ארום געטאָן און פלינק איר אַוועקגעזעצט אָפן טיש. ער איז שוין מער ניט ארומגעלאָפן, זיי זיינען ביידע געבליבן זיצן. ליידענשאַפטליך האָבן זיי זיך געקושט, געשפּילט און פארבראַכט...

פיליפּ און בעני האָבן מיט אָנשטריינגונג אין דער פינסטערניש זיך איבערגעקוקט, בעני האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צע־לאַכט: — אַזעלכע פארדאַמטע סקעבס...

פיליפּ האָט א קאַלטן ציטער געטאָן: א טייפל זאָל זיי נעמען, אונז וואַרפט דאָ א צאָן אין צאָן און זיי וואַרעמען זיך, אויסקריינקען זאָלן זיי דעם פארגעניגן...

— איצט פאַרשטייסט שוין — איז בעני געוואָרן ערנסט — דער ביטערער דעטעקטיוו וויל דאַס אונז, די סטרייקער אָפּנאַרן. קומט ער אַזוי אַריין אַלע נאַכט מיט דער בוכהאַלטערן און וויל אונז מאַכן גלויבן אַז די שאַפּ אַרבעט...

— נו, נו, — האָט פיליפּ אויסגעשאָסן א געלעכטער — מיר וועלן מאָרגן באַם שאַפּ־מיטינג האָבן צו דערציילן ווי אַזוי מ׳סקעבט דאָ ביי קאָהן און לאַנג אין שאַפּ...

די סצענע אין שאַפּ האָט איבערגעריסן דעם אומעט אָפן דאַך, ווען די ליכט אין שאַפּ איז פארלאָשן געוואָרן, זיינען פיליפּ און בעני געזעסן און געזוכט ווערטער ווי אַזוי צו קענען באַם שאַפּ־מיטינג איבערגעבן

וואָס זיי האָבן געזען און וואָס די „סקעבס" האָבן געטאָן...

די איבעריגע צייט פון דער נאַכט איז שוין דורכגעלאָפן אין גוטער שטימונג. מיט דעם אָנקומען פון פרימאָרגן האָבן די עלעווייטאָר־אַרבעטער צעעפנט די טירן אין דער גרויסער געביידע. פיליפּ און בעני זיינען מוטיק און פרייליך אַרויס אויף דער גאַס.

ליזאַ און אַ גרופּע סטרייקער האָבן שוין געוואַרט אויף זיי. אַלע האָבן מיט נייגעריגע אויגן געפרעגט: „נו, נו" ? ?

פיליפּ און בעני האָבן פּרובירט זיך איינהאַלטן פון לאַכן, זיי האָבן גענומען אָנציען די סטרונעס, אַ ווײַלע זיינען אַלע ערנסט גע־שטאַנען באַם ראַג־גאַס.

בעני האָט פּלוצלונג אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער: כעוורע, מ'האָט היינטיגע נאַכט אין שאַפּ אויפגעמאַכט אַ גרויסן אָרדער . . .

— ניט געשפּאַסט — האָט ליזאַ איבערגעריסן — דערציי'ל, וואָס איז געווען ?

פיליפּ האָט ערנסט גענומען דערציילן, אַלע אַרום האָבן זיך גע־האַלטן ביי די זייטן.

— אויב אַזוי — האָט ליזאַ אויסגערופן — האָט איר אַ רעכט צו שפּאַסן.

די נייעס איז גלייך צוטראָגן געוואָרן אויף דער פּיקעטליין. אַלע האָבן זיך געוויצלט אויף דעם רעכענונג.

ווען פיליפּ און בעני זיינען אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע געבן אַ באַריכט צום שאַפּ־מיטינג פון זייער דערפאַרונג אַלס דעטעקטיוום... האָבן אַלע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער :

— מיר ווייסן שוין, נאָר זאָל מיסטער גרינהויז אויך וויסן !...

ליזאַ האָט שטאָלץ אויסגערופן : מיט אַזאַ סקעבעריי וועט קאָהן און לאַנג זיין אַרבעט ניט מאַכן, ער וועט מוזן סעטלען !

* * *

אויף דער זעכצנטער וואָך ווען דער סטרייק האָט זיך פאַרצייגן, איז די לאַגע פון די אַרבעטער געוואָרן אַלץ שווערער. די קאַסע פון דער יוניאָן ליידיגער,, אָבער די קאַמפּלוסטיגקייט פון ליזאַ און אירע מיטקעמפער — ניט געמינערט.

ווי דער מאָרגן־שטערן אַלע פרי, איז ליזאַ געווען אף דער פּיקעט־ליין אין שניי און אין רעגן, אין די נאַסע וועטערן האָט זי די

עלטערע ארבעטער געשיקט אין זאַל אריין, אליין מיט איר יונגער גווארדיע פארבליבן ארום שאַפּ.

האָט עמיצער איר אויפמערקזאם געמאכט צו זיין פארזיכטיג זיך ניט פארקילן, ווייל אירע שיך זיינען צעריסן, האָט ליזא א שמייכל געטאָן:

— דאָס וואסער האָט פונוואנען ארויס, אונטן איז שוין אויך צע־לעכערט...

איינפרימארגן האָט דער אלטער איטשע פארטרויעט ליזא׳ן:

— זיי וויסן קינד־מיינס — האָט ער מיט ליבע פון א טאטן גענומען רעדן — נעכטן איז געווען ביי מיר מיסטער גרינהויז און דער־קלערט אז דער סטרייק איז פארלאָרן. ער קען מיר אָבער ראטעווען דעם פּלאַץ אויב איך וועל ארויפגיין צו דער ארבעט אין דעם שאַפּ וואו ער וועט מיר שיקן.

ליזא האָט ווי א שפּילעוודיג קינד אים א גלעט געטאָן איבער דער שניי־ווייסער בארד: — גוט! גייט ארויף צו דער ארבעט! געדיינקט זשע נאר אז איר זיינט איצט א יוניאָנמאן...

אין עטלאכע טעג ארום איז אויך דער נייער סקעב־נעסט צערונען געווארן, די ארבעטער זיינען ארונטער אין סטרייק און גרייבער איז ווידער געבליבן אין „הענט״...

דאָס מאָל האָט שוין קאהן און לאַנג גענומען צו הילף נייע שפּיא־נען דעטעקטיווס און פּאָליציי. ליזא איז ארעסטירט געוואָרן.

דער סאָב־קאָנטראקטאָר גרינהויז האָט פרייער צעעפנט זיין מויל און גענומען באוויזן:

— דער סטרייק איז פארלאָרן. יעדער טאָג וואס מיר שטייען נאָך אין דרויסן, פארלירן מיר געלט פון קעשענע.

די שטילע גאָסי איז געזעסן אין א ווינקעלע, זי האָט געשעמט זיך צו ווארפן אין די אויגן צוליב איר „פארגאנגענהייט״ אין שאַפּ. אויף איר פּאָנים האָט א שוויים ארויסגעשלאָגן, זי האָט גענומען טאָר־קען מיטן עלנבויגן איר פריינדינע מאניען, אויף דער צווייטער זייט — צו פרידא׳ן:

— מיר טאָרן ניט שווייגן, ער וויל אונז ווידער פארשקלאפן, ער וויל אונז ווידער איבערגעבן אין די הענט פון די „בייער׳ס״, ניין, ניין!

גאָסי איז ארויפגעלאָפן אויף דער פּלאטפארמע האָט זיך צע־שריען ווי ניט מיט איר קאָל:

— שוועסטער, ברידער, הערט זיך ניט צו, צו אַט דעם לומפּ, ער איז א פּאררעטער א שפּיאָן, ער וויל אונז ווידער מאכן צו בלאָטע, לאָזט אייך ניט!

די שיינע איטאַליענערן לילי איז געוואָרן אָנגעצונדן פון גאַסים׳ס רייד זי האָט זיך א לאָז געטאָן מיט אירע פארשארפטע נעגל צו גרינ־הויזן. גרינהויז האָט זיך ארויסגערוקט פון זאַל ווי א מויז ווען ס׳דער־הערט א קלאַפּ...

אויף מאָרגן האָט קאהן און לאַנג געשיקט רופן א קאָמיטע פון שאַפּ. ער וויל וויסן וואָס זיינען די פאָדערונגען.

דער שאַפּ האָט פריער פאר אַלץ באשלאָסן, איינשטימיג באַ־שלאָסן: — ליזא!...

ליזא איז באפרייט געווארן, דער סטרייק איז געוואונען געווארן!

* * *

ווען מיסטער גרייבער האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם פּייף פון דער טשערלידי ליזא אין זיין שאַפּ, האט דאס אים ווי מעשוגע געמאכט. ער איז ארומגעלאָפן ווילד פון מאשין צו מאשין פון אָפּיס צו אָפּיס זיך ווערגענדיג מיט זיינע אייגענע הענט:

— ניין — האָט ער גערעוועט ווי אין קאנוואולסיעס — זי קען אין מיין שאַפּ ניט ארבעטן. די געהיימע האנט ווערגט מיר, איך ווער דערשטיקט, ארויס פון מיין שאַפּ.

ווען גרייבער האָט געוואלט זיך אָן וואס אנכאפּן און ניט באוויזן איז ער געפאלן באוואוסטלאָז צו דער׳ערד.

נאך עטלאכע וואכן ליגן ווי פאראליזירט איז גרייבער צו זיך גע־קומען. ליגענדיג אין בעט האָט ער שלום געמאכט מיטן געדאנק, נאכ־דעם ווי קאהן און לאַנג האבן אים צו וויסן געגעבן אז זיי זיינען שוין מער ניט בעקייאך צו באפרייען זיך פון יוניאָן.

מיסטער גרייבער איז אריינגעקומען אין שאַפּ אנגעשפּארט אָן א שטעקן. געשלעפּט זיך פון איין סעקשאָן צו א צווייטן מיט אן אראָפּ־געלאָזטע קאַפּ. מאניא, גאסי און די אנדערע מיידלאך האבן אים נאכ־געפאלגט מיט זייערע אויגן, געווארפן דערביי א בליק צו ליזא׳ן וואס האָט געערדט: — „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן"...

„דזשאַנק״

פון וואָס איר זאָלט ניט אָנפאַנגען צו ריידן מיט מיסטער דזש. אייזענבערגן וועט ער אייך גלייך אריינפאָרן מיט די מילכאָמע־יאָרן. די מילכאָמע־יאָרן זיינען פאַר דזשייקן געווען פון די גוטע־צייטן — ער קען זיי ניט פארגעסן.

* * *

גרינערהייט, ווען דזשייק איז אָנגעקומען צו זיין פעטער אין דעם קליין שטעטל קאטאוויסא, האָט דער פעטער אַ קוק געטאָן אויף דעם „גרינהאָרן״ און זיך דערשראָקן פאר זיך אליין — צו וואָס האָט ער אים אינגאַנצן גאָר געבראַכט אהער.

— דאָ — האָט דער פעטער גערעדט צו דער מישפּאָכע אין הויז — דאַרף מען אַ „לייף־ווייער״, עפּעס אַ רירעוודיקן מענטשן. אָבער וואָס וועט אַזאַ־אָ דאָ קענען טאָן?

— ער׳ט זיך אויסלערנען די טוירע — האָט די מומע באַרוהיקט — ער׳ט קענען זיין א קאסטימער פּעדלער ווי אַלע אַנדערע פּעדלער און א דזשאָנק־פּעדלער — אוואדע און אַוואַדע.

אַז דזשייק האָט זיך איבערגעטאָן, זיך אָפּגעראַזירט און פאַרקאַמט זיינע קוטשעראווע האָר, האָט דער פעטער צוגעגעבן אַז ער וועט זיך אויסטייגן צו ווערן אַ דזשאָנק־פּעדלער.

דזשייק האָט באַם פעטער געקראָגן אַ זאַק, אים פארוואָרפן אַפן פּלייצע און זיך ארויסגעלאָזט צווישן די אָרימע מיינער־ארבעטער האַנדלען. זיי פאַרקויפט קלייניקייטן און געקויפט אלטוואַרג. אַז עס האָט זיך אים געמאַכט צו קויפן עפּעס גרעסערס האָט שוין דזשייק געקראגן פון פעטער אַ פערד־און־וואָגן דעם „סטאַק״ צו ברייננגען אין דזשאָנק־יאַרד.

ווען די וועלט־מילכאָמע האָט זיך צעשפּילט און דזשייק האָט גע־זען ווי מענטשן מאַכן גאָלד פון פאַרזשאַווערטע טשוועקעס... האָט ער גענומען אַן איינענעם זאַק און — זיך אַוועקגעלאָזט טאָן ביזנעס פאַר זיך.

די געשעפטן זיינען אים אַוועק גוט. אַלטע שמאַטעס זיינען פאר־

וואַנדלט געוואָרן אין דאָלאַר־בילס, און די שטיקער אייזנס, טשאַון, אין — גאָלד און זילבער.

* * *

דזשייק איז געזעסן אפן וועראַנדאַ אין וויג־שטול מיט אַ פעטן ציגאַר אין מויל און געוואָרפן זיינע כיטרע אויגן אויף די הורבעס אייזן וואָס איז געלעגן אַרום הויז און צו זיך געטראַכט:

„ווער וויים וואָס זיי מאַכן פון דעם דזשאַנק — האַרמאַטן, קאַנאָנען צי אפשר גאָר קוילן?"

ער פלעגט דערביי אַ וואָרף טאָן זיין בליק צום באַרג ברוכוואַרג און אויסרופן צו זיין ווייב מיימי:

— ווייסט, איך האָב דאָ געגוג דזשאַנק פאַר אַ הונדערט קאַנאָנען, גענוג פאַר עטלעכע קריגס־שיפן. זאָל נאָר גאָט געבן אַז די מילכאָמע זאָל אָנהאַלטן, וועלן מיר זיי סופּאָרטן מיט קאַלטס און וואַרימס...

מיימי, שוין אביסל אַמעריקאַניזירט, ניט קיין נאַרישע. נאָר קאַנענדיק איר מאַן פאַר ניט קיין איבעריקן כאַכעם האָט זי דאָך צו אים אָרופּגעקוקט און געוועזן זייער פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט:

— מיר שרעקט די מילכאָמע, מיר האָבן אויך אייגענע.

דזשייק האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און זיך צעבייזערט:

— אַ שיינער פּאַטריאָט פון אַמעריקע. מעהאַרגעט די סאָנים, טראַכט זי נאָר פון אייגענע...

אַ פאַרטראַכטע איז מיימי אַוועק צום קיך. דזשייק האָט זיך פעסטער צעוויקט אין שטול און געלאָזט שטאַרקער דעם רויך אין דער לופטן טראַכטנדיק ווידער און אָבער ווי אַזוי איבערצונעמען די דעפּאַרטמענט סטאָר פון שטעטעלע. ווען דזשייקס אויג איז געפאַלן אויף די קופּעס ברוך איז אים ווידער דורכגעלאָפן דער געדאַנק פון בויען אַ גרעסערן און אפשר דעם גרעסטן דזשאַנק־יאַרד וואָס איז פאַראַן אין קאַטאַוויסאַ. נאָר מער פון אַלץ האָט דזשייק געטראַכט פון זיין שאָכן ראָבערטס הויז.

ראָבערטס איז געווען אַ מיינער אַריבער די פערציקער. טראָץ זיין שוואַכן געזונט און פאַרבוישעכט פּאָנים וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער שטיק־קויל פלעגט ער, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אויך אַכטונג געבן אויף זיין היים.

די היים איז ראָבערטסן געווען זייער ליב, ווייל חוץ דעם מאַר־

געדזש וואָס דזשייק האָט געהאַט אויף „זיין" הויז איז ער שולדיק געוועזן בלויז קליינינקייטן. ראָבערטס פלעגט אָפט איבעררײדן צו די שכנים:

— זאָל נאָר מיין פערד צוריק קומען פון דער מילכאָמע און ווי־דער העלפן אין דער ארבעט, וועט מיין לעבן פיל גרינגער זיין.

דזשייק האָט אָבער געלויערט אויף ראָבערטס היים ווי אַ קאַץ אויף אַ פויגל. ווען ער איז געוואָרן אומרוהיק וואָס ער האָט נאָך ניט קיין פּלאַן ווי אַזוי צו קריגן ראָבערטס הויז. האָט ער פּרובירט זיך אליין צו צעשטרייטן זיינע געדאַנקען:

— הערסט מיימי — רופט ער פון קיך ארויס זיין ווייב, און בלאָזט איר דעם רויך צום פּנים, זי זאָל דערפילן אז ער, דזשייק, רויכערט אַ ציגאַר... — דו ווייסט מיימי? איך וועל דעם סטאַק ניט פארקויפן, דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז פּרייזן וועלן זיך נאָך הויבן.

מיימי קוקט אים אין די אויגן אריין און ניט וועלנדיק זיך שפּאָרן מיט אים ענטפערט זי אים מיט אונטערטעניקייט:

— וואָס פרעגסטו מיר, איך קען דיר דען עפּעס זאָגן?

דזשייק איז זייער צופרידן פונם ווייבס ענטפער. ער וויל איר ווידער באַווייזן זיינע פייאיקייטן אין געשעפט. גיט ער איר אַ שלעפּ פאַרן קלייד און רעדט צו איר שטיל:

— מיימי — שעפּטשעט ער אין אויער ווען זי זיצט שוין בא זיין זייט אין וויג־שטול — איך וויל אַז דו זאָלסט אויך וויסן. מיר זיינען פאַרזאָרגט, זיינען מיר! זעסט דאָס־אָ — ווייזט ער אָן אויף די דזשאַנק־הורבעס — דאָס איז נאָך גאָר ניט...

מיימי, קוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערטע כמעט צעשראָקענע אויגן. דאָס איז דאס ערשטע מאָל אַז דזשייק זאָל רעדן צו איר אַזוי ווי מיט זיינם גלייכן. אירע אויגן פרעגן:

— וואָס?

דזשייק קוועלט פון זיך אליין:

— מיימי, מיר'ן שוין באַלד אויך האָבן דעם פעטערס סטאַק דזשאַנק. שאַ, נאָר שאַ, די גאַנצע ברוך פון פעטער, האָט־אָ־דאָ־אָ ביי מיר...

— וואָס איך הער — שטעלט זיך מיימי אויף פון שטול, און אויף איר פּאָנים באַווייזט זיך שרעק געמישט מיט פרייד — ווי אַזוי?

דזשייק זעצט איר ווידער אוועק:

— כ'האָב באַשלאָסן דאָס דיר דערציילן, נאָר פאַרלאָז זיך אויף מיר — וואַרפט ער די ווערטער מיטן רויך פון סיגאַר וואָס שלאָגט איר שטאַרקער צום פּאָנים — איך, פאַרשטייסטו מיר, האָב אוועקגעשריבן צו מיין ברודער אין נויאָרק, אָבער עס זאָל נאָר זיין שאַ! ער זאָל מיר גלייך אַרויסשיקן אַזאַ־אַ טעלעגראַמע: „דזשיי. אייזענבערג, פאַרקויף גלייך דיין סטאָק דזשאַנק וואָס דו האָסט ביי זיך. די מילכאָמע ענדיקט זיך, פּרייזן פאַלן. אונטערגעשריבן אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ, נויאָרק". נו, וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ איינפאַל?...

מיימי בלייבט זיצן ווי פאַרגליווערט און רעדט אַרוים שטיל, ווי צו זיך:

—נו, איז וואָס?

— פאַרשטייסטו טאַקע גאַרניט קיין ביזנעס — גיט זיך דזשייק האַסטיק אַ וויג אין שטול און קערט שיער ניט איבער אויף מיימי'ן. — וואָס פאַרשטייסטו ניט, איך האָב געשריבן מיין ברודער, ער זאָל מיר שיקן די טעלעגראַמע אַפן פעטערס אַדרעס...

* * *

דזשייק מיטן פעטער האָבן פאַר אַ לייגגערע צייט ניט גערעדט איינע צו די אַנדערע. דער פעטער איז געווען זייער אַנגעשטויסן אויף דזשייקן און פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן פאַר די שכנים:

— איך האָב געבראַכט דעם גרינעם, געגעבן אַ זאַק, אַ פערד און אַ וואָגן; געמאַכט אים פאַר אַ מענטשן. גייט ער איצט און ווערט אַ גאַנצער כאָכעם! כאַפּט מיר אוועק די ביזנעס פון אונטער דער נאָז.

נאָר ווען דער פעטער האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע פאַר דזשייקן, האָט ער די טעלעגראַמע עטלעכע מאָל דורכגעלייענט, ווי ער וואָלט זיינע אויגן ניט געגלויבט. אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און — אָפּגעווישט, געזען אַז אפילו דאָס אַש פון דעם פּאַפּיר זאָל ניט פליען אין דזשייק'ס ריכטונג...

יענעם אָוונט טאַקע האָט דער פעטער, געכאַפּט אַ שפּאַציר פאַרביי דזשייק'ס הויז... אַז ער האָט אַ דריי־פיר מאָל דורכגעשפּאַנט די גאַס און קיינעם ניט באַגעגענט, האָט ער זיך גוט אויסגעהוסט, אַרומגעווישט דאָס קליין גרוילאַך בערדל און אָנגעקלאַפּט ביי דזשייקן אין טיר.

ווען מיימי האָט אַ עפן געטאָן די טיר און פאַר זיך דערזען דעם

פעטער איז איר דורכגעלאָפן א געדאנק: „ניט אנדערש עמיצער איז געשטאָרבן".

ווען דער פעטער האָט באמערקט ווי מיימי איז שטיין געבליבן, האָט ער ווי צום גרוי בערדל, א ברום געטאָן:

— שרעק זיך ניט — האָט ער טאמעוואטע גענומען ריידן — איך בין זיך נאָר נעקומען מיט אייך מעיאשעוו זיין. מ־מ־מיינע, א גע־זונט אויף איר, און אויך די קינדער ווילן זיך ארייננקלייבן אין שטאָט. איך, איך אליין וואָלט שוין אויך געוואָלט אוועק...

דזשייק איז ארייננעקומען. ער האָט זיך א ווײַלע ווי פארלאָרן. מיימי האָט האלב שטאמלענדיק געזאָגט:

— הערסט, דזשייק? דער פעטער קלייבט זיך אריבער אין שטאָט.

אויף דזשייקס פּאָנים האָט זיך צעגאָסן א שמייכל. א שמייכל פון א יעגער וואָס האָט א פוקס ארייננעגנארט אין קליעטקע. ער האָט מיט אלע קויכעס געזוכט צו פארדריקן און פארשטעלן מיט דעם ציגאר אין מויל. ער איז א ווײַלע געשטאנען, אָפּגעווישט די האנט פון זשאווער אן דעם הינטערשטן טייל פון די קויטיקע הויזן און דער־לאנגט דעם פעטער א שאָלעם־אלייכעם.

מיימי איז ארייננעלאָפן אין קיך עפּעס צוגרייטן. דזשייק האָט ניט געוואוסט פונוואנען אנצופאנגען. ביידע האָבן זיך אנגעקוקט ווי צוויי הענער, ביידנס אויגן האָבן גערעדט: „ענדלעך האָב איך דיר געפּאקט"...

דזשייק האָט ארייננעשטעקט איין האנט אין קעשענע און מיט דער צווייטער געוויקלט דעם ציגאר אין ווינקל מויל. ער האָט גע־וואַרט אויף איר, אויף מיימין, זאָל זי נאָר ארייננקומען, דאן וועט ער אנפאנגען רעדן און זאָל זי זען ווי זיין קאָפּ האָט קלוג געארבעט...

ווי נאָר מיימי האָט זיך באוויזן מיט א טאַץ פרוכט אפן האנט האָט טאקע דזשייק אנגעפאנגען:

— איז, וואָס פעטער, דיינקט איר, קען איך טאָן אייך צו העלפן?...

דער פעטער האָט א זיפץ געטאָן און מיט א געמאכטער מינע פון געפאלנקייט ארויסגעקרעכצט:

— ווייסט דאָך, דזשייק, איך האָב א גרויסן סטאָק ברוך. אָבער ס'איז ניט פאר מיינע קויכעס איצט צו ספּעקולירן, די מילכאָמע גייט אָן, פּרייזן שטייגן, מ'קען מאכן א דאָלער, אָבער, די ווייב, די קינדער...

דזשייק האָט אויך קלוימערשט א זיפץ געטאָן און זייטיק האָבן

זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט ווי צוויי גאַנאַווים וואָס ווילן איינע די אַנדערע באַשווינדלען...

— פאַרשטייסט — האָט דער פעטער גענומען ווידער ריידן — איך וואָלט ניט וועלן אַז מיין גאַנצער סטאַק דזשאַנק זאָל אַריינפאַלן צו אימיצן אַנדערש. איז, מעילע, נו, קויף דאָס אָפּ. דו וועסט שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט דעם.

אויף דזשייקס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ פריידֿ, זיינע אויגן האָבן גערעדט צו מיימין:

— „שייך צי איך וועל וויסן וואָס צו טאָן מיט דעם, ווער דען נאָך קען אַזוי וויסן ווי איך?"

ער האָט זיך צוגעזעצט צום פעטער, גענומען קוועטשן מיט די פּלייצעס, מאַכן אָנשטעל:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, פעטער — דערביי זיך גענומען קראַצן אין פּאַטילניצע — דאַרפן דאַרף איך דאָס אפילו ניט, ווייל... מיימי וואָס זאָגסטו?

מיימי האָט ווי שטענדיק געענטפערט: — דו ווייסט דאָך בעסער פאַר מיר. טו ווי דו פאַרשטייסט.

ניט רעדנדיק מער איינע צו די אַנדערע, האָט דזשייק גענומען דעם פעטער אונטערן האַנט.

דזשייק האָט שוין אָבער דעם פעטער ניט אָפּגעלאָזט ווי דער פעטער אים. דער האַנדל איז געמאַכט געוואָרן, און בײדע זיינען זיך צעגאַנגען צעפרידענע וואָס זיי האָבן אַריינגענאַרט איינער דעם צווייטן אין זאַק אַריין...

ווי גיך דזשייק האָט אַריבערגעפירט דעם גרויסן סטאַק פון אייזן, קופּער, גומע און אַנדערע ברוך צו זיך אין דעם דזשאַנק־יאַרד, האָט ער אַרומגעשפּאַנט פון איין הורבע אויף דער צווייטער ווי אַ האָן מיט אַ פאַריסן קאָפּ איבער קופּעס מיסט... דערביי האָט ער געשריען צו מיימין דורכן פענסטער:

— ווי געפעלט דאָס דיר מיימי? וואָס זאָגסטו אויף מיין קאָפּ? האַ, ס'האָט געאַרבעט...

ווען דזשייק האָט געלייענט די נייעס אין די צייטונגען, אַז מיל־כאָמע ווערט שאַרפער און פּרייזן אויף דזשאַנק שטייגט, האָט ער גע־קוואַלן קוקנדיק ווי זיין פעטער גייט אַרום ווי אַ „געגאַזטער"... דער־

ביי פּלעגט ער פאַר די שכוינים זיי דערציילן ווי אַזוי זיין פעטער האָט אים גאָר געוואָלט אָפּנאַרן...

* * *

מיט זיין דערפאָלג איבערן פעטער, וואָס ער האָט אים פאַרטריבן פון די דזשאָנק-ביזנעס האָט דזשייק זיך דערפילט אין שטעטל ווי אַ גענעראַל איבער אַן אַרמיי. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פלעגט ער אין די שטילע פאַרנאַכטן שטיין אָנגעשפּאַרט ביי דעם גאַנעק פון זיין שאַכן און האַלטן אין איין איבערקייען: — ווי אַזוי ער מיט זיין סייכל און פּיעאַיקייט האָט זיך געשאַפן דאָס רייכטום און ווי אַזוי ער וועט נאָך פון דעם קליינעם שטעטל מאַכן אַ גרויסע שטאָט...

אין אַ פרייע שאָ, בייטאָג, פלעגט דזשייק לאָזן שטיין די מאַשין באַם טיר, דעם גרויסן טראָק באַם יאַרד, און זיך אָנשפּאַרן אָן פענס־טער איינשטשימנדיק זיינע פאַרגעלטע ציין אין די נעגל וואָס ער האָט אָפּט ליב געהאַט אין אַ גוטער שטימונג צו בייסן. דעמאָלט פלעגט ער טראַכטן פון פלענער ווי אַזוי צו פאַרטרייבן זיין שאָכן ראָבערטס'ן פונם הויז.

ראָבערטס הויז מיטן קליינעם גערטנדל איז דזשייקן גאָר געפעלן. נאָך מער איז עס אים געפעלן ווען ער האָט דערזען אַז אַרום זיין הויז קען ער שוין ניט מאַכן קיין לאַד. די אָנגעוואָרפענע אַלטע בעטן, רעלסן, רעדער, מאַשינען און „טייערס" האָט די הויז ווי פאַרזונקען, געמאַכט איר פאַר אַ טייל פון די אַלטע ברוך וואָס געפינט זיך אַרום.

ראָבערטס הויז איז ווייס אַרומגעקאַלכט, די פענסטער ריין גע־וואַשן, אַרום און אַרום בלומען, צוויי גרויסע ווערבע-בוימער פאַטשן מיט זייערע צווייגן און בלעטער און ברייִנגען פרישע לופט אין הויז אַריין. דערצו האָט ער דאָך סיי ווי שוין אַ מאָרגעדזש אויף איר...

ווען צו ראָבערטן איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייעס וועגן זיין זון... איז דזשייק אַריין געבן אַ טרייסט-וואָרט...

— ס'איז אַ פאַרשאָלטענע הויז — האָט ער גענומען איינטאַינען מיט ראָבערטסן, דעם פאַנאַטיש-גלויביקן, — דאָ מוזן ערגעץ רוען שיידים. ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי איך האָב געהערט אַז דאָ זאָל טרעפן אומגליקן. איך וואָלט אין אַזאַ הויז קיין נאַכט ניט געוווען.

ראָבערטס, צעבראָכן פון ווייטאָג, האָט באַשלאָסן זיך אַריינ־

קליבן צו פאַמיליע אין שטאַט. ער האָט קימאַט אומזיסט איבערגע־שריבן דזשייקן זיין הויז.

דזשייק האָט זיין צווייטע אַמביציע דערגרייכט.

* * *

ווען די רעדער פון די וואַגאָנען האָבן זיך געקייקלט דורכן שטעטל מיטן ברוך צו די פאַבריקן וואו ס'ווערט צעשמעלצט, פלעגט דזשייק שטיין און דרייען דאָס קייטל פון זייגער, דערביי הירזשען ווי אַ זאַטער זשערעביעץ אַפן פעלד:

— דו הערסט, מיימי — פלעגט ער איר אָנווייזן צו די וואַגאָנען און זיך אַ פּאַטש טאָן איבערן קעשענע — יעדער פייף פון לאָקאָמאָ־טיוו איז אַ טויזנטער.

איין זאָרג איז אים נאָך געבליבן אויפן קאָפּ וואָס שאַר'ס דע־פּאַרטמענט סטאָר מאַכט געלט און ער לאָזט זיך ניט האַנדלען.

— מעילע, איך, — האָט דזשייק איינגעטאַינעט מיט מיימין — בין איך פריער געווען אַ דזשאָנק־פּעדלער און איצט אַ דזשאָנק־דילער. נו איז גאָט צו דאַנקען דערפאַר. אָבער קינדער יו־סי, קינדער איז עפּעס אַנדערש די קינדער דאַרפן שוין זיין לייט. ווען איך קען פאַר זיי קריגן אָפּגעקויפט שאַר'ס דעפּאַרטמענט סטאָר, פאַרשטייסטו מיך — דערביי אַ גלעט געטאָן מיימין מיט זיין פאַרזשאַווערטע האַנט — דאַן וואָלטן מיר שוין געמעגט טראַכטן פון דער באַנק און לאָמיר דיר זאָגן — האָט ער מיט אַפּעטיט געשלונגען די רייד, ווי ער וואָלט געצײלט אַ זשמענע פּאַפּיר־געלט — איך, איך בין שוין פאַרפאַלן, ווי דו זעסט האָב איך אַלץ איבערגענומען פון דער אַמעריקאַנער געשעפטס־וועלט, אָבער די שפּראַך, די ענגלישע שפּראַך בלייבט מיר שטעקן אין האַלדז. דערפאַר אַז גאָט וועט העלפן און אונזער טעדי וועט ענדיקן סקול, וועלן מיר נאָך האָבן אַן איינגענעם לאָיער, און געדיינק מיינע ווערטער. ער וועט נאָך זיין אַ גאַנצער פּאָליטישן אין שטאָט.

דזשייק האָט צעפרידן אַ פּייל געטאָן זיינע הענט איינס אַן דער צווייטער. ער האָט דערביי אַ וואונק געטאָן מיטן אויג צו מיימין. געעוי האָט מיימי דעם וואונק ניט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט גע־וואוסט אַז דאָס באַדייט אויף עפּעס אַ ניי שטיקל ארבעט פון איר דזשייק, דעם געשעפטסמאַן, וואָס ער קלייבט זיך אומיצן אָפּצוטאָן.

איין פרימאָרגן איז צעטראָגן געוואָרן איבערן שטעטל די נייעס, אַז אויף אַ ליידיקן לאָט שטייט אַ גרויסע שילד וואָס זאָגט אָן, „אין

גיכן נעמט מען בויען אויף דעם לאָט אַ גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָר".

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן נאָז האָט זיך שאָר געוואונדערט צו דזשייקן, אַז „ער איז שוין גרייט זיך צו לאָזן האַנדלען... אין אַזאַ קליין שטעטל איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר צוויי סטאָרס". דזשייק האָט איבערגענומען די סטאָר און אַזוי האָט ער דערגרייכט זיין דריטע אַמביציע.

* * *

ווי גיך מ'האָט איבערגעפאַרבט די דעפּאַרטמענט סטאָר און אויס־געהאַנגען די גרויסע שילד מיט די זילבערנע בוכשטאַבן פון פּאָרנט וואָס האָט זיך געלייענט: „דזש. אייזענבערג און סאָנס דעפּאַרטמענט סטאָר", האָט דזשייק דערפילט ווי דאָס גאַנצע שטעטל איז זיינס.

דזשייק האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיימין באַם זייט אין דער אָפענער מאַשין קעגנאיבער דעם סטאָר און גענומען איינטאַינען:

— דו זעסט מיימי, אַז גאָט וועט העלפן און די מילכאָמע וועט נאָך אָנהאַלטן... וועלן מיר אַזוי קענען צובויען אַ פליגל אָט־אָ־דאָ, ביי דער זייט, און נאָך פאַרגרעסערן דעם סטאַק פון שיך און קליידער.

מיימי האָט צופרידן צוגעשאָקלט דעם קאָפּ:

— אַז דו זאָגסט, ווייסטו דאָך אַז עס וועט גוט זיין.

איין אָוונט, אין דער צייט ווען דזשייק איז געזעסן באַם דעסק און זיך געגריבלט אין אַ טאַבעלע וועגן די פּרייזן אויף דזשאָנק, האָט אַ טעלעפאָן־רוף איבערגעריסן די שטילקייט און האָט אָנגעזאָגט דזשייקן, אַז די ציטונג פון שטעטל האָט איצט דערהאַלטן נייעס: „די מילכאָמע איז געסטאָפּט!"

דער קלונג פון טעלעפאָן האָט דזשייקן געטראָפן ווי אַ קויל פון שלאַכטפעלד גלייך אין האַרץ אריין. ער האָט זיך קוים צוגעשאַרט צום פענסטער, ארויסגעקוקט אויף די שטיקער ברוך און גענומען וואָרטשען:

— כאָטש נאָך זעקס מאָנאַטן מילכאָמע... אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן. אַ שאָלעם אין מיטנדערינען...

אין שטאָט האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט די נייעס — פּרייזן גע־פאַלן פון אַכט אויף צוויי סענט אַ פונט!

מיט פאַראומערטע אויגן האָט דזשייק ארומגעשפּאַנט איבערן יאַרד און געהאַלטן אין איין קוקן אַפן סטאַק. אין זיין גאַנג האָט זיך געפילט די שוואַכקייט ווי פון דעם ברוך וואָס איז געלעגן ארום אים:

— ווען נאָך זעקס מאָנאַטן מילכאָמע? נאָך זעקס מאָנאַטן — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן.

מיימי איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט אין פענסטער, געקוקט אויף דזשייקן מיט זיין פאַרזשאַווערט פּאָנים. דזשייק האָט איר אָבער ניט געזען. ער האָט מער ניט גערעדט צו איר וועגן ביזנעס. זי, מיימי, האָט מיטן פאַרטוך אַ וויש געטאָן זיך די אויגן און ארויסגעהאָלפן דזשייקן:

— אַזאַ אומגליק, נאַ דיר גאָר אַ שאָלעם!...

ווי אויפגעריסענע בערג פון באָמבעס אָפן שלאַכטפעלד, ווי אָנגעוואָרפענע מעיסים ארום די טראַנטשן אַזוי זיינען געלעגן די הורבעס ברוך אין דעם גרויסן דזשאָנק־יאַרד, רעגנס האָבן גענאָסן און דיקער געמאַכט דעם זשאַווער, שניי שטורעמס האָבן אויסגעפורעמט פאַרשידענע פיגורן ארום דעם אָנגעוואָרפענעם ברוך. דזשייק האָט אָבער געזען איין זאַך קריגס־שיפן, גרויסע הארמאַטן, קאַנאָנען מיט גלאַנציקע קוילן. ער האָט ארומגעבראָזשעט און צו זיך געמורמלט:

— זאָל עס ליגן, איידער פאַרקויפן פאַר צוויי סענט אַ פונט זאָל דאָס פוילן, ביז ס׳וועט קומען אַ צייט... עס וועט קומען אַ צייט!...

* * *

ווי אַלע אַנדערע געשעפטסלייט האָט אויך דזשייק אייזענבערג אויסגענוצט זיינע טויזנטער אין אַנדערע געשעפטן. ער האָט זיך געדרייט ווי אַ שרייפל אין אַ מאַשין. ער האָט זיך זייער גוט אריינגעפּאַסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין צו מאַכן אַ דאָלער פון וואָס עס לאָזט זיך.

אָבער דזשייק אלס געשעפטסמאַן האָט אויסגעזען אין פאַרגלייך מיט די גרויסע „בערן” — ווי אַ מוראַשקע וואָס כאַפּט אַ ברעקעלע און לויפט דאָס באַהאַלטן...

זיינע פּלענער זיינען געווען גרויסע, זיין פאַרמעסטן זיך — שטאַרק, נאָר אויך ער איז אריינגעדרייט געוואָרן אין דעם קריזיס־ראָד צוזאַמען מיט די אַנדערע טויזנטער פון דעם מיטל־קלאַס, וואָס האָבן זיך גענומען מאָלן, ווי די מיליאָנען ארבעטער, וואָס זיינען ארויסגעשפּיגן געוואָרן ברויטלאָז פונם עקאָנאָמישן לעבן.

דזשייק האָט זיך גענומען „ראַטעווען”... ער האָט פאַרקויפט די לאָטס צו ראַטעווען דאָס אַלטע הויז, צו ראַטעווען דאָס נייע. ווען די בענק האָבן פעסטער אַ דריק געטאָן, האָט דזשייק

ווידער אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ מייזל אין שרעק פון דער קאַץ'ס אויגן...
ער האָט פאַרקויפט דאָס צווייטע הויז צו ראַטעווען די סטאָר און אין דער סטאָר האָט דזשייק זיך גענומען פּלעכטן אין פּראָבלעמען ווי אַ שלאַנג אין אַ קנויל . . .

ווען די מיינער־אַרבעטער אין דעם געגענט זיינען אַרויס אין סטרייק, האָט דזשייק זיי געוואונטשן אַל־דאָס־בייז.

— וואָס הייסט — האָט ער זיך געקאָכט — איצט אַז די צייט איז שלעכט, זיי האָבן אַזוי אויך ניט מיט וואָס אָפּצוצאָלן זייערע שולדן, גייען זיי נאָך סטרייקן! — ער האָט דערביי שטריינג פאַרזאָגט מיימין און די קינדער: — קיין איין סענט גיב זיי איצט ניט אויף באָרג. זאָלן זיי פּייגערן, וועלן זיי וויסן נאָכאַמאָל ניט צו סטרייקן.

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן ווען אַ מיינער־סטרייקער האָט אים געבראַכט זיין „ליבערטי־באָנד" וואָס ער איז געווען געצוואונגען צו קויפן אין דער לעצטער וועלט־מילכאָמע און איצט איז ער געצוואונגען געוואָרן צו פאַרקויפן פאַר אַ האַלב־פּרייז.

דזשייק, ווי זיין טעווע, האָט ווידער גענומען מאַכן פּלענער. ער האָט שוין אויסגערעכנט וויפיל טויזנטער עס וועט אים אַריינפאַלן פון די „ליבערטי באָנדס", ווי אַזוי ער וועט צוריק אויפגעריכט ווערן אין שטעטל, און זיך שוין אפילו ווידער גענומען ווייזן פאַר מיימין זיין בעריעשאַפט.

דער סטרייק האָט זיך פאַרלייגנגערט. די מיינער־סטרייקער האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפן און מיט וואָס צו צאָלן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די מיינער־אַרבעטער האָבן די גרעסטע צאָל „ליבערטי־באָנדס" נאָך פאַרקויפט אין דער צייט ווען זיי האָבן אפילו יאָ געאַר־בעט נאָר געלעבט אין שטענדיגער נויט . . .

דזשייק האָט געקוקט אויף די סטרייקער ווי אויף זיינע סאָנים. פאַרגעסן זיך אַז זיינע טויזנטער האָט ער געמאַכט פון זיי, פון די מיי־נערס. ער האָט זיך אפילו געמאַכט פאַרגעסן ווי ער פּלעגט זיי צושרייבן און אַרויפרעכענען דריי מאָל אַזוי פיל וויפיל דער אַרטיקל האָט די ווערט געהאַט. — צוזאַמען מיט די אַנדערע „פיינע באַלעבאַטים" האָט זיך אויך דזשייק אָנגעשלאָסן צו דעם „סיטיזן־קאָמיטעט" — צו ברעכן דעם סטרייק.

אָבער איידער דזשייק האָט באַוויזן צו ברעכן דעם סטרייק,

האָבן די גרויסע „שאַרקס" איט געבראָכן — מ'האָט איבערגענומען זיין דעפּאַרטמענט סטאָר און דזשייק אייזענבערג איז געבליבן אַ פּאַר־מאַשקענטער.

* * *

אַ „באַפּרייטער" פון זיינע לאַטס, הייזער, סטאָרס, מאַשינען, האָט זיך דזשייק גענומען מעיאַשעוו צו זיין מיט מיימין וואָס ווייטער צו טאָן ?

—אופגעבן אינגאַנצן ביזנעס ? — האָט דזשייק געטאַינעט צו מיימין — האַלט מיר אַפּ צוויי זאַכן, דאָס קינד קענען מיר ניט אוועק־נעמען פון סקול, דאָרט האָט ער מער מעגלאַכקייט אין דער גרויסער שטאָט, דאָרט וועט פון אים קענען ווערן אַ לייט, ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. צווייטנס, מיימי, זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז די „דזשאַנק" וועט נאָך זיין מיט גאָלד צוגלייך. ווי קען עפּעס אַ וועלט לעבן אַזוי לאַנג אָן אַ מילכאָמע ? און קומט אַ מילכאָמע, וועלן מיר, אָ, האַ !...

מיימי האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט מיט מער געוואַגט־קייט ווי אין די פריערדיקע צייטן :

— נאָר מילכאָמע ליגט דיר אין זינען. פאַרגעסט אַז דיינע זין זיינען איצט גרויס און קענען אויך זיין פלייש פאַר דער מילכאָמע.

— נאַדיר, נו — שלאָגט ער איר איבער — מיינסט אַז אַלע ווערן שוין געהאַרגעט. צווייטנס : אַ מילכאָמע איז אַ שפּיל, איינער פאַר־לירט און אַ צווייטער געווינט...

— דו זעסט — גיט ער זיך אַ גלייך אויס ווי אין די פריערדיקע גוטע צייטן — אַז איך גיב אַ קוק אויף די הורבעס אייזן, שטאָל, קופּער, מעש, זע איך נאָך פאַר זיך נייע גוטע צייטן. דאָס וועלן זיין האַרמאַטן, קאַנאָנען, קריגס־שיפן, מ'וועט צאָלן — — —

מיימי רייסט אים איבער — און אַז איך קוק אויף דעם, דאַכט זיך מיר אַז איך זע שאַרבנס. צעבראָכענע ביינער, הענט, פיס, אין דעם זשאַווער זע איך פאַרגליווערטע בלוט פון קינדער אויף וועמען מאַמעס ווינען אויס זייערע אויגן . . .

— נו, איך האָב זיך צערעדט מיט אַ אידענע — האָט דזשייק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט אויפגעהייבן אַן אַלטע ראָד און אים צוגעקייקלט צו איינעם פון די הורבעס אין דזשאַנק־יאַרד.

אין אַ פרימאָרגן ווען דזשייק איז זיך געזעסן אויף דער וועראַנדאַ און געבלעטערט זיין צייטונג האָט ער אויפגעשפּרונגען פון וויג־שטול

ווי אָפּגעבריט. ער האָט דערזען אַ בילד פון זיין זון וואו ס'איז געווען געמאָלדן, אַז ער איז ארעסטירט געוואָרן אלס איינער פון די אָנפירער אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן מילכאָמע.

דזשייק האָט פאר קאַס זיך גענומען די פינגער ברעכן און גלייך ארויסגערופן מיימין:

— זע, נאַ זע, גיי זאָרג דאָס פאַר קינדער, שיק דאָס קינדער אין שטאָט זיך לערנען, מאַך זיי פאַר לייט!

דזשייק האָט געוואָרפן זיינע אויגן צום „דזשאָנק־יאַרד" און מיט ציין־קריצעניש געשריען:

— ער וויל סטאָפּן מילכאָמעס? . . . עס פארדריסט אים אַז זיין טאַטע וועט מאַכן אַ לעבן . . . אַזאַ שנעק, אַזאַ — — — —

מיימי האָט באַטראַכט דאָס בילד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אירע אויגן האָבן גערעדט: „אפשר טאַקע גלייכער איצטער קעמפן — ווי שפּעטער אין די טרענטשעס"? . . .

אין אַ צעקריפּעלטע וועלט

אין א פארנאכט ווען מעלניק איז נאך געשטאנען ארום א שאפּ, זוכנדיג א באקאנטן וועגן א רעקאָמענדאציע פאר א דזשאב, האָט ער ווי אלע מאָל זיך אַ שפּיל געטאָן מיט א וואָרט אויף דעם רעכענונג פון דער ריזיגער „עמפּייער" געביידע. דאס מאָל האָט ער געזאָגט צו זיין פריינט סערעבניק וואָס „ארבעט" מיט אים בעשוטפעס זוכנדיג דזשאבס:

— נו, מיר קענען שוין גיין — האָט ער אנגעוויזן צו דעם אנגע־צונדענעם שפּיץ פון דער ריזיגער געביידע — דאָס גרויסע יאָרצייט ליכט, ברענט שוין.

זיין פּנים האָט זיך מיט א אומעט פארצייגן. ער האָט האלטענ־דיג סערעבניקן באם ארבל זיך ארייגעדרייט אין דער עוועניו און ווידער טייטלענדיק אויף דער „עמפּייער" געביידע וואס איז אויסגעקומען פונקט אנטקעגן, גערעדט:

— ווען איך קוק אויף דעם צעצונדענעם שפּיץ פון דער „עמפּייר־ער" דערמאָנט מיר אָן אָנגעצונדן ליכט ביי רעליגיעזע מענטשן, צעקאָפּנס פון א טויטן...

סערעבניק גיט א שמייכל און רעדט ווי צו זיך:

— א וואזשנער מעם די קאפּיטאליסטישע ארדנונג, בעעמעס א פיין ליכט צעקאָפּנס...

מעלניק כאפּט זיך צוריק:

— דער אומגליק איז אבער מיט דער קאפּיטאליסטישער־ארד־נונג וואס לעבן קען זי ניט און שטארבן וויל זי ניט.

דער געדראנג אויף דער גאס רייסט איבער זייער שמועס. זיי ווערן געטראָגן מיט די עלנבייגנס פון אנדערע וואָס גייען אויך ניט מיט זייער גוטן ווילן. עס שניידן זיך, איבער די גאסן מענטשן, מאשינען, ווילד־לויפענדיגע אווטא־באָסעס. עס טומלט, עס פייפט, עס ליארעמט, די טראטוארן קאָכן פון מענטשן־געפּילדער, מ'לויפט, מ'שטופּט זיך, מ'זוכט א פרייען וועג...

אין געדראנג פון די מענטשן־מוראשקעס אויף דער טומלדיגער גאס שטייט ביי א לאָמטערן אָנגעשפּארט א מענטשן געשטאלט, האלט

אויסגעשטרעקט די האנט און בעטלט, אין סאמע קאָך שליינגלט זיך א האלבער מענטש אויף רעדלעך, מ'מאכט אים פלאַץ אויף דורכצו־פאָרן. ער וויל אבער ציען אלעמענס אויפמערקזאמקייט, ער וויל קריגן א פאָר פעניס, שטופּט ער די ברוסט פאראויס וואו עס היינגען צוויי אפּגעבליאקעוועטע מעדאלן פון לעצטן וועלט־קריג. מענטשן דרייען אוים די קעפּ ווארפן א בליק, מאנכע — א מאטבייע און לויפן ווייטער.

דער געלויף ווערט איבערגעהאקט, א בלינדער טאפּט א וועג . . . קלאפּענדיג מיטן שטעקן. הינטער אים א צווייטער בלינדער שפּילט אויף א גארמאשקע. די מאַנאָטאָנקייט ווערט איבערגעריסן, מ'שטעלט זיך אפּ כאַפּן א קוק.

אין א ווינקל גאס שטייען צוויי קאנקורענטן . . . קריפּלס, איינער אָן הענט און אָן פיס, דער צווייטער — מיט א צעבראָכענעם קערפּער איינגעפּאסעוועט אין לעדערנע באנדאזשן.

דער מענטש אָן הענט און אָן פיס ציט עפּעס מער רחמנות ביי די פארבייגייער. מ'ווארפט אים מער פעניס, שטייט דער צווייטער ווארפט אויגן ווי פיילן, איז אים מקנה, זיינע אויגן רעדן : — „אָך ווען איך בין דאָס אזא קריפּל ווי ער, איך וואָלט דאָך גאָלד געשאַרט"...

מעלניק בלייבט שטיין, ווייזט אָן זיין פריינט סערעבניקן : — זעסט, אים איז גוט, ער האָט ניט קיין הענט, מאכט ער א לעבן . . . אָבער וואס זאָל איך טאָן. אז ס'איז ניטא וואו די הענט צו באגראָבן ?...

סערעבניק גיט א זיפץ. ער האָט נאָך זיין פריינט מעלניקן ניט דערציילט וועגן זיין לאַגע אין דער היים . . .

זיין פרוי דאָרע איז געווען א גאנצע מעיוכעסעס, אין דער אַלטער היים איז איר טאטע געווען א וואלד־הענדלער, אויך געהאט א זיידן א געשעפטסמאן. דאָ אין אמעריקע האָט זי חתונה געהאט מיט אים, מיט סערעבניקן. ער איז געווען אן ארבעטער, גארבעט אין א שוך־פאבריק.

דאָרען, איז זיין ארבעט זייער ניט געווען געפעלן. אבער פאר־ליבט אין אים האָט זי זיך אין די זומער פארנאכטן, ווען סערעבניק האָט אויסגעשפּילט שיינע ליבעס־לידלעך אויף דער מאנדאלינע. אמאָל אויך א זונטיק פלעגט ער און דאָרע, ארויספאָרן אין אַ פּארק מיט דער מאנדאלינע ביי דער זייט. און אז סערעבניק האָט געשפּילט האָט דאָרע פארגעסן אז ער איז א שוסטער. האָט זי זיך טאקע בארימט

פאַר אירע פריינט, אַז, זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מוזיקער און ווי פריינט זיינען געקומען, האָט סערעבניק געמוזט ווייזן אַז ער שפּילט אויף אַן אינסטרומענט . . .

זיינען זיך צעפרידענע טעג געלאָפן ווי אַ וואַסער שטראָם, ביז, סערעבניק׳ן האָט ס׳אומגליק געטראָפן, ווען ער האָט באַם וואַרשטאַט פאַרלאָרן אַ פינגער.

אַזוי איז סערעבניק געוואָרן אויס שוסטער און אויס מוזיקער. איז דאָרע געזעסן טעג און געטראַכט, געקוקט מוירע־שכוירעדיק אויף די גרויע ווינקלען אין הויז.

ער סערעבניק פלעגט איר טרייסטן, אפּט אויך אַ שפּאַס טאָן:

— זעסט, פריער האסטו ניט געוואָלט איך זאָל זיין אַן אַרבעטער, איצט זאַרגסטו זיך פאַרוואָס איך אַרבעט ניט.

דאָרען האָט דער שפּאַס ניט גערירט, זי האָט געוואָרפן אירע אויגן צו אים און אויף דער מאַנדאָלינע, און ווען זי האָט דערזען דאָס אָפּגעהאַקטע שטיקל פינגער האָט יעדעס מאָל אין האַרץ זיך אָפּ־געריסן אַ סטרונע פון לעבן.

סערעבניק טראַכט, צי זאָל ער דערציילן, זיין פריינט מעלניקן, אַז נעכטן האָט מען איר, זיין פרוי, אוועקגענומען אין שפּיטאָל, זי האָט געפילט זייער שלעכט, זי האָט גערעדט ווי פון זינען גערירט.

מעלניק קוקט אויף דעם קריפּל אָן הענט און אויף זיינע אייגענע געזונטע הענט. און אויף סערעבניקן מיטן אָפּגעהאַקטן פינגער וועמען ער וויל אויסלערנען אַ נייעם פאַך — מאַכן פּאַפּיר־שאַכטלעך.

אַזוי איז שוין די צווייטע וואָך וויביידע גייען צוזאַמען אַלע פריי־מאָרגן זוכן אַרבעט. מעלניק לאַכט, שפּאַסט, .ער האַלט זיך אָבער איין, אויך ער וויל ניט דערציילן און ווי טאָן זיין פריינט סערעבניקן. וואָס עס האָט פּאַסירט צווישן אים און זיין פרוי — סערע.

סערעבניק וואָלט סיי ווי ניט גלויבן — טראַכט ביי זיך מעלניק — אַלע ווייסן דאָך פון אַזאַ גליקלעך לעבן צווישן מעלניקן און סע־רען. אָבער — ס׳לעבן איז צושטערט.

וואָכן לאַנג ווי מעלניק גייט אַרום אָן אַרבעט, שוין איבעראַל האָט סערע געליען און געבאָרגט. אין די ערשטע צייטן האָט זי גע־שטיקט אין זיך, שפּעטער צו האָט זי גענומען זיך באַקלאָגן. אָבער אַז איר אַלטער טאַטע האָט גענומען באַווייזן אין צייטונגען ווי אַזוי

צייטן בעסערן זיך און אז מ'זוכט קען מען געפינען ארבעט, דא האט שוין סערע גענומען רעדן:

— וואס הייסט ארומגיין אכט מאנאטן און ניט ארבעטן? ווילסט מיר זאגן, אז שוין — האט זי א וויש געטאן א האנט אן א האנט — אלע פאבריקן זיינען פארמאכט, די באלעבאטים וועלן זיך אוועקלייגן און שטארבן?

אז מעלניק האט איר גענומען דערקלערן די אורזאכן פונ'ם קריזיס, האט זי זיך נאך שטארקער צעשריען:

—ווען דו וואלסט בעסער פארשווענדן דיין צייט אויף זוכן ארבעט, ווי אויף זוכן די אורזאכן פונ'ם קריזיס, וואלטן מיר ניט גע־דארפט זוכן וואו צו בארגן?

סערע האט איינגעפאקט אירע זאכן א נעם געטאן ס'פיצל קינד אויף די הענט און אוועק צום טאטן.

* * *

פלאנטערן זיך צוויי מענטשן אין גאס, זייערע געדאנקן מישן זיך, ווי די הענט, פיס און קעפ אויף די טראטוארן, ס'לויפט איינס איבער ס'אנדערע.

ביי יעדן ראג וואו מ'שטעלט זיך אפ ווארטן, צו קענען אריבער־גיין די גאס, לויפן דורך געדאנקן.

טראכט סערעבניק: „ס'וואלט געווען א גוטע זאך, ווען מעלניק פארבעט מיר איצט צו זיך אין הויז, וואו האב איך צו גיין, אין מיין קיוועך?"

מעלניק קוקט אויס די אויגן, אים וואונדערט פאשעט, פארוואס סערעבניק קען דאס ניט לעזן אויף זיין פאנים, ווי צעפרידן ער וואלט איצט געווען, ווען סערעבניק לאדט אים איין פארברייננגען א פאר שא ביי זיך אין הויז, ער רעדט אין זיך:

— „זאל איך אזוי ניט וויסן פון אן אומגליק, ווי איך ווייס ניט וואו איך גיי, וואס וועל איך איצט טאן אין מיין פינסטער ווינקל"?

ווי צוויי גוטע פריינט האבן זיי באם סוף פון דער גאס זיך געזעגנט און געשיקט ווארימע גרוסן א היים צו די פאמיליעס . . .

ביידע, מעלניק און סערעבניק האבן דער נעבן, זיך בעגנייווע אריינ־געכאפט אין א פארק, זיך אוועקגעזעצט צווישן הונדערטער אנדערע מענטשן מיט אויסגעלאשענע אויגן.

סערעבניק איז געזעסן און געצערטלט די נייע נאך רויטע הויט

אויף זיין אפגעהאקטן פינגער. מעלניק — האָט ארייננעקוקט אין א שטיקל צייטונג וואס ער האָט געטראָפן אפן באנק. ער האָט גענומען לייענען, זיינע אויגן האבן זיך צעעפנט. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. און מיט באדויערן צו זיך גערעדט: — „לעצטנס ניט א קוק געגעבן אין קיין צייטונג און אזוי פארזען אז וויכטיגע שטיקל נייעס — א קאנסטיטוציע אין סאוועטן לאנד".

ער האָט פארגעסן אז ער זיצט אין פארק צווישן פרעמדע מענטשן. ער האָט גענומען רעדן הויך אפן קאָל:

— אָט דאָס הייסט א קאנסטיטוציע, בלויז אן ארבעטער רעגירונג קען דאָס שאפן.

ער האָט געטייטלט מיטן פינגער און געלייענט, אויך די ארומיגע האָבן זיך שוין צוגעהערט:

— „די בירגער פון פ. ס. ס. ר. האָבן דאס רעכט אף ארבעט — רעכט אף באקומען גאראנטירטע ארבעט מיט דער באלוינונג פון זייער ארבעט ,אנטשפרעכיק איר צאָל און קוואליטעט".

„רעכט אף ארבעט ווערט געזיכערט דורך דער סאציאליסטישער ארגאניזאציע פון דער פאלקסווירטשאפט, דורך דעם כסדר'דיקן וואוקס פון די פראדוקטיווע קרעפטן פון דער סאוועטישער געזעלשאפט, דורך דער אפוועזנהייט פון ווירטשאפטלעכע קריזיסן און דורך דער ליקווי־דירונג פון ארבעטלאָזיקייט".

זיינע אויגן האָבן זיך אנגעצונדן מיט פרייד, ער האָט זיך ארומ־געקוקט אין אלע זייטן, צו האָבן די מענטשן ארום אים גוט געהערט, צו פארשטייען זיי גוט ווען וואס דאָ האנדלט זיך.

מעלניק האָט צעגויפגעלייגט די שטיקל צייטונג, זיין מויאך האָט געארבעט, ער האָט געטראכט און גערעדט אין זיך, וואס ער וואָלט איצט וועלן זאָגן צו סערעבניקן:

— גיב א קוק, זע וואס דאס מיינט, די רעגירונג קומט און נעמט פון דיר אוועק דעם שווערסטן יאָך אין לעבן, דעם הויפט זאָרג — א דזשאב.

מעלניקן דאכט זיך אז ער רעדט פאר זיך, ער כאפט זיך אבער באלד, אז די ארומיגע קוקן אף אים עפעס מאדנע. די פריידיקע ווערטער האָבן פון אים ארויסגעשריען. ער האָט זיך פלוצים געגעבן א הויב אויף, מיט א באשלום:

— נו, האָט ער מיר ניט געבעטן צו זיך, וועל איך סיי ווי צוגיין

צו אים, זאָל ער זען, זאָל ער וויסן, אז די ארבעט איז ניט אומזיסט וואָס די כעוורע טוען...

מעלניק האָט זיך געלאָזט גיין איבער די אלייען פונם פארק. ער האָט ווידער און אָבער ארויסגענומען דאס שטיקל צענויפגעלייגטע צייטונג פון זיין קעשענע. ער האָט געוואָלט מער קלאָר ווערן וועגן דעם איניען.

מעלניק האָט געהערט עפּעס רעדן וועגן דער קאנסטיטוציע אין סאוועטנלאנד. ער האָט אָבער געוואוסט אז א קאָנסטיטוציע איז אַן איניען פאר מענטשן מיט גרויסע קעפּ. דאָ אָבער זעט ער מיט זיינע איינפאכע, פּראָסטע אויגן. א געזעץ, אז, די רעגירונג מוז דיר געבן ארבעט. מ'דארף ניט שטיין לעבן שאָפּ און ווארטן פאר טויוועס פון דעם און יענעם...

זיין געדאנק האָט זיך אפּגעהאקט, ער האָט דערזען אין א ווינקל אונטער א בוים, זיצט זיין פריינט סערעבניק, ער איז צוגעלאָפן א גליקלאכער מיט דאָס שטיקל צייטונג אין האנט, פארגעסנדיג אז זיי האָבן זיך ערשט צעשיידט:

— האסטו דאס געזען ? — האָט ער מיט באגייסטערונג אויס־גערופן.

סערעבניק איז געבליבן זיצן ווי פארגליווערט פון דאָס נייע באגעגענען זיך, ער האָט גענומען דאָס שטיקל צייטונג אין האנט, געטייטלט מיט זיין אפּגעהאקטן פינגער און געלייענט פאר זיך.

מעלניק האָט ארייגעקוקט סערעבניקן אין פנים, ווי נעמט ער דאָס אויף, ער האָט דערזען פריידיקע טרערן ווי קעפּעלעך פון זיל־בערנע שפּילקעס, און ווען מעלניק האָט זיך פארמאָסטן אים איבער־צוגעבן די ווערטער וואס ער האָט צוגעגרייט אין זיינע געדאנקען האָט ער זיך עפּעס ניט געקענט צוזאמענגעמען אין די הענט, ער האָט עפּעס זייער מאָדנע א צעפרידענער אויסגערופן: — זעסט מיין פריינט, דא ברענט דאָס ליכט איבערן טורם פונ'ם „עמפּייער" אויף א אפּשטאר־בענדיגע אָרדנונג, דאָרט אָבער — אין סאָוועטנלאַנד, לויכט א שטערן און ווייזט א נייעם וועג ! . . .

בלוט

פאר דער צייט וואָס דער באָס, מיסטער ראָזענוואַסער, איז קראַנק געווען האָט זיך אָן אומעט פאַרשפּרייט איבערן שאַפּ. איבערהויפּט די עלטערע אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט צעשראָקענע אויגן, ווי פּאַסאַזשירן אויף אַ שיף, וואָס האַלט ביים זינקען . . .

— וואָס זיינט איר אַזוי פאַרזאָרגט? — האָט דער גוטמוטיקער סיאָמקע געזוכט איבערצוברעכן די שטימונג פון לייבקע דעם פּרעסער.

— וואָס פאַרשטייט איר ניט — האָט לייבקע אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם פּרעס־אייזן און וואָרטשע געטאָן אין דער באָרד אריין — איר מיינט אַז באַלעבאַטים לויפן נאָך אַזאַ אַרבעטער ווי איך? איך בין שוין אַ איד אַריבער די פופציקער. אַרבעט פאַר מיסטער ראָזענוואַסער פאַר די לעצטע 18 יאָר. נו, ווי מיינט איר, ווען חלילה ער גיט אַ שטאַרב, דאַרף איך דאָך אים גלייך באַגלייטן ביז יענער וועלט. . .

— גאָט באַהיט! — האָט רב ישראל ווי אַרויסגעשטאַמעלט דורך זיינע צעסשערבעטע ציינער — איך ווייס דאָך גאָר ניט וואו עס געפינט זיך אַ צווייטע שאַפּ אין שטאָט.

רב ישראל האָט אָוועקגעשטעלט דעם אייזן אויפן קלעצל, אַרויפגעשאַרט די יאַרמעלקע איבער אַ העלפט פון קאָפּ און אַריינגעקוקט סיאָמקען גלייך אין די אויגן:

— הערסט, ס'איז שוין 22 יאָר אַז איך אַרבעט פאַר מיסטער ראָזענוואַסער. ווען איך בין אָנגעקומען צו אים אַרבעטן, איז ער נאָך געווען קליין און אָרים; געהאַט אַ שאַפּקע פון צוועלף מאַשינקעס. ער אַליין פלעגט נאָך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ פּאָר שאָ אַרבעט בא דער קאַטערינקע. אַזוי האָבן מיר געמופט פון איין שאַפּ אין דעם צווייטן און אַלע מאָל פאַרגרעסערט. עס איז געווען מאַזל־בראָכע בא אונז.

סיאָמקע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט איבערזאָגנדיק: — „מיר האָבן געמופט", אַ שוטעף צום געשעפט! וואָס האָסטו אָפּגעשפּאָרט דורך די אַלע יאָרן און וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט מיסטער ראָזענוואַסער?

— וואָס הייסט וואָס? — האָט זיך אַריינגעמישט יאָסל טשעבאָטניק — אַסטמאַ האָט ער, אַ הויקער שלעפּט ער, — ער איז דאָך אַ איד וואָס פאַרמאָגט אַ גאַנצן „סעט"! טראָגט שפּאַקולן, האָט גאָל־

דענע ציין אין מויל, אַ פּליך אפן קאָפּ, מערידן און איז אַ געבריכטער פון שלעפּן דעם גרויסן אייזן. איז וואָס נאָך קען ער אָפּשפּאָרן ? . . .

אַלע ארום האָבן ארויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

לייבקע האָט פּלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פּרעס־אייזן וואָס דאָס איז געווען אַ וואונק צו די איבעריקע ארבעטער זיי זאָלן שווייגן, ווייל דער פּאַרמאַן קוקט, ווי זיי רעדן צווישן זיך.

אין אַ ווינקל פון שאָפּ איז געשטאַנען דער פּאַרמאַן, מיסטער פּע־דער, מיט אַ ראָק אויפן האַנט און געפּאַסט אן ארבל, צי שטימט ער אויפן פּלאַץ.

מיסטער פּעדער איז געווען הויך ווי אַ טעלעגראַף סלופּ און ווען ער איז געשטאַנען מיט אַ ראָק אפן האַנט און פון אונטערן ארבל גע־וואָרפן אויגן אפן שאָפּ, האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ סטראַשידלע וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט אין אַ גאָרטן איבערצושרעקן די הינער . . .

דורך דער צייט וואָס מיסטער ראָזענוואַסער איז געווען קראַנק און איז ניט געקומען אין שאָפּ, האָט מיסטער פּעדער איבערגענומען די גאַנצע פירערשאַפט. ער האָט געוואָלט ווייזן זיין געטריישאַפט צו דער פירמע, האָט ער געזאָגט צו די ארבעטער און זיי געהאַלטן אין איין שרעקן: „דער שאָפּ וועט זיך פּאַרמאַכן, די פירמע דערלייגט געלט און זי וועט ארויס פון ביזנעס".

די איינגערע ארבעטער האָבן דאָס אויפגענומען מיט שפּאַס. סיאָמ־קע האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיינע רייד און געזאָגט:

— מיר זיינען ארבעטער, מיט אַ באָס צי אָן אַ באָס, אָבער אַ באָס אָן ארבעטער איז קיין באָס ניט.

לייבקע, רב ישראל און די אַנדערע עלטערע ארבעטער זיינען אָבער געווען אין שטענדיקן שרעק פון דעם פּאַרמאַן'ס רייד. אין די פרי־מאָרגנס ווען לייבקע איז אריין אין שאָפּ פלעגט ער גלייך צולויפן אַ קוק טאָן אונטערן טיש, צי ס'ליגן, ווי אמאָל — „באַנדלס" . . . אַנ־דערע ארבעטער פלעגן צולויפן אַ פרעג טאָן דער בוכהאַלטערן: — „וואָס מאַכט עפּעס מיסטער ראָזענוואַסער? פילט ער בעסער? — דערביי אַ פרעג טאָן: — „עפּעס אריינגעקומען ארבעט אין שאָפּ?"

סיאָמקע פלעגט סאַרקאַסטיש אַ לאַך טאָן:

אַלעמיי זאָרגט זיך ניט אַזוי דער באָס פאַר אייער געזונט, ווי איר — פאַר זיין געזונט.

רב ישראל פלעגט אַ ווייז טאָן מיטן צייג־פינגער:

— הער, באַיעלע, ארבעטער אין א שאַפּ זיינען פּלענטי פאַראַן, אָבער א באָס בלויז איינער. איר הערט — האָט ער א דריי געטאָן דעם קאָפּ ארום און ארום צו זען אויב מ'הערט זיך צו אים צו — איך וואָלט פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן מאכן א מיניען אין שאַפּ און זאָגן טהילים פאר אונזער באָס. אז גאָט באָרוך־הו זאָל זיך אויף אים מע־ראַכעם זיין און טאַקע אויף אונז, ניט אוועקנעמען אונזער שפּייזער.

— איר ווייסט וואָס — האָט לייבקע אים איבערגעשלאָגן די רייד — איך וואָלט געזאָגט אז מיר זאָלן אים צולייגן נאָך א נאָמען און טאַקע פאסטן א טאָג פארן לעבן פון אונזער באָס.

די עלטערע ארבעטער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, די אינגע־רע האָבן זיך צעלאַכט.

איינער האָט געזאָגט: מיסטער ראזענוואסער וועט קריגן א נייעם נאָמען ווען ער וועט באַנקראָטירן...

א צווייטנס באַמערקונג: — איך פּאַסט שוין פאר מיסטער ראָ־זענוואסער פאר די לעצטע פיר יאָר...

די איבעריקע האָבן זיך אויסגעלאַכט דורך אנדערע באַמערקונגען.

* * *

ווי גיך עס איז געוואָרן סלעק אין שאַפּ, זיינען געשטאַנען גרופּ־קעס ארום די טישן און געפירט א דיסקוסיע.

לייבקע האָט דורכאויס געוואָלט איבערצייגן אז ווען מיסטער ראָ־זענוואסער וואָלט זיין געזונט וואָלט ניט געהערשט אזא ביטערע סלעק.

רב ישראל האָט געהאלטן אין איין איבערכאַזערן די רייד:

— צוויי און צוואַנציק יאָר ווי איך ארבעט און ניט פארלאָרן א טאָג ארבעט. אַלע מאָל זיינען די ביזנעס אין אונזער שאַפּ געוואַקסן — איצט ווי מיט א מעסער אָפּגעשניטן.

איין פרימאָרגן, ווען אַלע זיינען געשטאַנען ביי די טישלאַך און געשמועסט איז אריינגעקומען אונדערוואַרטעט דער פאָרמאַן, מיסטער פּעדער.

מיט אונטערטעניקע טריט האָט לייבקע א שפּאַן געטאָן פאָראויס און אין איין אָטעם א פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עפּעס מיסטער ראזענוואסער? אריינגעקומען עפּעס ארבעט?

— ארבעט? — האָט מיסטער פּעדער א קנייטש געטאָן דעם

שטערן — עס וואָלט זיין געווען אַרבעט ווען מיסטער ראָזענוואַסער איז ניט אַזוי געפערלאַך קראַנק.

— געפערלאַך — האָט לייבקע מיט צאַר איבערגעזאָגט.

— יע, אַזוי האָלט דאָס — האָט מיסטער פּעדער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — מיסטער ראַזענוואַסער דאַרף בלוט. אויב ניט — איז נאָך היינט זיין סוף.

לייבקע איז געבליבן שטיין אָן לאָשן. זיינע קני האָבן זיך אַ קאַרטשע געטאָן. מיט געוואַלד האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו איינעם פון די טישלאַך, וואו די אַרבעטער זיינען געשטאַנען און דיסקוטירט:

— איר הערט, וואָס מיסטער פּעדער זאָגט? — האָט ער אָנגעוויזן מיטן האַנט צום פּאָרמאַן — אונזער באָס דאַרף בלוט! דאָס קען אים ראַטעווען דאָס לעבן. און די אַלע בלוטן וואָס מ'האָט אויספּרובירט ביז איצט איז ניט גוט.

— איך גיב אים שוין מיין בלוט פאַר די לעצטע אַכט יאָר — האָט יאָסל טשעכאַטניק שטיל אַ זאָג געטאָן צו איינעם אַרום טיש.

אַ צווייטער האָט געענטפערט:

— איך וועל אים באַלד געבן מיין בלוט. פון די גרויסע פאַרדינסטן וואָס איך האָב דאָ געהאַט, דאַכט זיך מיר אַז אפילו קיין וואַסער אין די אָדערן איז שוין ביי מיר אויך נישטאָ...

— אַ שיינער שפּאַס — האָט סיאָמקע אַרויסגעזאָגט קוקנדיק צום פּאָרמאַן — יאָרן לאַנג געווען אַ בלוט־זויגער, קומט ער איצט צו אונז מיר זאָלן אים ווידער געבן בלוט.

לייבקע איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרצווייפלט, זיך איבערגעקוקט מיט רעב ישראל'ן. נאָכדעם מיט אַ פעסטער שטימע אַ געשריי געטאָן אַזוי, אַז דער פּאָרמאַן זאָל דאָס דערהערן:

— איך גיב מיין בלוט צו ראַטעווען מיסטער ראַזענוואַסער, אונזער באָס, אויב מיין בלוט איז נאָר גוט פאַר אים!

* * *

דעם זעלבן טאָג האָט מען פון לייבקע'ס קערפּער אַרויסגעצויגן אַ מעסטל בלוט און אַריבערגעפירט אין ראָזענוואַסער'ס קערפּער.

מיסטער ראַזענוואַסער האָט געעפנט די אויגן. דאָס פרישע בלוט האָט אים צום לעבן געבראַכט.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען מיסטער ראַזענוואַסער האָט זיך צום ערשטן מאָל אויפגעזעצט אָפן בעטל, האָט ער מיט דאַנקבאַרקייט

געדריקט די האַנט פון דעם פאַרמאַן מיסטער פעדער, וואָס האָט פאַר אים געקראַנגן דאָס בלוט און געראַטעוועט פון טויט...

* * *

אָנפאַנג סיזאָן, ווען דער שאַפּ האָט זיך געעפנט, איז ליבקע שטאָלץ אַריינגעקומען אין שאַפּ — טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך נאָך געפילט שוואַך זינט מ'האָט פון אים אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט:

— איך האָב געראַטעוועט דעם באָס! — איז ער אַרומגעקראָכן פון איין אַרבעטער צו אַ צווייטן און שטאָלצירט — איר אַלע וועט איצט לעבן מיט מיין בלוט... — האָט ער מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַ זאָג געטאָן.

ווען מיסטער ראַזענוואַסער איז אַריינגעקומען אין שאַפּ צום ער־שטן מאָל נאָך זיין לאַנגער קראַנקהייט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָבן אים מאַנכע באַדויערט און אַנדערע האָבן צו זיך שטיל געזונגען:

„דער פאַרמאַן מיטן בייטשל, דער באָס מיטן שטעקן,
איצטער וועט מען געבן, האָניק אונז צום לעקן"...

ליבקע האָט אָבער ניט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויף מיסטער ראַזענוואַסער. ער האָט געהיט זיינע טריט ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

— יע — האָט רעב ישראל צוגעוואָרפן אַ קניפּע־וואָרט ליבקען — דו האָסט געראַטעוועט אונזער באָס און איצט וועט דער באָס אונז ראַטעווען. מיר'ן כאָטש האָבן אַ וואָך אַרבעט.

יאָסל טשעבאַטניק האָט מיט די אויגן אים אַ מעסט געטאָן פון קאָפּ ביז די פיס און זיך צעשריען:

— אַלטע בהמה, דער באָס וועט אונז ראַטעווען. ער מיינט אַז מיסטער ראַזענוואַסער מאַכט קליידער קעדיי מיר זאָלן האָבן אַרבעט און קעדיי מענטשן זאָלן ניט אַרומגיין נאַקעט?

— דו הערסט — פּאַרטרויט סיאַמקע יאָסלען אָפן אויער — דער באָס האָט שוין היינט געגעבן אָנצוהערן אַז ער וויל אַרונטערנעמען פון די ווידזשעס.

— דו מיינסט זיי וועלן ניט געבן? — האָט יאָסל זיך ניט געקענט איינהאַלטן און זיך צעשריען הויך אויפן קול — אַז מ'גיט דעם באָס כניפּע־שמייכלען מיט גוט־מאָרגנס. — — —

— און וואָס הערט זיך מיט בלוט? — האָט סיאַמקע אים איי־בערגעשלאָגן.

— נו, יע, — אז מ׳גיט בלוט, ווען זיי אים שוין געבן די נשמה אויך.

אזוי גיך ווי מיסטער ראָזענוואסער האָט זיך דערפילט צוריק פעסט אויף די פיס, האָט ער אריינגערופן די שאַפ־קאַמיטע אין אָפיס, געגעבן זיי שטולן און געהייסן זיצן.

אָפן טיש זיינען געלעגן צוגעגרייט ביכער, בלאַנקען, קאַרטלאַך. די בוכהאַלטערן איז געשטאַנען גרייט מיט אירע דאַרע נאָר פלינקע פיסלעך צו באַזאָרגן אַלץ וואָס מיסטער ראָזענוואסער וועט דאַרפן. אין ווינקל איז געשטאַנען דער דעזיינער, ניט ווייסנדיק פאַר זיך גענוי וואָס פאַר א שטעלונג ער זאָל דאָ נעמען.

אָפט האָט זיך געעפנט די טיר מיט א סקריפּ. דער פאָרמאַן פלעגט פון צייט צו צייט אריינקומען אין אָפיס און אוועקלייגן אָפן טיש שטיקלאַך ניט פאַרענדיקטע ארבעט.

די קאָמיטע האָט מיט צעשראָקענע אויגן זיך איבערגעקוקט. ענדלעך האָט מיסטער ראָזענוואסער זיך אויך אוועקגעזעצט, ארויסגענומען א קעסטל ציגאַרן, פאַררויכערט איינעם און ווי מיט א האַלבן מויל אויך געפרעגט איינעם פון דער קאָמיטע, צי וויל ער פאַררויכערן.

— א דאַנק — האָבן אַלע ארויסגעזאָגט ווי פון איין מויל.

מיסטער ראָזענוואסער האָט אוועקגעשטעלט דאָס קעסטל אָן א זייט, גענומען איינעם פון די ביכער אין האַנט, דערביי ליידנשאַפטלעך א לאָז געטאָן דעם רויך און דאָס שטיקל פונם ציגאַר אוועקגעלייגט אינם אַש־טעצל:

— הערט נאָר אוים — האָט ער גלייך מיט בייזקייט אָנגעפאַנגען— ווייטער קען דאָס אזוי ניט גיין. איר ווילט מיר רואינירן מיין שאַפּ?

— ער איז דערביי אויפגעשפּרונגען און גענומען וואַרפן די ניט פאַרענדיקטע ארבעט וואָס דער פאָרמאַן האָט צוגעגרייט. — דאָס איז א געניי? זעט נאָר שטעך? דאָס איז געפּרעסט? איר זיינט קאַליקעס, דאָס וואָס איר זיינט! איר נייט דאָ מיר טאַכריכים ניט קיין קליידער!

— אָבער — — האָט גענומען שטאַמלען איינער פון די עלטערע ארבעטער וואָס איז געווען אין דער קאָמיטע — אָבער איר פאַרשטייט...

— אָבער אהער, אָבער אהין — האָט ראָזענוואסער פּרובירט מאַכן גלויבן אז ער איז זייער בייז — וואָס מיינט איר איז דאָ, א מוישעוו זקיינים? איר זיינט אַלטע לייט, גייט אין שול אריין. דאָרטן איז פאַר אייך א פּלאַץ, אָבער ניט אין א שאַפּ.

ער האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט אַ ראָק אויף דער האַנט און אים געדרייט אין אַלע זייטן:

— דאָס איז אַרבעט? — ס'האָט דאָך אַפּאַנים פון כויזעק. זעט נאָר אויסגעפּרעסט אַ קאַלנער, ס'איז דאָך אָנגעבלאָזן ווי אַ וואָלענע זאָק! הערט נאָר, איר ווייסט וואָס די פירמע האָט באַשלאָסן? מיר רעאָרגאַניזירן דעם שאַפּ.

סיאַמקע האָט זיך אַ שטעל געטאָן און מיט קאַס זיך צעשריען:

— איר וועט רעאָרגאַניזירן דעם שאַפּ און מיר וועלן דעם שאַפּ אָר־גאַניזירן, ס'וועט זיין אַ יוניאָן שאַפּ.

— דאָס וועלן מיר זען? — האָט ראָזענוואַסער אַ שליידער געטאָן דעם ראָק אַפן טיש.

אַ פּאָר פון דער קאָמיטע זיינען געבליבן שטיין דערשראָקן. איי־נער פון זיי האָט זיך געווענדעט:

—צו וואָס דאַרפט איר שרייען? זאָגט אונז וואָס איר פאַרלאַנגט. אפשר וועלן מיר זיך קענען אויסגלייכן. איר ווייסט דאָך אַז מיט הייסע בלוט קען מען קיין זאַך ניט פאַרהאַנדלען.

מיסטער ראָזענוואַסער האָט געמאַכט גלויבן אַז ער ווערט ווייכער, אַ כאַפּ געטאָן אַ בוך פון טיש און גענומען ווייזן:

— איר זעט? פינף און צוואַנציג סענט פרעסן אַ ראָק דאָס איז אומעגלאַך, ס'קען ווייטער אַזוי ניט גיין.

סיאַמקע האָט אַ וואָרף געטאָן זיינע אויגן אין בוך און מיסטער ראָזענוואַסער האָט אַ מיש געטאָן אַ ווייטערע בלעטל:

— ביי מיר אין שאַפּ איז ניט קיין מוישעוו־זקיינים. אַלע אַר־בעטער אַריבער פינף־און־פערציק יאָר זאָלן זיך גיין געזונטערהייד זוכן אַנדערע שעפּער. גענוג געלעגן אויף מיין קאָפּ.

— אויב זוכן אַנדערע שעפּער — האָט איינער פון די אינגערע אַרבעטער אויסגעשריען — וועלן מיר אַלע גיין!

די שאַפּ אַרבעטער האָבן זיך אַף די פיס געשטעלט. אַלע יונג און אַלט זיינען געשטאַנען אַרום אָפּיס.

— איר זעט — האָט סיאַמקע ברייט צעעפנט די טיר פון אָפּיס און זיך געווענדעט צו אַלע אַרבעטער — מיסטער ראָזענוואַסער זאָגט, אַז זיין שאַפּ איז אַ מוישעוו־זקיינים, איר ליגט אויף זיין קאָפּ!

ליבקע, רעב ישראל, און די אַנדערע עלטערע אַרבעטער האָבן זיך

צוזאמענגענורעט ווי דערשראָקענע אויפעס ווען מ׳כאַפּט זיי צו שעכטן.

א טויטע שטילקייט האָט אַ ווײַלע געהערשט. מיט אַ מאָל האָט ליבקע צוזאַמענגעפּלאָכטן זיינע פינגער אין קולאַקעס און אַ בראַזג געטאָן אין פענסטער פון אָפּיס:

— איך האָב דיר מיין אָרים ביסל בלוט אַוועקגעגעבן צו ראַטעווערן דיין לעבן. איצט ליג איך אויף דיין קאָפּ? און דו ווילסט מיר ארויסוואַרפן אין גאַס ווייל איך בין שוין אַ דראַפּאַטש געוואָרן . . .

— און וואָס איז אונזער בלוט? — האָבן אַנדערע נאָכגעשריען.

— פערצן יאָר ווי מ׳זויגט דאָ מיין בלוט.

— אַכצן יאָר ווי מיין בלוט ווערט דאָ געצאַפּט.

— אַריין אין שאַפּ בין איך דאָ אַ דעמב און איצט, בלאַס און צעבראָכן.

סיאָמקע האָט אַ קלאַפּ געטאָן ליבקען אין פּלייצע: — אויף ווייטער וועט איר וויסן אַז אַ בער טאָר מען ניט פאַרשאַרפן די נעגל... אָבער ניט געזאָרגט, איר האָט טאַקע אַוועקגעגעבן דעם באָס אַ טייל פון אייער בלוט, אָבער עס איז נאָך פאַראַן אין אייך גענוג בלוט צו קעמפן קעגן די בלוט־צאַפּערס . . . אין אַ יוניאָן, ליבקע און רעב ישראל וועט איר זיך נאָך פילן גאַנץ יונג!

מיינע ווערטער

פונקט פינף פארטאָג האָט דער וועק־זייגער זיך צעקלונגען. און נאָך אַף א העכערע אָקטאַווע האָט זיך ראָזע צעשריען:

— שטיי אויף! עס טאָגט שוין, גיי, ווי אַלע מענער, זוך נאָר ארבעט — וועסטו געפינען.

א טיפער זיפץ האָט זיך דורכגעריסן אין דער שטילקייט פון דעם גרויען פרימאָרגן. צוויי דאַרע הענט האָבן זיך צעצויגן, א פארשמאַכטע מויל האָט זיך צעעפנט מיט א פוילן גענעץ:

— איך — שטיי — שוין — אויף!

הערי איז ארבעטלאָז שוין אריבער אכט חדשים. פריער האָט ער געאַרבעט אין א טייסטער־פאַבריק, פארדינט עטלעכע און דרייסיג דאָלאר א וואָך, שפּאָרן האָט ער ניט געהאַט פון וואָס. אָבער ברויט אין הויז איז געווען.

איין טאָג האָט דער באַלעבאָס געלאָזט וויסן, אז די סכירעס זיינען געשניטן מיט דריי דאָלאר אַף דער וואָך.

הערי האָט זיך געטראַכט — אז סיי ווי דעם פּלאַץ מוז ער היטן: עס איז בעסער ווי גאָרניט...

אין א קורצער צייט האָט דער באַלעבאָס ווידער אָנגעזאָגט די ארבעטער וועגן א נייעם שניט אין די סכירעס: צוויי דאָלער א וואָך.

ווידער האָט הערי געשוויגן.

דער באַלעבאָס זיינער האָט אָבער ניט געשוויגן און איז געקומען מיט א נייעם פּלאַן — שטיק־ארבעט.

אויך דאָס מאָל האָט הערי ארונטערגעבויגן זיין קאָפּ. ער האָט שטיל איינגערוימט זיין שכן ביי דער מאַשין.

— די צייט איז שלעכט, וואוהין קענען מיר גיין? ס'איז בעסער ווי גאָרניט!

א טאָג שפּעטער האָט זיך הערי דערוואוסט, אז די גאַנצע ארבעט איז איבערגעגאַנגען צו איין „האַנט", און די איין „האַנט" האָט אויסגעקליבן די פלינקע, יונגע און בעסערע „הענט".

הערי האָט פארלאָרן דעם פּלאַץ.

ראָזע מיט פיר קינדערלאַך ווארטן אַלע וואָך אויף שכירות. זי

האָט זיך שוין אפילו אריבערגעקליבן אין קלענערע צימערן, אין דריי, אנשטאָט די פריערדיגע פיר. אָבער די מאָגערע דירע־געלט איז אויך נישטאָ צו באַצאָלן.

טראָגט זיך א הונגער־געשפּענסט איבער די גרויע ווינקלאך, און ראָזע קוקט בייז אויף איר מאַן :

— גיי שוין, גיי ! — שרייט ארויס פון איר טרוקענער ברוסט, אויף וועלכער עס נורעט זיך א קליין עופּה'לע קוים א יאָר אלט, וואס זויגט די ברוסט — אויסגעדארט און געל ווי פּארמעט. — גיי שוין, גיי ! — ווארפט זי בליקן ווי פיילן. — אַלע קריגן ארבעט, נאָר דו ניט.

הערי פארשטימעט די ציין, ער וויל איר דערציילן ווי נעכטן האָבן זיך טויזנטער מענטשן ביז בלוט געשלאָגן פאר איין וואָך ארבעט. ער וויל זיך צעשרייען. אָבער ער פארשטימעט נאָך פעסטער זיינע ליפּן, זיינע אויגן רעדן פאר אים : „ראָזי, דו ביזט ניט שולדיג. דער הונגער רעדט. נויט לויערט ארום מיינע פיר קינדערלאך — וויל זיי פאר־צוקן".

ער כאַפּט גיך אף זיך ארויף די שיך, דאָס העמד, דעם צעריסע־נעם אויבערמאַנטל. זיינע ליפּן שעפּטשען שטיל : אפשר ? אפשר בין איך שולדיג ? אפשר בין איך א שלימאַזאלניק ? ער ווארפט די פאר־טרויערטע אויגן צום זייגער — אפשר צו שפּעט שוין, אַנדערע מענער קריגן ארבעט, נאָר איך ניט ? . . .

דער גרויער פרימאָרגן באַגעגנט הערי'ן אין גאַס. א פייכטער טוי דרינגט אריין אין זיינע צעעפּנטע שיך, הארבסט נעמט דורך די ביינער. הערי רוקט אריין די הענט אין די קעשענעס, בלאָנקעט אוועק גאַס־איין, גאַס־אויס.

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ, טשאַ, טשאַ, טשאַ — דערהערט זיך דער געבראַזג פון טראַמוויַיען, וואָס פארלאָזן זייערע סטאַנציעס. די טראַמס שלינגען איין מענטשן־מענגעס און צעפירן זיי איבער די ווינ־קעלאך פון שטאָט, צו די פאַבריקן : איינער פאָרט שקלאַפן, א צוויי־טער פאָרט זוכן א פּלאַץ וואו צו ווערן פארשקלאַפט.

הערי גייט זוכן ארבעט. ער פארגאַנוועט זיך לעבן א ציַיטונג־קליַיט, שלינגט מיט זיינע מידע אויגן די אַנאָנסן וואו מ'זוכט „הענט", פארציַיכנט גיך אף פּאַפּיר, און מיט פעסטערע טריט, מיט שטאַרקערן אימפּעט לאָזט ער זיך צו די פארציַיכנטע אדרעסן.

די אויגן זוכן די נומערן פון די פאַבריקן. הערי פארשטאַרקט

זיין געלויף. רופט אויס צו זיך אליין: געטראָפן!

— א פּראכטפולע געביידע, — טראכט זיך הערי — ס'מוז זיין ליכטיג דאָ צו ארבעטן. אפּנעמען א וואָך שכירות, צאָלן, אָפּצאָלן, אויסצאָלן, ארומצאָלן...

דער „עלעוויטאָר" צעעפנט זיינע טירן; א שווארצער ארבעטער מיט האלב־פארשלאָפענע אויגן טוט א פרעג אין געציילטע ווערטער:

— הענט? דורך דעם הינטערשטן אריינגאנג!

הערי האָט זיך אוועקגעלאָזט צום הינטערשטן אריינגאנג. אָבער ער איז באלד שטיין געבליבן אין ווילדן שרעק.

א ריי מענטשן — יונגע, אלטע, מענער, פרויען און גאָר יונגע קינדערלעך. צען, צוואנציק, הונדערט, טויזנט... שווארץ איז די גאַס.

עס ברעכט אויס א געשלעג. אלע רייסן זיך צו זיין די ערשטע. די געזונטערע ברעכן זיך דורך א וועג; די שוואכערע קעמפן מיט ליפּן פון וועלכע ס'רייסן זיך ארויס ווערטער: „ברויט", „קראנק"... קינד"... „הונגער"...

הערי רוקט זיך אָפּ אָן א זייט. ער דערוויסט זיך, אז נעכטן איז דאָ אויך געווען א געשלעג. עס פעלט אים קייאַך זיך דורכצוברעכן א וועג אין דער קייט פון אָרעמקייט. זיינע דארע הענט ווארפן זיך ווי אין פיבער. ער רעדט צו זיך אליין:

— „אלע קריגן ארבעט, נאָר דו ניט"!...

ער כאַפּט ארויס פון קעשענע דאָס צעטל מיט די פארצייכנטע אדרעסן, לאָזט זיך ווייטער גיין אף א צווייטן אדרעס.

די גאַסן זיינען שוין שווארץ פון מענטשן. אומצייליגע פיס שלעפּן זיך איבער די טראָטוארן. עס טראָגן זיך מיט טייוולשן אימפּעט די אָטאָמאָבילן. אין די אָטאָמאָבילן זיצן באלעבאַטים, טראכטן ווי צו שניידן נאָך מער די סכירעס.

אינדרויסן ווערט ליכטיגער. הערי קוקט אף די מאשינען. ער פילט ווי אוועקשטעלן זיך מיט זיינע לאַנגע דארע הענט דאָרט, וואו דער פּאָליציי־מאַן קירעוועט דעם פארקער, און אויסשרייען מיט זיין גאַנצן קייאַך: „גענוג געפאָרן!"...

ער שטעלט זיך אָפּ ביים ראָג פון גאַס, ווארפנדיג ווערטער אין דער לופטן:

„מאשינען, וואוהין לויפט איר? ווייסט איר, אז אין אייער

אינגעווייט זיצן מאַכאַבאַלים, וואָס לויערן אױף מיינע פיר קינדערלאַך? איר מיט אייער אימפּעט צעפירט הונגער, דאַלעס, נויט...

די מענגע מענטשן הינטער אים האָט אים א שטויס געטאָן פאָר־אויס. הערי האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן: „ווי קומען צו מיר אַזיינע ווערטער מיט אַזיינע מאָדנע געדאַנקען?"

הערי זוכט ווידער די נומערן פון אַ צווייטן אַדרעס. ער דערזעט פאַר זיך אַ ריזיג־הויכע געביידע. ער באַטראַכט זי, אָנהויבנדיג פון דעם אויבערשטן שטאָק. ווען זיינע אויגן וואַרפן אַ בליק אַפן אונ־טערשטן שטאָק, דערזעט ער פאַר זיך דאָסזעלבע בילד וואָס פריער. עלנבויגנס, הענט, געשריי, קני פאָראויס, ווידער דיזעלבע ווערטער: „הונגער"... „ברויט"... „אַרבעט"...

עטלאַכע מאָל האָט הערי געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך אַריינצורייסן אין דער ריי, כאָטש ער האָט געפילט, אַז דאָס שטופּן זיך איז אומזיסט — אים איז דאָס ניט געלונגען.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פירמע האָט אינגאַנצן ניט באַדאַרפט קיין „הענט". די נויטיגע „הענט" וואָס זי האָט געזוכט, האָט זי שוין געקראָגן מיט דריי טעג צוריק. נאָר אַזוי ווי דער אַנאָנס אין דער צייטונג איז אַריינגעגעבן געוואָרן פאַר דריי טעג צייט, ווערן אַזוי פיל „הענט" אָפּגענאַרט שוין דעם צווייטן טאָג.

געביילטע פויסטן מיט צאָרנדיגע אויגן האָבן אויפגעשטורעמט די גאַס. אָבער פּאָליציי מיט ווילדן אימפּעט האָט באַלד זיך צעלאָזן און געזוכט צו צעשפּליטערן די רייען פון די מאַסן.

גרופּעסווייז האָבן די אַרבעטלאָזע צעלאָזן זיך אין זייטיגע גאַסן.

אין איינער פון די גרופּעס איז אויך הערי מיטגעגאַנגען אַ דער־שלאָגענער. זיינע אויגן פול מיט פאַרצווייפלונג.

הערי איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן און די גרופּע מיט אים. צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן ווערטער וואָס ער האָט אַלע מאָל פאַר זיך געטראַכט, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהערט. ווי דינאַמיט וואָלט שטיינער אויסגעריסן — „שטאַרב ניט פון הונגער, קעמף!"

ער שטעלט אַ טריט פאָראויס און ער דערהערט ווידער רייד:

— מיר האָבן אַ וועלט געבויט און איצט גיט מען אונז שטיי־נער צו עסן. זיי לעבן אין וואוילטאָג און מיר האָבן קיין ברויט ניט צו זאַט. זיי האָבן פּאַלאַצן און מיר ווערן אַרויסגעשטעלט אין די גאַסן פאַר ניט צאָלן פּינקטליך פאַר די פינצטערע נאָרעס.

א שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים:

— „ווער רעט דאָס? דאָס זיינען דאָך מיינע ווערטער! מיר פון מויל ארויסגענומען!" . . .

הערי האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט, גערופן די גרופּע צו דערנענטערן זיך צום פּלאַץ פון וואַנען די ווערטער זיינען געקומען...

הערי איז זעלטן ווען געגאַנגען צו א מיטינג אָדער זיך צוגעהערט צו א רעדנער. ער האָט ניט געהאַט דערצו קיין געדולד. ווען ער האָט געאַרבעט האָבן אים די מידע גלידער דאָס ניט דערלויבט, האָט ער ניט געאַרבעט — האָט ער זיין צייט פאַרבראַכט זוכנדיג ארבעט אין דער „לייבאָר ביוראָ".

איצט האָט ער זיך צוגערוקט גאָר נאָנט צו דער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל גאָס אין סאַמע האַרץ פון ריזיגע פאַבריקן, אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען נאָך גאָר א יונגער באָכער. מיט א פלאַם־פייערדיגן טעמפּעראַמענט האָט ער גערעדט און געשיקט קוילן אין דעם שונא'ס לאַגער. יעדעס וואָרט האָט זיך אריינגעריסן אין די ריזיגע פאַבריקן ווי דינאַמיט אין הויכע פעלזן.

אַלע ווײַלע האָט זיך באַוויזן דורך די פענצטער א רונדער פּנים פון א באָס אָדער פאָרמאַן, וואָס האָט א בייזן בליק געוואָרפן צו דער פּלאַטפאָרמע און גלייך האַסטיג פארמאַכט צוריק די פענצטער, עס זאָל זיך א וואָרט ניט אריינרייסן צו די פאַרשקלאַפטע „הענט" . . .

הערי איז געשטאַנען און געשלונגען יעדעס וואָרט. ער האָט פאַר־געסן אַז אין הויז איז קיין ברויט ניטאָ. אַלע זיינע כושים זיינען געווען געווענדעט צו דער פּלאַטפאָרמע, פון וואַנען עס האָבן געקלונגען זיינע ווערטער . . .

אין דער צייט ווען אַלע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום יונגן רעדנער און אין די הערצער האָט גענומען גליען פייערדיגער צאָרן, האָבן עטלאַכע שפּיציגע עלנבויגנס זיך דורכגעבראָכן א וועג, דערנענ־טערט זיך צו דער פּלאַטפאָרמע און באַוויזן זייער „קנעפּעל" . . .

באַלד האָט דער יונגער רעדנער דערפילט די שווערע לאַפּעס אויף די אָרעמס. ער איז אַרונטערגענומען געוואָרן פון דער פּלאַטפאָרמע און אַרעסטירט געוואָרן.

זיין פּלאַץ האָט גלייך פאַרנומען א צווייטער רעדנער. זיינע רייד זיינען געווען פיילן אין די פּאַראַזיטן. אויך ער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן. און א דריטער רעדנער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ. און

אויך ער איז אַרונטערגעריסן געוואָרן דורך די פּאָליציייִשע הענט.

די מאַסע אַרום איז זיך ניט צעגאַנגען. מען האָט ניט געוואָלט אויפגעבן דעם מיטינג. אַלע אויגן זיינען געווען צעעפנט. די לופט איז פול געוואָרן מיט וואולקאַנישן אויסברוך. עס זענען שוין אָבער ניט געווען קיין רעדנער.

אַ ווײַלע איז די פּלאַטפאָרמע געשטאַנען ליידיג. די מאַסע האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן.

הערי האָט דערפילט, אַז זיין פּנים ברענט. זיין האַרץ האָט זיך גענומען וואַרפן. ער האָט אַ הויב געטאָן זיינע צוויי דאַרע הענט פאָר־אויס — באַלד האָט ער פאַרנומען די פּלאַטפאָרמע.

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן, ווי אַ באָרג וואָלט צעריסן געוואָרן.

הערי איז געשטאַנען אַ ווײַלע, אַ צעטומלטער פון זיין אייגענער געוואַגטקייט, אָבער ווי ער האָט נאָר דערזען, אַז עס דערנענטערן זיך נייע צוויי בלויע רעק, איז ער פעסט געוואָרן אויף זיינע פיס און מיט מוט פון אַ קעמפּער אויסגערופן:

— ניט געשראָקן זיך! אַלעמען קען מען ניט פאַרשפּאַרן. מיר מוזן פאָדערן, וואָס ס׳קומט אונז!

אַ יוניאָן זאָל מען האָבן!

שוין צוויי און צוואַנציק יאָר, אַז דער אַלטער שלוימע איז אַ פּרעסער. זיין רוקן האָט זיך אויסגעבויגן פון הויבן דעם שווערן פּרעס־אייזן אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פראַגע־צייכן. אַזוי האָבן אים טאַקע די אַרבעטער אין שאַפּ באַטיטלט מיט דעם צונאָמען — שלוימע דער פראַגע־צייכן.

מיט שטאָלץ פלעגט שלוימע אָנווייזן פאַר די יינגערע אַרבעטער אין שאַפּ, אַז ער געדיינקט נאָך, ווי זיין באָס האָט געהאַט אַ קליינע שאַפּקעלע און אַז ווען מיט אַכצן יאָר צוריק האָט דער באָס זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרעסערן שאַפּ, האָט ער, שלוימע, אויף זיין רוקן אַריבערגעטראָגן כמעט אַלע קעפּלעך פון די מאַשינעס.

איבערהויפּט פלעגט שלוימע דערציילן די אַרבעטער מיט באַגייסטערונג, ווי אַזוי אַמאָליגע יאָרן איז אין „זיין" שאַפּ געווען מער אַרבעט ווי אין אַלע אַנדערע שעפּער: בערג, גאַנצע בערג מיט אַרבעט איז געווען — פלעגט שלוימע אָנווייזן מיט די הענט.

שלוימע האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן, אַ שאָ אָווערטיים איז אים ליבער געווען ווי דער גאַנצער טאָג אַרבעט. אַז זיין שאָכן אין שאַפּ פלעגט אים אַ זאָג טאָן: שלוימע, דער זייגער איז שוין זיבן.

האָט שלוימע אַ וואָרטשע געטאָן: טו מיר אַ טויווע און ברעך אָפּ דעם זייגער די ווייזערס.

סלעק־צייט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ ברוגז'ער אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר אַז ער האָט דערזען אין שאַפּביים טיש אַ רעדל אַרבעטער, האָט ער זיך צעלאָזט מיט געשרייען:

— אַ וואונדער וואָס מיר פּעכנען? אַז יעדער גאָרנישט ווערט אַריינגענומען אין טרייד, יעדער קאָוואַל ווערט אַ פּרעסער, און אַ וואונדער וואָס מיר קריגן ניט קיין פּרייזן... אָט זעט — פלעגט ער אָנווייזן אויף איינעם פון די יינגערע אַרבעטער — אַז דער שנעק, דער איינגל, קריגט אַזאַ פּעידע ווי איך! איך אַרבעט שוין צוויי און צוואַנציק יאָר ביים טרייד. און דאָס איז נאָר אַריינגעקומען אין שאַפּ און גיב אים שוין געלט — פלעגט ער מיט סאַרקאַזם אַ זאָג טאָן.

אַדאָלף, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אין שאַפּ און אויפגע־

קלערט די ארבעטער, האָט אים אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן:

— הער נאָר דו, אין דיין מאָרך מוז ליגן אַ גרויסער וואסער־ספּאָנדזש, ווען ניט וואלסטו אזוי ניט געפּלוידערט.

אדאָלף פלעגט דערביי צושאָרן צו זיך נאָך אביסל ארבעטער, האלטן פאַר זיי אַ רעדע און דערביי אָנווייזן, אַז, אַלע ארבעטער זיינען בארעכטיגט צו ארבעטן און מאכן אַ לעבן; די עלטערע ארבעטער מוזן זען, אַז די יונגע ארבעטער זאָלן קריגן גלייך באַצאָלט ווי די עלטערע. און האלוואי האָבן מיר אַ יוניאָן, — פלעגט ער שטיל אַ זאָג טאָן — וואלטן מיר אויך די יוגנט באַדאַרפט האָבן מיט אונז.

שלוימע פלעגט זיך נאָך אַזאַ לעקציע נאָך מער אויסקרימען און נעמען פאָכן מיט די הענט:

— נו, נעם אַלעמען אריין אין טרייד, דו ביזט דאָך אַ גוטער, אַ קאָמוניסט. אָבער מיר קענסטו ניט איינרעדן. אויב דער באָס גיט אים, דעם לאָבוס, אזעלכע ווידזשעס ווי מיינע, — האָט ער געטייטלט מיטן פינגער, — מוז שוין בלייבן אַ מאַקע פאַר אונז. און אַז זיי, די יונגעלייט, שיסן אריין אַ טאָג ארבעט, בלייבט שוין פאַר אונז אַ קאַדאָכעס, ניט קיין אָווערטיים . . .

ווען דער באָס האָט געפּאָדערט אַ נייעם שניט אין די סכירעס, איז שוין שלוימע ארומגעגאנגען אינגאנצן ווילד. און אָנגעוויזן מיט טריאומף:

— איר זעט שוין, מיינע רייד זיינען ריכטיק, — דערביי האָט ער איינגערוימט די עלטערע ארבעטער אין די אויערן, — אויב ארונטער־נעמען, זאָל מען זיי, די שנעקעס. וואָס איז, זיי האָבן פאַמיליעס צום אויפהאלטן?

שלוימע האָט אינדערהיים געהאַט אַ ווייב מיט דריי קינדער. דער עלטסטער זון זיינער, דזשייק, איז געגאנגען אין קאַלעדזש. די אַנדערע צוויי קינדער — אין סקול.

דער יונגער דזשייק האָט געקוקט מיט כויזעק אויף זיין טאַטן, דעם אונטערפּרעסער, מיט דעם צעקרימטן רוקן ווי אַ פראַגעצייכן.

און אַז דער באָס האָט געמאַכט שלוימען איין שניט אין די וויי־דזשעס נאָך דעם צווייטן, האָט ער שוין אָנגעפאַנגען מאָנען פון זיין אינגל דזשייק'ן:

— גיי זוך עפּעס ארבעט, לערן זיך אַ טרייד. ווי לאַנג נאָך ועל

איך האָדעוועץ אזא יונג? האָסט שוין קויכעס צו פאַרדינען דיין ברויט. איך אין דיינע יאָרן האָב שוין אויך געאַרבעט.

דזשייק האָט א קרים געטאָן מיט דער נאָז, דערביי פאַרצויגן נאָך שטאַרקער דעם שניפּס און מיט א אינגגלישער חוצפּע א זאָג געטאָן:

— פערד זאָלן ארבעטן! איך מוז נאָך פאַרענדיקן קאַלעדזש. איך ניט זיין א פּרעסער, — האָט ער אין זיין צעבראָכענעם אידיש געטאַינעט מיטן טאַטן, — איך זיין א פּראָפעשאָנאַל.

די מאַמע האָט אין אזא דיסקוסיע שוין געמוזט נעמען א וואָרט:

— וואָס טויג דיר דאָס שרייען? — האָט זי גענומען איינשטילן שלוימע׳ן, — ער האָט דען ארבעט נאָר ער וויל ניט ארבעטן? עס דרייען זיך ארום אזוי פיל מיליאָנען מענטשן און האָבן ניט קיין ארבעט. טאָ וואָס זאָל ער טאָן מיט זיינע קינדערשע הענטלעך?

— קינדערשע הענטלעך? — האָט שלמה איבערגעזאָגט מער מיט דעם פּראָגעצייכן אויף זיין פּלייצע ווי מיטן מויל, — זעסט די הענט, — האָט ער א שטרעק געטאָן פאַראויס זיינע הענט, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעצויגן די אָדערן ווי סטרונעס אויף א פידל, — אויב זיי קענען פּרעסן רעק, קען ער אויך.

דזשייק האָט ביסלעכווייז דערפילט, אז דאָס אָרים שטיקל ברויט אין הויז ווערט אַלץ קלענער. ער האָט דערזען, אז די מאַמע ברייננגט פון מאַרקעט אַלע מאָל קלענערע פּעקלעך.

שלוימע האָט גענומען שטאַרקער פאָדערן, אז די קינדער זאָלן העלפן ציען די כאַיונע.

— ביי לייטן קינדער, — האָט ער געטאַינעט, — האָבן א יאָך. מ׳גייט, מ׳זוכט, איז פאַרקויפן ציימונגען, איז פּוצן שיך, איז ווערט עפּעס גרינגער.

שטיל, ווי א אינגל, וואָס פאַרזינדיקט זיך אין שול, האָט דזשייק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן, וואָס האָבן געציטערט אונטער דער נאָז, האָט ער ענדלעך א זאָג געטאָן:

— פאַרוואָס דו מיר ניט לערנען א טרייד? איך גיין ארבעטן און דאַצאָל. איך האָב סיי ווי ניט געלט פאַר קאַלעדזש.

— איך וועל דיך אריינגעמען צו מיר אין שאָפּ, — האָט שלוימע גענומען ריידן מיט צערטלעכקייט, ווי א טאַטע צו א קינד אין טאָג פון גראַדואירונג, — מיין באָס איז ניט קיין שלעכטער, ער וועט פאַר מיר אַלץ טאָן. ער וועט דיר לאָזן זיך לערנען. וועסט פאַרדינען,

וועסט האָבן אַ סענט אין קעשענע און זיין אַ מענטש. און אין הויז וועט אויך ווערן גרינגער.

— טאַקע, — האָט די מאַמע מיט אַ ביטער פּאָנים צוגעשאָקלט דעם קאָפּ, — ביי היינטיקע צייטן, אַז דו, קינד מיינס, וועסט אריינברייננגען אַ פּאָר דאָלאר, וועלן מיר דאָך די אויגן עפענען.

זי האָט מיט איין האַנט אַ וויש געטאָן אַ טרער פון אויג, מיט דער צווייטער אויפגעהויבן דזשייק'ס האַנט און מיט טיפן וויטאָג ארויסגערעדט:

— וועסט כאָטש האָבן קויאך אויפצוהויבן דעם שווערן פּרעס־אייזן?

דזשייק האָט דערפילט דער מאַמעס האַרץ־קלעמעניש, ער האָט פאַרקניפּט אירע פינגער אין זיין האַנט און מיט אַ געמאַכטער פריילעכער מינע אויף זיין פּאָנעם, האָט ער מיט דער אַנדערער האַנט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— זעסט, מאַמע? אָט אזוי וועל איך פּרעסן.

* * *

דזשייק איז ארויף מיטן טאַטן אין שאַפּ.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל אַז דזשייק זעט דעם אינגעווייגד פון אַ שאַפּ. ער קוקט זיך ארום, ער באַטראַכט ווי עס אַרבעטן די עלעקטרישע מאַשינען, ווי עס שלאָגט די פּאַרע פון די פּרעס־אייזנס, ער באַטראַכט די סטעליע וואו עס ציט זיך די עלעקטרישע דראָטן. שלוימע האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן האַנט און אָנגעוויזן:

— דאָס איז דער באָס, און דאָס איז דער פאָרמאַן. זייער ווואוילע מענטשן, — האָט ער צוגעלייגט.

דזשייק האָט גענומען דאָס אייזן און אין באַגלייטונג פון שלוימע'ס האַנט האָט ער אַ פיר געטאָן איבער אַ נאָט פון ארבל, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער פּרעס־ברעט.

— אָט אזוי, — האָט שלוימע ארויסבאַגלייט דעם פּאָר פון אייזן, ווי אַ לערער טייטלט צום קינד.

דער פאָרמאַן איז פאַרבייגעגאַנגען, געוואָרפן אַ בליק מיט אַ שמייכל צו שלוימען און אַ זאָג געטאָן:

— ער וועט קענען די טוירע. אַז מ'לערנט אוים אַ בער טאַנצן, קען מען זיך זייער גרינג אויסלערנען צו זיין אַן אונטערפּרעסער.

אַז דזשייק האָט אָפּגעאַרבעט די ערשטע וואָך, איז שלוימע צוגע־

גאַנגען פּרייטיק פאַרנאַכט צום פאָרמאַן, אים אונטערגערוקט אַ פּינ־פּערל און דערביי אַריינגעשעפּטשעט אין אויער :

— גיט אים אַ פינף דאָלאַר פאַר דער וואָך. אַט זאָל אַ קינד וויסן, ווי ער קריגט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. וועט ער זיך לערנען מיט מער כווישיק.

אויף דער אַנדערער וואָך האָט שוין שלוימע אַלע ווײַלע אַ הויב געטאָן זיין אויסגעבויגענעם רוקן און געוואָרפן אַ בליק צו דזשייק'ן, וואָס האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידנהייט פון דעם, וואָס די אַרבעט איז געפלויגן פון דזשייק'ס האַנט.

פרייטיק איז שוין דער פאָרמאַן צוגעקומען צו שלוימען און אים אַ שושקע געטאָן אין אויער :

— די וואָך קריגט ער טאַקע עמעסע אַכט דאָלאַר פאַר זיין אַרבעט.

מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל האָט שלוימע אים באַדאַנקט.

פאַרנאַכט, אַהיים גייענדיק פון דער אַרבעט, זיינען טאַטע און זון געווען פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך וואָס צו טאָן מיט דעם געלט, ווען מען פריער באַצאָלן די כוויועס, און וואָס ס'איז פריער נויטיקער צו קויפן אין הויז.

ווען שלוימע און דזשייק זיינען אַריינגעקומען אין הויז, האָט זיך דער געשפּרעך נאָך מער אויסגעברייטערט. אויך די מאַמע האָט אָנ־געוויזן, וואו מען מוז צאָלן פריער און וואו שפּעטער.

אין פאַרלויף פון די רייד, איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר דער צוקונפט. די מאַמע, ווי אַן אַרכיטעקט, האָט געצייכנט אַף אַ שטיקל פּאַפּיר :

— פון דער נעקסטער פּיידי דאַרף מען קויפן שיכלעך פאַר אַלע קינדער. עס איז שוין קאַלט, דער פראָסט בייסט שוין די פינגער.

— פון דער צווייטער פּיידע, — האָט שלוימע פאַרכאַפּט דאָס וואָרט, — מוז מען האָבן אַ טאָן קוילן. ווייל אַז ניט, וועלן מיר פרירן ווי די הינט.

— און פון גאָר דער נעקסטער, — האָט דזשייק אַ זאָג געטאָן, — וועל איך דאַרפן באַצאָלן פאַר אַ יוניאָן־בוך.

— וואָס הייסט דאָס ? — האָט שלמה אויסגעגלאָצט זיינע פאַר־קנייטשטע אויגן.

— אַדאָלף איז דעם ראַיט ! — האָט דזשייק גענומען דערקלערן, — אַדאָלף האָט מיר דערקלערט, אַז אַ יאַנג וואָרקער דאַרף קריגן באַ־

צאָלט פּונקט ווי אַן אַלטער, אויב איך אַרבעט די סעים.

— וואָס רעדסטו ? — האָט שלוימע זיך אַ דריי געטאָן אין דרייען, — ניט אין אונזער שאָפּ דאַרף מען אַ יוניאָן. האָסט געזען, ווי אונ־זער באָס האַנדלט פיין. און פאַרגעס ניט, אַז ווען ניט ער, וואָלסטו קיינמאָל ניט געקענט אַריינקומען אין טרייד און ווערן אַן אונטערפּרע־סער.

דזשייק איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט פון טאַטנס ענטפער. אָבער ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

— איך, אַ יאַנג וואָרקער, קען אַרבעטן מער ווי אַן אַלטער, און אויב איך ניט קריגן גוט באַצאָלט, זאָגט אַדאָלף, ענד הי איז ראַיט, וועט דער באָס מיר געבן אַרבעט און דיר ניט.

— רייד ניט איבער, וואָס דער קאָמוניסט האָט אין דיר אַריינגע־רעדט, — האָט שלוימע זיך ערנסט צעקאָכט, — דו קענסט ניט דער־וואַרטן צו קריגן די געלט וואָס מיר. איך אַרבעט שוין אין שאָפּ פערצן יאָר. פאַרגעס ניט.

— אָבער איך, — האָט דזשייק אַ וואונק געטאָן צו דער מאַמען, — קען מאַכן מער אַרבעט ענד מאַטש בעדער.

שלוימע האָט אַ לאַך געטאָן מיט אייפערזוכט דורך זיינע האַלב־צעפוילטע ציינער :

— נאַדיר, נו, ער וועט שוין באַלד וועלן מער געלט פאַר מיר. געמאַכט דאָס פאַר אַ באַל־מעלאָכע, געוויזן אים ווי אַן אייזן אָנצינדן, מאַכט ער שוין מער — „ענד מאַטש בעדער"...

— אָבער, פּאַ, — האָט דזשייק גענומען דערקלערן, — אַדאָלף וויים גוט וואָס ער רעדט. אויב איך ניט זיין אַ יוניאָן־מאַן, וועל איך ווערן אַ קוועסטשאָן־מאַרק ווי דו, און פאַרדינען אויף טוטפּיקס.

שלוימע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ :

— אָט האָסטו דיר. איך האָב אים אַריינגענומען אין שאָפּ צו ווערן אַ פּרעסער איז ער מיר גאָר געוואָרן אַ גאַנצער אופּקלערער.

ער האָט אָנגעשטעלט דעם פינגער אויפן זון :

— שווייג בעסער אין שאָפּ און היט זיך, אויב דו ווילסט ניט פאַרלירן דעם דזשאָב.

— בעסער דו היט זיך... — האָט דזשייק שטיפעריש אַ זאָג געטאָן, און זיך אַ לאָז געטאָן צום אייז־באָקס זוכן עסן...

א וואָך שפּעטער איז אין א מיטן טאָג צוגעגאנגען דער פאָרמאַן פון שאַפּ און איינגערוימט שלוימען אין אויער:

— דער באָס וויל אייך זען אין אָפיס גלייך נאָך דער ארבעט.

ביי שלוימען זיינען געלאָפן די געדאַנקען: צי איז דאָס אפשר א רעיז אין וויידזשעס, אָדער איז דאָס שוין אַן אָנזאָג, אַז דער זון, דזשייק, זאָל מער ניט אריינקומען אין שאַפּ פאר זיין גרויס מויל. ער האָט דערביי א מיש געטאָן פאר זיך אין די געדאַנקען די ווערטער, וואָס ער האָט אים אָנגעזאָגט ביי דער ערשטער פּיידע:

— „שוויַיג בעסער, היט זיך, אויב דו ווילסט ניט פארלירן דעם דזשאַב".

פארנאַכט איז שלמה אריינגעלאָפן אין אָפיס.

דער באָס האָט אים גוט־ברודעריש אָנגעוויזן אויף א שטול און גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— איך האָב אייך אריינגערופן צו זאָגן, אַז ביזנעס איז ניט מיט אַלעמען און מיר מוזן פארקלענערן דעם שאַפּ. איז אויב איר קענט ארבעטן פאר די זעלבע וויידזשעס, וואָס אייער זון קריגט, וועט איר בלייבן אין שאַפּ. און אויב ניט, איז בלייבן מיר גוטע פריינט פון דער וויַיטן.

שלוימעס קאָפּ האָט זיך נאָך טיפער איינגעהויקערט. ער איז גע־בליבן שטיין ווי א פראַגע־צייכן פארן באָס, ניט קענענדיק ארויסריידן א וואָרט. ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט די ווערטער פון זיין זון דזשייק: „בעסער דו היט זיך"...

קומענדיק אהיים דערשלאָגן און מיד, האָט שלמה גענומען דער־ציילן פאר זיין ווייב די חוצפּע פון באָס:

— פערצן יאָר ווי איך ארבעט פאר אים. איצט שיקט ער מיך אהיים און וויל זיין מיט מיר „גוטע פריינט פון וויַיטן"...

— דאָנ'ט וואָרי, פּאַ, — האָט דזשייק גענומען טרייסטן דעם טאַטן. ער האָט ארויסגעכאַפּט זיין יוניאָן־ביכל פון קעשענע און קאַמפּ־לוסטיק א זאָג געטאָן:

— אדאָלף איז „דעם ראַיט"! דו אויך ווערן א יוניאָן־מאַן! היט מאָסט בי א יוניאָן!

שלוימע האָט שטיל נאָכגעזאָגט:

— יע, א יוניאָן זאָל מען האָבן!

טעאַטער־שפּיל

הונגער, נויט און קאַ.

(מאַסן־ספּעקטאַקל)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

שוסטער	מאַמע (מיט א קינד אין א וויגעלע)
שניידער	סאָלדאַט
מיינער	געוועזענער סאָלדאַט (קריפּל)
בעקער	רייכע ליידי
סטאָליער	פּראָסטיטוטקע
ציגל־לייגער	אַלטער טאַטע
וועבערן	יונגער קאַמוניסט (זיין זון)
פּאַרמער	הונגער־געשטאַלט
	בעטלער און בעטלערנס

סצענע: אין טונקעלער ליכט א מאַרק מיט קראַמען. רונד אַרום אין יעדער קראָם — א גרויסער שוי־פענצטער פון וואַנען עס זעט זיך קוים ווי די אַרבעטער שאַפן.˙ דער שניידער נייט, דער שוסטער ציט די דראַ־טוועס, דער בעקער קנעט, דער סטאָליער הובלט, און אַז. וו.

עס ווערט ליכטיג אין פענצטער פונם שניידער. דער שניידער זיצט פאַריאַכט באַם טיש. פּלוצלונג גיט ער זיך א כאַפּ: די נאָדל איז אים אין פינגער אַריין. כאַפּט אַריין דעם פינגער אין מויל. דריקט דער־נאָך דאָס בלוט פון פינגער מיט דער האַנט.

שניידער — אַלע ווילן מיין בלוט. אויך די נאָדל, און מיין נאַ־ריש בלוט גייט. עס גייט פון האַלדז, פון האַרצן, פון די לונגען, און אַפילע פון פינגער, פע! מיליאָנען, מיליאַסן מאָל געשטאָכן, גענייט, (גיט א ריס מיט דער האַנט אף א צעריסענעם פלאַץ פון זיין אַרבל) גענייט און ניי, און אַליין אַן א קלייד, אַן ברויט, אַן א העמד, אַן א היים, אָן אַ סענט. (גיט אַ שאָקל דאָס בלוט פון פינגער) זאָל דאָס ווערן פאַר־ברענט! עס פאַלט שוין שניי און דאָס ווייב איז אָן אַ מאַנטל, דאָס קינד — נאַקעט, הייל און אַליין ? (גיט ווידער אַ ריס דעם צעריסענעם אַרבל) א וועלט באַקליידט, אין אַלע קראַמען, אויף אַלע גאַסן ליגן בערג

מיט קליידער, און איך ניי און ניי. אליין אפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מעסט איך אלעמען צו דער מאָס, נאר פאר זיך, פאר מיין פרוי, פאר מיין קינד האב איך קיין מאָס ניט. ווער באלעבאטעוועט עס אזוי ? ווער טיילט דאס אזוי איין ? מיין באלעבאס האָט קליידער פארן ווינטער, קליידער פארן זומער, קליידער נאך דעם ווערער נאָך. און איך ? אזא וועלט זאָל !... (גיט א ריס דעם צווייטן ארבל. עס ווערט פינצטער אין זיין פענסטער. ס'ווערט ליכטיג אין פענסטער פון שוסטער. דער שוסטער זיצט באַם וואַרשטאַט. קלאַפּט מיטן האַמער, כאַפּנדיג אַלע ווײַלע אַ טשוועקל פונם מויל.

שוסטער: — פּע ! (כאפּט א טשוועקל און גיט א קלאפּ) פּע ! (כאפּט ווידער א טשוועקל) פּע ! א מיאוסע וועלט. שיך אף טיש, שיך אף ביינק, שיך אף פּאָליצעס, נאר ניט קיין שיך פאר מיר אף די פיס. מאך שיך פאר לײַדיקגייער. שיך פאר שטעקל דרייער, שיך פאר רייטער שיך פאר טענצער, שיך פאר הערן, שיך פאר דאמען, נאר מיין ווייב, מיין קינד און איך, מיר גייען אָן שיך. (כאַפּט ארויס מיט קאַס אַ טשוועקל פון מויל און גיט א קלאפּ) פּע ! שיך ווערן פארברענט. שיך ווערן פארפוילט. פולע קאסטנס מיט שיך. פולע קראמען מיט שיך, און איך ? לאפּטשעס אנשטאט שיך. פּע ! (גיט א קלאפּ מיטן האמער)

(עס ווערט פינסטער באם שוסטער. ס'צינדט זיך אָן ליכט באם בעקער)

(בעקער שטייט מיט נאקעטע ארעמס און קנעט)

בעקער: — עסן, עסן, אלע ווילן עסן. עסן, פרעסן, אלע ווילן — אבער ניט אלע האבן. אזוי פיל ברויט, אזוי פיל ברויט. (ציט דעם טייג מיט די הענט) לאבנס קיילעכדיגע, לאבנס לאנגע, געפלאכטענע־בולקעס, בייגלעך, לעקאך, שווארצן ברויט, האָניק־טייגלעך, אזויפיל, אזויפיל, הייסינקע, פריש פון אויוון, טרוקענע, געפילטע, פּאָמפּערניקל געשמאק מיט קעז, געשמאק מיט פוטער, מיט ווורשט, ברויט (ציט די טייג) אויף זיי א טויט. אן אלט ברויטל אויב עס בלייבט קריג איך, פאר מיר, פאר מיין פאמיליע, און זיי, זיי פרעסן די הייסינקע, די פרישינקע די ווארימע פוטער־קוכנס. איך באק אַלע טאָג אזויפיל ברויט, און דא, וואו איך גיי, וואו איך שטיי, שרייט מען: „ברויט". קרימט אין מאָגן הונגער. און די געדערים פון אלע הונגעריגע בלאָזן זיך ווי די ראשטשינע, בורטשען און שרייען „עסן, ברויט". ווער פאר־

שלינגט דאָס ברויט? אויף זיי א טויט. (גיט א פּאַטש מיט דער האַנט אין טייג.־־ ס'ווערט פינצטער).

(ס'ווערט ליכטיג אין שוי־פּענצטער פון מיינער. מיינער שטייט מיט פּיק און האקט)

מיינער: — מוטער ערד, ווי טיף איך גראב זי איין אין דיין האַרצן. איך צעריים דיין אינגעווייד און נעם ארוים דיינע שוואַרצע געדערים. (הויבט אויף א גרויסן, שוואַרצן קויל וואס ער האָט אפּגע־שפּאָלטן. האַלט אים אין האַנט) דו וועסט זיך צעברענען מיט רויטע פלאמען. וועסט וואַרעמען, קאָכן, בראָטן, באקן, ווייסטו אז אין מיין הויז פרירט מיין קראנקע מאמע, מיין פרוי און קינד? דיר וועט מען אנלאָדן אין וואגאָנען און פירן ווייט, ווייט. אבער אין מיין היים ליגט צעשפּרייט פראָסט אַף די ווענט. אַך, (גיט אַ וואָרף דעם שטיין־קויל) איך צעעפן דיין מויל מוטער־ערד. און סאָפּקאָלסאָף וועסטו מיך איינ־שלינגען. (שפּאַרט אן זיין אָרעם אפן האמער) פאר וועמען גראָב איך? צוליב וואָס ליג איך אין די פינצטערע גרובן און ווער באַגראָבן?

(ס'ווערט פינצטער אין מיינערס פענצטער, ס'ווערט ליכטיג באַם סטאָליער).

סטאָליער: — (ציט די האַנט מיטן הובל) א טיש, א בעט, א באַנק, א שראַנק, שוין געמאַכט טויזנטער טישן, טויזנטער באַנקען, און אליין ווי אַ הונט אונטערן טיש, אונטערן באַנק. כ'שטעל טישן און רוק זיך אוועק פון טיש... שטיי טאָג איין טאָג אויס אַף מיינע פיס, וואָס זיינען ווי צוויי קלעצער געשוואָלן, און מאַך באַנקען, שטולן, (מאַכט האַוואַיע) ביטע, זיצן, זאלן זיי קריינקען און ניט שוויצן. פאר וועמען? פאַרוואס? בא מיר אין שטוב — א שטול מיט א צעבראָכן פיסל, א טיש וואס שאָקלט זיך ווי א לופּ־דע־לופּ און כ'דאַרף נאָך וועכנטלעך צאָלן פאר דעם, און דאָ טישן (פּאַרט מיטן הובל) טישן, שטולן, ביינק, א קריינק, אויף זיי א קריינק!

(ס'ווערט פינצטער באַם סטאָליער. ס'ווערט ליכטיג באַם וועבער)

(וועבער זיצט באַם וועב־שטול און וואַרפט די שיפל הין און צו־ריק)

וועבער: — צוועלף שעה א טאָג זייד, וועב איך זייד, צי די זיידן־פעדים הין און צוריק, שוואַרצן זייד, ווייסן זייד, עס גליטשט זיך די שיפל און וועבט, ארשין נאָך ארשין, שטיק נאָך שטיק, און פאר מיר א פאָדים ניטאָ. ניטאָ קיין העמד, ניטאָ קיין קלייד. ניטאָ אפילו

קיין זיידן לאטע אף מיין קלייד, און איך וועב, וועב, פאר וועמען ? פאר וואָס ? ווער טראָגט עס ? ווער צערייסט עס ? ווער פארנוצט עס ? זייד, זייד, זייד, און אליין — אין אַ צעריסן לייוונט קלייד. (גיט מיט קאַס א ריס דעם פאָדים, ס'ווערט פינצטער. ס'באווייזט זיך ליכט אין פענצ־טער פון ציגל־לייגער, ציגל־לייגער שטייט מיט א קעלניע ליים און גלעט דאס איבער א ציגל)

ציגל־לייגער:—שמיר, גלעט, לייג, בוי, אַ פונדאמענט, אַ וואנט, א דאך, אַ הויז נאָך א הויז, א גאס נאָך א גאס, און גלייך דעם ערשטן קלאפּט שוין דער לענדלארד אין טיר. (זינגט צו זיך) און דירה געלט מוזטו צאָלן. גראב אויסגעפּאשעט, (ווייזט ווי גראב) ווערן זאל ער גע־שוואָלן. האט גאנצע גאסן מיט הייזער, און איך מיט א פרוי מיט דריי קינדער אין ענגע דריי צימערן (גיט א קלאפּ מיטן ציגל אפּן פלאץ) און דירה געלט מוזטו צאלן, אז ניט ווארפט מען ארויס אין גאס, און דער ווינט מישט די בלעטלאך פונם גראסערי ביכל און דער רעגן פאר־ווייקט די וועש און א רייכע דאמע גייט פארביי און ווארפט אריין א גלאטן דיים (קרימט איר נאך) א רחמנות, אן ארימע פאמיליע שטייט אין גאס. (מיט ביטערקייט) און איך לייג ציגל נאך ציגל, בוי הויז נאך הויז, גאס נאך גאס, כא־כא־כא, א טרויעריגער שפּאס. (ס'ווערט פינצ־טער באם ציגל־לייגער און ליכטיג אין פענצטער פון פארמער, פארמער שטייט מיט א סערפּ אין האנט. זינגט „און דו אקערסט און דו זייסט")

פּאַרמער : — איך שטיי אויף צוגלייך מיטן מארגנשטערן. באַק זיך א גאנצן טאג אף דער זון אין פעלד. שנייד קאָרן און ווייץ און האָבער, און גראב די ערד, און טרייסל די פרוכט־בוימער, און קריג ארויס פון דער מוטער ערד דאָס שענסטע, דאס בעסטע, און שיק דאָס אלץ אין שטאָט אריין. פאר זיך אליין ? ניטא וואס צו עסן, כאָטש די ערד צו קייען. אויך מיליאנען אנדערע קוקן אף די שמעקנדיגע קאסטנס מיט פרוכט, מיט גרינצייג, נאר זיי האָבן קיין געלט ניט צו קויפן, טרי־קענען זייערע גערעים, און די זאפטיגע בארן, פלוימען, עפּל, פּוילן. פליען גאנצע קאסטנס אין וואסער אריין און איך ? איך אקער און זיי און שנייד און דרעש, מיט אָקס און פערד, אין דרערד, אין דרערד. (זינגט שטיל, „און דו אַקערסט". עס ווערט פינצטער אין אַלע פענצטער, אין טונקעלער ליכט אפן טראטואר קומט אן באם פענצטער מוטער מיטן קינד אין וועגעלע. ס'פאנגען אן טוקן די באלויכטונגען אין אלע פענצטער. צינדן זיך אן און לעשן זיך אויס. אין דער טונקע־

לער ליכט ווייזט זיך אין שאָו פענצטער וואו דער שניידער איז געזעסן, הייִנגט שוין א פאַרטיגער מאַנטל אף א פיגור. אין שוי פענצטער פון שוסטער ליגן פאַרטיגע שיך. באַם בעקער — ברויטן חלות און טאָרטן. באַם מיינער — א טאָפּ מיט קוילן. באַם סטאָליער — א טיש מיט א שטול. בא דער וועבערן — שטיקער געוויקלטע סחורה. באַם בריקלייער — א רויטע ציגל וואַנט. באַם פאַרמער — קאַסטנס מיט פּרוכט. די ליכט האַלט אין איין טוקן. די מאַמע פאַרט מיטן וועגעלע לאַנגזאַם פאַר־ביי די פענצטער. וואַרפט אירע בליקן אַפן קינד און אין פענצטער).

מאַמע:— שלאָף, שלאָף, צו שפּעט פאַר דיר צו עסן. די ברוסט איז דאַר, דער מאַגן־פּוסט, ניטאָ קיין מילך, ניטאָ קיין ברויט, שלאָף. ווען דו וועסט גרויס זיין קינד, (בויגט זיך צו צום וויגעלע) וועט מען דיר לער־נען אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד מיט גלייכע מעגלאַכקייטן פאַר אַלע, מ'דאַרף באַשיצן פּריוואַטע אייגענטום. מען וועט דיר הייסן סאַלוטירן די פּאַטריאָטישע פאָן. מען וועט דיר הייסן זיך אַנשליסן אין די בויי סקאַוטס. דערנאָך וועט מען דיך רופן אין מיליטערע אַריין צו באַשיצן דאָס לאַנד. וועסטו געדיינקען קינד מיינס, אַז עס האָט געפעלט מילך אין דער מאַמעס ברוסט, ווייל אין הויז האָט געפעלט ברויט? וועסטו? (גיט אַ וויש אַ טרער פון אויג) שלאָף, שלאָף. (פּאָרט לאַנגזאַם. זינגט שטיל צו זיך: „אין אַמעריקע איז ווי דעם אָרימען, שלאָף מיין קינד, שלאָף")

ס'קומט אַן אַ סאָלדאַט מיט אַ שילד „דזשאָין דהי אַרמי ענד ניי־ווי" האַלט אַ ביוגל אין האַנט, און בלאָזט אויס אַ רוף. דורכגייענדיג די גאַס. די ליכט האַלט אין איין טוקן אין די פענסטער. „הונגער", מיט די נעגל פאָראויס, טאַנצט אויס אויף דער גאַס אַ הונגער־טאַנץ. די פריי־ערדיגע אַרבעטער קומען איצט אין אַ ברויט־ליין, שאַרן זיך נאָענט בא די פענצטער. אַלע איינגעוואָרעטע אין די קאָלנערס וואַרפן בליקן צו די פענצטער וואָס זיינען אָנגעפּילט מיט קאָלטוויל.

בעקער: — אַזוי פיל יאָרן ברויט געבאַקן, געבראָטן זיך בא די אויוונס, געפלאָכטן חלות און איצט?

שניידער: — די פענצטער רייצן זיך מיט אונז, דאָ ליגט פון אַלעם גוטן נאָר ניט פאַר אונז.

שוסטער: — ניין, זיי רייצן זיך ניט פאַרקערט, זיי בעטן זיך,

זיי ווינקען, קויפט אונזער סכוירע, קויפט א קלייד, א שוך, נאָר ס'איז ניטא פּארוואָס צו קויפן.

סטאָליער: — אבער זיי ווארפן קאסטנס מיט שפּייז אין וואַסער, אויפצוהאלטן הויכע פּרייזן, און אונז, ארבעטלאָזע, ווארפט מען צו פארפוילטע שפּייז. זיי וואלטן דאס אונז אויך ניט געגעבן, נאָר זיי שרעקן זיך פאר די נעגל פון הונגער.

מיינער: — אין דער טיפסטער טיף בין איך מיט מיין לעמפּל אפן שטערן געקראכן און געגראבן קוילן. אנגעפילט וואגאָנען מיט זיי. אין די ליידיגע לעבער פון די מיין־גריבער, זיינען טויזנטער פון מיינע ברידער געבליבן שטעקן. איצט רוט פראָסט אין מיין הויז און ברויט האָט זיך ארויסגעקליבן.

ציגל־לייגער: —און אז איך בין אף די רעשטאָוואניעס געקראָכן אויפן דאך געלעגן, געהויבן די ציגל־ווענט צו די הימלען, איצט ליג איך אין אפגרונד אין דער ערד (גיט א מאך מיט דער האנט) זאלן פוילן מיינע זאכן אין גאס. זאל דאָס פוילן.

פּאַרמער: — אף דער זון זיך געברענט, געוואסערט די פעלדער. צעטריבן די ווערים זיי זאלן פרוכט ניט צעפרעסן. געקוואלן פון די שיינע עפּל, פון די גערעטענע קעפּלאך־קרויט. איצט קוק איך אף דעם אין א הונגער קיין ברויט ניטא. (ווייזט אין פענצטער) געזייט און געשניטן דעם קאָרן, איצט די פארם מיינע צוגענומען און געגעבן מיר א ברויט־ליין.

(סאָלדאַט גייט ווידער דורך רופענדיג מיט זיין טרומפּייט, מוטער מיטן קינד הינטער אים קומען אָן).

מאַמע: — (צום קינד) א מאמעס א קינד. (ווייזנדיג אף סאלדאט) וואו גייסטו ? וועמען רופסטו ? נייע סאלדאטן ? מלחמה ווילסטו ? נעגן וועמען ? דו וועסט דאך שיסן דיין ברודער, און דיין ברודערס קויל קען נאָך דיר טרעפן. קינד, דו העלפסט די וואס בריינגען הונגער פאר דיין טאטן פאר דיין מאמען. מאמעס קינד ! זע די ארמיי פון די הונגעריקע. דא איז דיין פלאץ צו קעמפן. מיט אונז, קינד.

(סאלדאט גיט ווידער א רוף און פארשווינדט, מוטער און קינד נאך אים)

(רייכע ליידי קומט אָן. ווייזט מיטן האנט די הונגעריקע וואו צו גיין)

רייכע ליידי : — קומט, קומט אַלע עסן. פאַר אַלעמען ברויט, סופּ, קאַפע, עסט און לויבט צו גאָט פאַר זיין ברייטער האַנט. (מיט געבויגענע קעפּ פּאָלגן זיי איר נאָך טריט באַ טריט און פאַרשווינדן. בעטלערס קומען אָן פון אַלע ווינקלען. זיי בעטלען איינע באַ די אַנדערע. יעדער איינער פון זיי ווייזט אָן אַז ער אַליין וויל גאָר עפּעס קריגן. פּראָסטיטוטקע גייט פאַרביי, ווינקט צו די בעטלער. די בעטלער ווינקען צו איר אַז זי זאָל זיי עפּעס שיינקען. פאַרצווייפלטער, אַלטער טאַטע קריכט אַריין. שאַרט זיך ווילד אַרום די פענצטער. לעקט די גלאָז וואו עס ליגן די ברויטן. פאַרצווייפלט ראַנגלט ער זיך פון פענצטער צו פענצטער. פאַלט אַנידער באַ דער וואַנט, אַלע קוקן צו אים מיט שרעק).

אַלטער טאַטע : — מ׳האָט מיר געזאָגט עס וועט בעסער ווערן. געציילט טעג 1, 2, 3. יעדער טאָג אַ יאָר. אין בויך מישט ווי זודיגע וואַסער אין אַ קעסל. עס דאַכט מיר, אַז ווערט עס אויפגעריסן ווי אַ פּאַס פּולווער. כ׳האָב אים געוואָלט אַפּנאַרן, מיין מאָגן. (לאַכט משוגע ווילד) לאָזט ער זיך ניט נאַרן. ער איז קליגער פאַר מיר. איך שריי צו אים „מאָראַטאָריום״, פאַרשטייט ער ניט וואָס דאָס מיינט, און ער מאַכט צו מיר: בר... בר... בר... (ווייזט ווי עס קרימט אים אין בויך) געפּרובירט האָב איך אים וואַסער געבן אַנשטאָט ברויט. געוואַרט פאַר די בעסערע צייטן. איצט טאַנצן די געדערים ווי שלאַנגען אין בויך, בייסן, רייסן, מיין האַרץ שפּרינגט, מיין מאַרך רייסט: עסן, עסן, עסן. פאַרשטעלט די פענצטער וואָס רייצן זיך מיט מיר. (פאַרמעסט זיך מיטן קולאַק אָף אַ פענצטער) נעמט אַוועק די ברויט און כּאַלעס וואָס רייסן מיר מיינע נאָז־לעכער (גריזשעט די וואַנט. קוקט מיט ווילדע אויגן אָף די שפּייז) מיין צונג און ציינער זיינען איצט טרוקן און שאַרף. (בייסט די ליפּן מיט גאַל) אָ, ווען איך קען קריגן דעם וואָס האָט די שליסן צו די שפּייזן. איך וואָלט אים אונטער מיינע ציינער צעמאָלן. (גלעט זיך איבערן בויך) באַרואיק זיך, רואיק, רואיק, (שאַרט זיך צו צום וואַנט. בלייבט ליגן, גראַבט איין דעם קאָפּ צווישן די קני).

ערשטער בעטלער : — שיינקט עפּעס עסן, הונגעריג, שוין דריי טאָג קיין ברויט ניט אָנגעזען.

אַלע בעטלער : — עסן עסן (געוועזענער סאָלדאַט, קריפּל, אָן אַ האַנט, קומט אַריין, קוקט זיך אַרום, גייט צו צו איינעם פון די בעטלער).

געוועזענער סאָלדאַט : — שיינקט עפּעס, איר זעט ? (ווייזט און א מעדאַל וואָס הייַנגט אף זיין צעריסענע מונדיר) אט־דעם מעדאַל האָב איך געקראָגן פאַר ראַטעוועץ א גענעראל.

בעטלער : — אַזוי ? געראַטעוועט א גענעראל !

געוועזענער סאָלדאַט : — (ווייזט נאָך מעדאַלן) אט־דעם מע־דאַל האָב איך געקראָגן פאַר ראַטעוועץ א שיף מיט אַמוניציע, אט־דעם האָב איך געקראָגן פאַר ראַטעוועץ מיין פאָלק סאָלדאַטן. אַט־דעם מע־דאַל האָב איך געקראָגן פאַר ראַטעוועץ א טראַנספּאָרט געווער פונם סוינעס הענט.

בעטלער : — (קוקט דערשטוינט) אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר איצט ?

סאָלדאַט : (רייסט אראָפּ די מעדאַלן) — איצט ראַטעוועט מיך, נאָט אייך אלע מיינע מעדאַלן און ראַטעוועט מיין לעבן. שוין א טאָג ניט געגעסן. גיי ארום הונגעריק. גיט עפּעס עסן.

בעטלער : — עסן? (ווייזט אף די פּענצטער) פאַרשלאָסן. איך וויל אויך עסן. אלע מיינע יאָרן געאַרבעט. געהאָלפן דאָס שאַפן. איצט גיי איך פון ראָג צו ראָג און בעטל. צו בעטל־ברויט געקומען. און איבעראל אַזוי פיל בעטלער, אלע מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די וואָס האָבן געשאַפן דאָס רייכטום, לעבן איצט אף בעטל־ברויט.

אַלטער טאַטע: — (גריזשעט די האָנט און רעוועט ווילד. די בעטלער און דער סאָלדאַט גייען צו אים צו, ער רעדט צו זיך) מיין קינד, ער האָט אַזוי געזאָגט.

בעטלער : — וואָס איז דיר, אלטער ?

געוועזענער סאָלדאַט : — האָסטו ניט קיין היים, אלטער, האָס־טו וואו קינדער ? זאָג, וועל איך זיי רופן זיי זאָלן דיך אהיים־נעמען.

אלטער טאַטע : — אהיים ? א קינד ? איין קינד געהאַט, אוועק אויף א שלעכטן וועג. וויל דאָס לאַנד אומברענגען. אונזער פאָטער־לאַנד פאַרניכטן. ער האָט זיך געבאַוועט מיט שלעכטע קינדער. זיי האָבן אים פון וועג אַרונטערגעפירט. א קאָמוניסט געמאַכט. יאָ, א קאָמוניסט. כ'האָב אים פון הויז אַרויסגעטריבן, איצט בין איך עלנד, אליין. מיין פלאַץ בא דער אַרבעט פאַרלאָרן, אלץ פאַרלאָרן, אלץ.

געוועזענער סאָלדאַט: — אלטער נאַר, דיין לאַנד אומברענגען,

דיין פּאטערלאנד? דו ליגסט מיט הונגער־קראמפן אין גאס און דו רעדסט פון פאטערלאנד. אט האסטו מעדאלן פון פאטערלאנד. (גיט זיי מיט כעס א שמיץ) אין דר'ערד אריין!

אלטער טאטע: — (גראבט איין זיין קאפ אין די הענט, כליפּעט) נו יא, אפשר גערעכט געווען, ס'קינד מיינס? אפשר ניט פארשטאנען אים?

יונגער ארבעטער (לויפט אריין מיט אַ פּעקל בלעטלאַך אונטער די ארעמס. דערלאַנגט יעדן איינעם פון זיי, אויסרופנדיג) — קעמפט! הונגערט ניט! ארבעטער, קעמפט! קעמפט, ניט שטארבט! גענוג געהונגערט! ארבעטלאָזיגקייט־אינשורענס! קעמפט, פאָדערט! פאר־איינִיגט זיך!

(אלע כאפּן די בלעטלאך, לייענען אויפמערקזאם. דער אלטער טאטע שטעלט אן זיינע אויערן, הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אריין אין בלעטל. זיינע אויגן קוקן ווילד. יונגער־ארבעטער פארשווינדט. אלע לייענען. אין הינטערגרונד דערהערן זיך געשרייען. די ארבעט־לאָזע פון דער ברויט־ליין קומען אן צוריק מיט בלעטלאך אין די הענט. ס'הערן זיך אויסרופן: „סאלידאריטי, ניט קיין טשאריטי". זיי שפּייען אין דער ריכטונג פון וואנען זיי קומען אן: „פוי, מיט אייער שמוציגער זופּ", „פו, מיט אייער טרוקן ברויט", בײלן די פויסטן)

יונגער ארבעטער: (ווייזט זיך צוריק צווישן דער מאסע קוקט דרייסט) — קעמפט, הונגערט ניט! לאָמיר זיך פאַראייניגן. (ווייזט זיי ווי אין די פענצטער וואַרפט זיך די באַלייכטונג. רייצט די אויגן) אָט זעט כאַוויירים ארבעטער, מיר האָבן דאָס אַלץ געשאַפן. אַלץ איז אונזערס. פאַרוואָס זאָלן מיר לײדן?

אלע: אַלץ איז אונזערס.

יונגער ארבעטער: — קומט אַלע צוזאַמען (ער פאַרשווינדט. אין אינטערגרונט, זיי פאלגן אים נאָך, עס דערהערט זיך זיין שטימע דורך א הויך־ריידער): ניט ווי בעטלערס, ניט אין ברויט־ליינס, ניט דורך רחמנות. מיר ווילן ניט אויסבעטלען דאס וואס מיר האבן געשאפן. מיר אלע, מאַן און פרוי, יונג און אלט, שווארץ און ווייס, דורך פאר־איינִיגטע רייען, דורך קאמף פון אונזער קלאס, לאמיר פאדערן דאס וואס מיר האבן געשאפן. ס'איז אונזער קלייד!

אלע : אונזער קלייד, מיר האבן דאס גענייט !

יונגער ארבעטער: — ס'איז אונזער שוך !

אלע : — ס'איז אונזער שוך, מיר האבן דאס געמאכט !

יונגער ארבעטער : — ס'איז אונזער ברויט און אונזער מיין און אונזער וועב־שטול און אונזער טיש — אונזערס ! ס'איז אונזער לאנד !

אלע : — אונזערס ! (אפלאָדירן)

אלטער טאטע : — (הערט זיך צו צו די רייד, קוקט מיט אויסגע־סטארטשעטע אויגן, הויבט זיך פון דער ערד, שארט זיך אין דער ריכ־טונג פון וואנעט די שטימע קומט אָן)

אלטער טאטע : — (מיט פרייד און שרעק אף זיין געזיכט) ס'איז מיין זון ! (אלע קוקן אים אָן) יא, מיין זון ! מיין קינד, דו ביסט גע־רעכט געווען !

יונגער ארבעטער : — מיר האבן געבויט די וועלט! מוזן מיר מיט אָרגאניזירטן קויאך איר איבערנעמען אין אונזערע הענט.

(אלטער טאטע נעמט זיך שטעלן אף זיינע פיס, קוקנדיג אין דער ריכטונג פון וואנען עס קומט די שטימע פון זיין זון)

יונגער ארבעטער : — אלע, אלע אין די רייען, לאמיר גיין פא־דערן, ניט מיט געבויגענע קעפ נאר מיט געבײלטע פויסטן. שטייט אויף! „שטייט אויף איר אלע ווער ווי שקלאפן" !

(אלע שטעלן טריט אין זיין ריכטונג, אלטער פאטער מיט די הענט אויסגעשטרעקט פארויס שטריינגט זיך אן און שפאנט זיי נאך.)

(פאָרהאנג פאלט)

דעם־אָ־קראַטיע

(וואַלן־שטיפעריי)

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

דזשייקעלע גראַבער — טשערמאַן, אַ פעט בייכיגער סאַלון־קיפּער.
1־טער פּאָליטישן
2־טער פּאָליטישן
3־טער פּאָליטישן
דזשאָן פולמאַן — קאַנדידאַט.
1־טער פראַגע־שטעלער
2־טער פראַגע־שטעלער } מענער און פרויען.
3־טער פראַגע־שטעלער
פּאָליסמאַן.
דזשימי וואַלאָפּ — שטאַרקער.
אַרבעטער שטימע.
מאַסע, מענער, פרויען און קינדער.

(סצענע: אויף אַ ראָג־גאַס שטייט אַ פּלאַטפאָרמע. אַרום מענער, פרויען און קינדער. אַ פּאָליטישן גייט אַרום און פאַרטיילט זיי פייפלעך, בלאָזערס, באַלונען, מאַנכע נעמען זיך גלייך צו דער אַרבעט פייפן און בלאָזן. אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייען עטלאַכע שטולן, אַ הויך ריידער, אַפן טיש—אַ קרוג וואַסער מיט אַ גלאָז, ביי דער זייט איז צוגעבונדן אַן אַמעריקאַנער פאָן, עטלאַכע שטייען נאָענט צו דער פּלאַטפאָרמע מיט בילדער פון קאַנדידאַט. פון מאַנכע פּלאַקאַטן קען מען לייענען: „דזשאָן פולמאַן, קאָנגרעס־קאַנדידאַט פון דער בולדאָז פּאַרטי, שטימט אַ סטרייט בולדאָז טיקעט!״ אויף די פּלאַקאַטן זעט זיך אַ $, דער עמבלעם פון דער פּאַרטיי. עטלאַכע פּאָליטישנס זיצן מיט טרובעס אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיי שטעלן זיך אויף און נעמען ווינקען אַז אַלע זאָלן טרובען און פייפן ווען זיי דערזעען אָנקומען דעם טשערמאַן, שטאַרקער און קאַנדידאַט. גרויסע צאָל פון די אַרומיקע בו׳ען, פייפן און לאַכן. דער פּאָליטישן האַלט אין איין שטופּן דעם קאַנדידאַט צום פאָדערגרונט ער זאָל זיך פאַרנייגן).

דזשייקעלע גראַבער (גיט אַ קלאַפּ מיטן קרוג אַפּן טיש, עס זאָל ווערן שטיל): — מיינע פריינט, ליסן, איר קענט מיר, מיין סאַלון אויף דעם בלאָק איז שוין פאַר יאָרן און יאָרן, איך האָב אייך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, אפילו ווען אַלע סאַלונען זיינען געווען געשלאָסן האָב איך אויך געהאַט אַ סאַלון, אַלץ פאַר אייך. איז ווער געווען אין טראָבל, איז מען געקומען צו מיר און דזשייקעלע גראַבער איז געווען „אָן די ספּאָט". וואַט דו יו סיי?

1-טער פּאָליטישן (שפּרינגט אויף) — „גיוו אים ע'הענד"!

(די ארומיגע גיבן אַ בלאָז אין די טרובעס...)

דזשייקעלע גראַבער — יו סי, איך האָב אַלעמאָל געזען אַז מיר אָרימע אויסגעדאַרטע מענטשן (ער גיט זיך אַ גלעט איבערן בייכל, אַלע צעלאַכן זיך) זאָלן קריגן דעם בענעפּיט פון אונזער גאָווערנמענט.

2-טער פּאָליטישן (כאַפּט ארויס די פלאַג און נעמט פּאַכען) — טרי טשירס פאַר אַר גאַווערנמענט. (די מאַסע ארום נעמט טרובען).

דזשייקעלע גראַבער — יו סי, מאַנכע וואָוטערס זיינען ווי פערד און אייזלען. זיי אַרט ניט אין וואָס פאַר אַ שטאָל מ'שטעלט זיי אריין, אבי מ'גיט זיי עסן. איך זאָג אייך פאַר אייער טויווע ווענן, איר דאַרפט זיין מיט אונז. די בולדאָז פּאַרטי וועט אייך געבן ניט נאָר עסן נאָר אפילע טרינקען (גיט אַ זופּ פון קרוג וואַסער). איך וויל איצט טאַקע רעדן צו יענע בירגער וואָס ווייסן ניט צו ווי צו וואָוטן. הערט אויף זיין בעהוימעס, פערד, אייזלען — סיסטערס און בראָדערס, לידיעס און דזשענטעלמען, איך אַפּעליר צו אייך, שטימט פאַר דעם ריכטיקן קאַנדידאַט! (ווייזט צו פולמאַנען. פולמאַן שטעלט זיך אויף, פאַרנייגט זיך). יו סי, מיסטער פולמאַן וועט קעמפן פאַר אייך עס זאָל זיין ביליגער רענט.

1-טער פּאָליטישן (גיט אים אַ טורקע אין זייט) — סיי, רעד ניט וועגן ביליגער רענט, דו דערהאַרגעסט מיר די ריעל־עסטייט ביזנעס.

דזשייקעלע גראַבער (גיט זיך אַ כאַפּ צוריק) — איך מיין מיר וועלן קעמפן עס זאָל זיין ביליגער מילך.

2-טער פּאָליטישן (צום דריטן) — ער וויל מיר דערהאַרגענען מיין רעקעט פון מילך. עי, שאַראַפּ! (גיט אים אַ שטורכע). וואָס מיר מילך, ווען מילך.

דזשייקעלע גראַבער (כאַפּט זיך צוריק) — יע, מילך מיינט נאָך גאָרניט. די הויפּט זאַך מ'זאָל ניט דאַרפן פרירן ווינטער. אונזער

קאַנדידאַט וועט זען אַז קוילן זאָל קאָסטן — —

3־טער פּאָליטישן (שלאָגט אים איבער) — קוילן וועט מוזן קאָסטן טייער. (זאָגט אים אָפּן אויער) שאַראַפּ, מ׳סטרייקט איצט אין מיינע קוילן מיינס. איך וועל מוזן רייזן אויף די קוילן.

דזשייקעלע גראַבער (קלאַפּט דעם פּאָליטישן אין פּלייצע) — דאַטסרייט, דאַטסרייט. לאָמיר זען ווער זיינען די געגנער פון אונזער באַליבטן קאַנדידאַט מיסטער דזשאָן פּולמאַן. אַלבעטשי אַז דזשימי וואָלאַפּ קען זיי מיט איין בלאָז אוועקבלאָזן (צעלאַכט זיך).

דזשימי וואָלאַפּ (בלאָזט זיך אָן) — יו בעט.

1־טער פראַגע־שטעלער (זיצנדיק צווישן עולם אין טעאַטער, פּאָכעט מיט דער האַנט) — אַ פראַגע.

דזשייקעלע גראַבער — דעמאָקראַסי איז דעמאָקראַסי. וואָס ווילט איר פרעגן?

1־טער פראַגע־שטעלער (צעשראָקן) — איך וואָלט וועלן וויסן פאַרוואָס איז דער קאַנדידאַט מיסטער דזשאָן פּולמאַן געזעסן 10 יאָר אין סינג־סינג?

דזשייקעלע גראַבער (פאַרלירט זיך אַ ווײַלע) — יו אַר ע לאַ־יער. איך קען באַווייזן אַז דזשאָן פּולמאַן איז ניט געזעסן מער ווי 4 יאָר.

2־טער פראַגע־שטעלער (אויך פון צווישן עולם אין טעאַ־טער, רעדט דרייסט) — נו, און פאַרוואָס איז דזשאָן פּולמאַן געזעסן 4 יאָר, קען מען דאָס וויסן?

דזשייקעלע גראַבער (כאַפּט אַרויס אַ ציגאַר פון קעשענע) — גיי פרעג ביי דער באָרד אָוו פּאַרדאָנס, וואָס הייסט, מ׳האָט אים פריער ניט געוואָלט אַרויסלאָזן...

(אַלע אַרום צעלאַכן זיך. מאַנכע טרובעו, דזשימי וואָלאַפּ גייט אַרום און סטראַשעט אַלעמען מיט דער האַנט, עס זאָל ווערן שטיל).

דזשייקעלע גראַבער — ווי נאָו יו, טראָבל־מייקערס, קומען עק־סטרע פרעגן פראַגעס צו וואַרפן אַ פלעק אויף דער ריינער נעשאָמע פון אונזער קאַנדידאַט. יע, פאַרוואָס איז דזשאָן פּולמאַן געווען אַרעס־טירט? פאַר אייך, פעלאָו סיטיזנס, יע פאַר אייך! דזשאָן האָט גע־קעמפט איר זאָלט האָבן גוטע ביר אין בלאָק, און דזשאָן איז מיי בעסט פרענד. ער האָט מיר פאַרטיידיגט. (גראַבער קערט זיך אויס און גיט אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע) דזשאָן וועט פאַר אייך אויך גיין אין פּריזאָן, ביקאָז, אי אַפּרישעהייטס עי גוד פרענד, יו סי. אויב מ׳וועט דאַרפן,

וועט דזשאן גיין פאר אייך אפילו אין דר'ערד. (אַלע נעמען קלאַפּן און טרובען) אי עוו די פּלעזשור אייך פּאַרצושטעלן דעם קאַנדידאַט דעם מאַרטירער פאר דער מענטשהייט, אַ מענטשן וואָס וואוינט שוין אין דעם בלאָק 23 יאָר, כאָטש ער האָט די שענסטע הייזער אויף ריווערסייד דרייוו — מיסטער דזשאַן פּולמאַן (גראָבער נעמט אים אָן פאַרן האַנט פירט אים צו צום הויך־ריידער, אַלע קלאַפּן, פייפן און שרייען).

דזשאַן פּולמאַן (שטעקט אריין צוויי פינגער אין מויל און גיט אַ פייף. אַלע ווערן שטיל) — סיטיזנס, לײדיס און דזשענטעלמען, ווי איר זעט האָב איך זיך גאר ניט וואָס צו שעמען מיט מיין רעקאָרד געגן אַלע קאַנדידאַטן וואָס לויפן אין דעם דיסטריקט. דו יו נאָו, מיסטער מעקאַרמיק? ער האָט דערהאַרגעט דריי מענטשן, און שפּילט מיט געמאַרקטע קאָרטן. מיין צווייטער געגנער מיסטער דיקהאַליץ, שלאָגט זיין ווייב און ער וועט אַ פריינט ניט טאָן קיין טויווע אפילע פאר געלט. און דער דריטער? איך דאַרף אייך ניט זאָגן, איר קענט אים גוט, אי איז ע' רעד! און דאַצענאַף!

(די ארומיגע נעמען קלאַפּן, פייפן און טשירן. דזשימי וואַלאַפּ לאָזט זיי ניט אפּלאָדירן, סטראַשעט מיט קלעפּ).

דזשייקעלע גראָבער (שטעלט זיך אויף, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) — עי, „שאַראַפּ!

דזשאַן פּולמאַן — יו סי, ווי דער טשערמאַן האָט אייך שוין געזאָגט, איך האָב אַלעמאָל געהאָלפן מיינע פריינט, ווען ניט איך, וואָלט מיסטער דזשייקעלע גראָבער נאָך היינט געווען אין פריזאָן, אָבער איך האָב אים ארויסגענומען און אליין געדאַרפט ליידן, און פאַרוואָס? ווייל איך האָב געוואָלט איר זאָלט האָבן גוטע ביר פון מיין קאַמפּאַני וואָס איז באַוואוסט פון איין עק לאַנד ביז דאַס צווייטע.

פעלאָו סיטיזנס, ביר, מיינט פּראָספּעריטי, און מיינע גוטע ביר, מיינט לאַנג לעבן. יו סי דים באַיעס? (ווייזט אָן צו די פּאַליטישנס) אַלע מאַכן ביי מיר אַ גוט לעבן, איר קענט אויך האָבן פּראָספּעריטי.

1־טער פראַגע־שטעלער (שטעלט זיך אויף) — וואָס איז דיין פּראָגראַם?

דזשאַן פּולמאַן — פּראָגראַם מאַי־אַי.

2־טער פראַגע־שטעלער (שטעלט זיך אויף צווישן אוילאַם אין טעאַטער אויף אַ שטול) — וואָס טויג מיר ביר, אַז מיר האָבן ניט קיין ברויט?

דזשאָן פּולמאַן — יו סי דאס זאָג איך. מיינע ביר וועט ברײנגען פּראָספּעריטי, אַז מ׳טרינקט ביר עסט מען, אַז מ׳טרינקט ביר ווערט מען פעט, פּלאַצן די קליידער, דאַרף מען נייע קליידער. אַז מ׳טרינקט ביר, גייט מען ניט גלייך און אַז מ׳גייט ניט גלייך דאַרף מען נייע שיך, אַז מ׳טרינקט ביר, מאַכט מען פּלעשלעך. מ׳פּילט זיי אָן, מ׳ליידיגט זיי אויס, ס׳איז פּראָספּעריטי יו סי, גוד לאָק באָיעס! (טרינקט אויס אַ גלאָז וואַסער).

3־טער פראַגע־שטעלער (שפּאַנט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָר־מע) — דו ווילסט זיין אַ קאָנגרעסמאַן, וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן מילכאָמע, וועגן פאַשיזם? וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע? און וועגן ברויט? אַרבעט?

(דזשימי וואַלאַף לויפט צו פארמאַכט אים דאס מויל).

פּאָליסמאַן — אָ שאַראַפּ. (גיט אַ שטורך אין זייט דעם פראַגע־שטעלער און וואַרפט אים אַרונטער).

דזשאָן פּולמאַן — איך, מיינע פריינט, גלויב אין דעמאָקראַסי. איך בין צופרידן צו הערן פון אייך פראַגן, שעמט אייך ניט. ווער וויל אַ וואָרט? קומט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע.

1־טער פראַגע־שטעלער (גייט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע) — איר האַלט דאָך די בירגער פאַר יאָלדן ווען איר קומט צו זיי מיט אַזעלכע רעדעס. אָבער מ׳קען אונז מער ניט נאַרן, מיר ווייסן אייער...

פּאָליסמאַן (גיט אים אַ קלאַפּ מיטן קלאַב אין די פּיס) — געט־אָף, קאַמאָן (שלעפּט אים אַרונטער).

1־טער פראַגע־שטעלער (ווענדעט זיך צום עולאם) — אָט האָט איר קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע.

דזשאָן פּולמאַן — יעדער קען האָבן זיין מיינונג, איך גלויב אין דעמאָקראַסי, מיר לעבן דאָ אין אַ פרייע קאַונטרי, ווער וויל נאָך אַ פראַגע?

2־טער פראַגע־שטעלער (גייט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע) — איך וויל וויסן צו ווייס דער קאָנגרעס־קאַנדידאַט אַז מיר האָבן מיליאָנען אַרבעטלאָזע, און וואָס דיינקט ער, דאַרף מען טאָן?

דזשימי וואַלאַף (גיט אים אַ שלעפּ פאַרן פוס און אַ זעץ אין זייט) — דאָס־אָ דאַרף מען טאָן. (וואַרפט אים אַרונטער).

2־טער פראַגע־שטעלער — פיינע דעמאָקראַטיע (בלייבט שטיין אין דער אַליי פון טעאַטער).

דזשאָן פּולמאַן — ווי איר זעט, זיינען מיר אַלע מאָל גרייט צו הערן אַ מיינונג פון די סיטיזנס, ווער נאָך וויל אַ וואָרט ?...

3-טער פראַגע-שטעלער (בלייבט שטיין צווישן די אָרומיגע, לעבן דער בינע) — איך וויל פרעגן — — —

דזשימי וואלאַפ (גיט אים פון דער בינע אַ זעץ מיט אַ פּלאַקאַט) — אַ נו, פרעג...

דזשאָן פּולמאַן (גאַנץ רוהיג) — נו, ווער נאָך ??

(צווישן דער מאַסע אין טעאַטער דערהערט זיך אַ שטימע. די פון ארום דער פּלאַטפאָרמע דרייען זיך אויס צו הערן).

ארבעטער שטימע (זיך אויפשטעלנדיג צווישן דער מאַסע אין טעאַטער)—די בולדאָז פּארטים האָבן ניט קיין ענטפער צו די נויטן פון די מאַסן, אנשטאָט פאַרענטפערן די פראַגן גיט מען די צוהערער קלעפּ. מיר האָבן אָבער פאַר אייך אַן ענטפער — — —

(עס הערן זיך שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. אַ צאָל אין טעאַטער לאָזן זיך גיין צו דער פּלאַטפאָרמע.די פּאָליטישנס בלייבן שטיין צעטומלט).

דזשאָן פּולמאַן (כאַפּט אויף גיך אַ גלאָז וואַסער, שלעפּט ארויס די פּאָן און נעמט פּאָכען) — נו, ווער וויל נאָך אַ פראגע ? (דזשימי וואלאפ שטייט מיטן קולאַק גרייט) ווי איר זעט זיינען אַלע מיט אונז איינשטימיג. הורא פאַר דער בולדאָז פּארטיי, הורא ! (דער עולם פייפט זיי אויס מיט די טרובעס).

ארבעטער שטימע — בירגער, דער סערף און האמער דאָס איז דער פאראייניגטער פראָנט פונם פאַרמער און ארבעטער, שטימט פאַר זיי !

(פוןביידע אַלייען אין טעאַטער לאָזן זיך צו דער פּלאַטפאָרמע אַ פאַר־מער מיט אַ סערפּ, און אן ארבעטער מיטן אַ האַמער. פּאַליסמאַן נעמט מיט איין האַנט קלאַפּן מיטן קלאַב אָן דר׳ערד, מיט דער צווייטער פייפן. ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, בלייבן שטיין אין פאָדערגרונט דער פאַרמער און ארבעטער מיט סערפּ און האַמער פאראייניגט).

(פאָרהאַנג פאַלט).

מאַקעס לעפּייסאַך

(שטיפּעריי אין צוויי סצענעס)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

מיסטער קעניג — לענדלארד און באָס פּיינטער, א דיקער איד מיט א שפּיציג־בערדל.

מיסעס קעניג — זיין ווייב, אַ נידעריגע ברייטע אידענע.

מיס ראוז — דינסטמיידל אין הויז.

מיסטער סקונער — סקעב־אַגענט.

מיסעס שיינדל — הויזקיפּערין.

פיר רעפּאָרטערס:
- כאַוועד רעפּאָרטער — פון אַן ארבעטער צייטונג.
- יאַנקעלע בלאָפער — האַלט אין האַנט אַ גרויסן בלייפעדער און אַ קאַמערא אויף אַ פּאַס.
- יודל אַטבינאַיך — האַלט אין האַנט אַ גרויסע פאונטן־פּען און אַ קאַמערא אויף אַ פּאַס.
- מוישע ציגנבאַרד — אַ איד מיט אַ שיטער־בערדל, האַלט אַ קאַמערא אין האַנט.

הערי — אַנפירער פון סטרייק.

איינער פון די ארבעטלאָזע.

אויראַך צום סיידער.

איינער פון די סטרייקער.

סטרייקער, ארבעטלאָזע, סקעבס, פּאָליציי.

ערשטע סצענע: באַם אָפיס פון מיסטער קעניג, וואו די פּיינטער ארבעטער סטרייקן.

צווייטע סצענע: ביי מיסטער קעניג אין הויז, וואו ער פּראוועט אַ סדר פאר זיינע סקעבס.

ערשטע סצענע:

באַם אריינגאַנג אין אָפיס פון מיסטער קעניג היינגט אַ גרויסע שילד, וואָס לייענט זיך ווי פאָלגט:

> „דאָ ווירד גיגעבין צוא אלי אידען מצה מיט וויין אויף פסח, מיסטער קעניג ווינשט אינען אַ כשר'ען פסח. ווען איהר דאַרפט פיינטען אייערע רומעס זעהט פיער מיסטער קעניג, וועט זיין גוּעט און בילעג! האָט אַ כשרין פסח!"

באַם טיר שטייען עטלאַכע אַרבעטלאָזע וואַרטן אין ריי פאַר מאַצע, קראַצן זיך רעדנדיג איינער צום צווייטן. לעבן זיי פאַראַדירן אַרום עטלאַכע סטרייקער אין אָוועראָלס, ווייסע היטלען און מיט פּלאַקאַטן אין די הענט וואָס זאָגן אָן, אַז אַ סטרייק גייט אָן ביי דעם לענדלאָרד און פיינטער־באָס מיסטער קעניג. כאַוואר רעפּאָרטער שמועסט מיט די סטרייקער און פאַרצייכנט ביי זיך אין נאָטיץ־ביכל, שיינדל די הויז־קיפּערן שלעפּט אַרויס פון יאַרד אַ מיסט־פּעסל. שלעפּט און שטעלט זיך אָפּ יעדע פּאָר טריט.

שיינדל: — אַן אוּמגליק אויף מיר מיט אַ פּעיסאַך, אַ גאַנץ יאָר האַלטן זיי די מיסט אונטערן בעט; קומט ערעוו־פּעיסאַך, ווילן זיי ווייזן דעם גרויסן לענדלאָרד אָפן הימל, אַז פּעיסאַך ראַמען זיי אויס דעם כאָמעץ. אויסראַמען זאָל מען שוין די לענדלאָרדס פון הויבן (קוקט צום הימל) און פון אונטן (קוקט צום אָפיס). אַך ווען מ'לאָזט דאָס די כעוורע (ווייזט צו די פּיקעטס) אַ ראַם טאָן דעם כאָמעץ, וואָלט מען שוין ניט געדאַרפט קיין פּעיסאַך. און איך וואָלט שוין געדאַרפט אויף קאַפּאָרעס צו זיין אַ דזשעניטאַרן ביי דעם כאַשערן אידן מיסטער קעניג.

הערי (פּאַראַדירנדיק מיט די פּיקעטס גיט אַ דזיטיקן פרעג שיינד־לען): — נו, וואָס הערט זיך, זיי אַרבעטן נאָך?

שיינדל (ענטפערט אים, רעדנדיק ווי צו זיך) — נעם אַרויס דעם פּאַפּירל פון בלעכל וואָס ליגט אין באַרל ועסטו וויסן. (זי שלעפּט אָפּ נאָך עטלאַכע טריט דאָס מיסט־פּעסל, ווישט זיך אַרום מיטן פאַרטוך דאָס פּאָנים און נעמט גיין צוריק).

סטרייקער — שיינדל, דו גייסט אונז שוין פאַרסאַמען דאָס ביסל לופט. נאָך קנאַפּ איז אונז די געז־באָמבעס פון דער פּאָליציי (ווייזט אויף דער מיסט־פּעסל). דערלאַנגסטו אונז נאָך אָט די געז־באָמבעס? (כאַפּט זיך פאַר דער נאָז).

שיינדל (מיט שפּאַס) — זאָרגט אייך ניט. די ריכטיגע מיסט־פּעסל בלייבט אין אָפיס... (גיט אַ וואונק צום אָפיס).

הערי (שפּאַצירט פאַרביי דעם מיסט־פּעסל, נעמט אַרויס דאָס פּאַפּירל, שפּאַרט זיך אָן ביים זייט פון הויז און לייענט שטיל ווי צו זיך) — אַלע גרינע רומס אויסגעפּיינט בלוי, אַלע ווייסע רומס שוואַרץ, איינער פון די סקעבס האָט געקראָגן פון סקעב־אַגענט צעבראָכן די ביי־נער, ווייל דער סקעב אַגענט האָט געמיינט, אַז דער סקעב האָט דאָס געמאַכט אומישנע. מיסטער קעניג בעט די אַלע אידן, וואָס קומען נע־מען מאַצע מיט ווײַן זיי זאָלן זיך לערנען פאַר פּיינטערס און קומען נאָך פּעיסאָך סקעבן. היינט וועט זיין אַ סעידער פאַר די סקעבס ביי מיסטער קעניג אין הויז. (ער לייגט צוזאַמען דאָס פּאַפּירל). אזוי, אזוי (גייט צו צו די פּיקעטס). יאַטן, ס'איז אָללרייט. איר זעט אויף ווע־מען ער לייגט האָפענונג, אויף אָט־די־אַ אויסגעהונגערטע (ווייזט צו דער „ליין") אַז זיי זאָלן קומען סקעבן נאָך פּעיסאָך. איר מעגט דאָס פאַרצייכענען (ווענדעט זיך צום כאַווער רעפּאָרטער). אייער פרעסע, כאַווער רעפּאָרטער, וועט שרייבן דעם עמעס.

(די אַרבעטלאָזע דרייען זיך אויס צו הערן וואָס די סטרייקער רעדן צווישן זיך. פּאָליסמאַן דרייט זיי אויס צוריק זיי זאָלן קוקן צום אָפיס. זיי דרייען זיך ווידער אויס צו די סטרייקער).

כאַווער רעפּאָרטער — אָט אזוי זוכן זיי אַריינגנאַרן אַרבעטער ווי מ'נאַרט אַריין מייז אין אַ פּאַסטקע. די „פרייהייט" וועט שוין מאַרגן וואַרנען די אַרבעטער זיך צו היטן פון דעם שווינדל.

הערי (קוקט צו די אידן וואָס שטייען אין ליין פאַר מאַצע) — איר הערט ברידער, אַ גאַנץ יאָר רויבט מיסטער קעניג אונזער ברויט, אונזערע קינדער האָבן ניט קיין מילך, קומט פּעיסאָך, טיילט ער מאַצעס מיט ווײַן און די רעפּאָרטערס פון די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען קו־מען באַשרייבן זיין סעידער, ווי אזוי ער טיילט שפּייז צו די אָרימע, דערנאָך העלפן אים די זעלביגע צייטונגען צו ברעכן סטרייקס, שפּאַלטן אונז די קעפּ.

(די אַרבעטלאָזע דרייען זיך אויס און הערן זיך צו. דער פּאָליס־מאַן גייט אַרום און דרייט זיי ווידער אויס צו דער ריכטונג פון אָפיס).

סטרייקער — מיר וועלן אים דאַרפן היינט פרעגן צום סעידער די קאַשעס...

הערי — און מיר'ן זיי אויך דאַרפן פאַרענטפערן... (צו די אַר־בעטלאָזע) געדיינקט ברידער, לאָזט זיך ניט פאַרפירן פאַר דעם שטיקל מאַצע צו ווערן סקעבס!

(די טיר פון אָפיס עפנט זיך. מיסטער קעניג באַווייזט זיך מיט אַ קעסטל מאַצע אין איין האַנט און אַ פלאַש וויין אין דער צווייטער. די אַרבעטלאָזע אין דער ליין בלייבן שטיין אַ ווײַלע פאַרגליווערט. איינער פון זיי רוקט זיך אַרויס, קוקט צו די סטרייקער און אויף די מאַצע מיט וויין).

אַרבעטלאָזער (רופט אויס מיט צאָרן) — דא נעמט איר אַוועק דאָס ברויט ביי אייערע אַרבעטער און דאָ ווערט איר גוט און טיילט מאַצעס. ביי זיי נעמט איר דאָס בלוט און דאָ גיט איר וויין. טפו אויף אייך מיט אייער „טשאַריטי".

אַלע אַרבעטלאָזע (טראַכטן אַ ווײַלע און מיט איין אָטעם) — „טפו" אויף אייך מיט אייער „טשאַריטי". (גיבן אַ מאַך מיט די הענט און לאָזן זיך אַוועקגיין).

(מיסטער קעניג בלייבט שטיין צעשראָקן. עס פאַלט אים אַרויס פון האַנט די קעסטל מאַצע מיטן פלאַש וויין).

(פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטע סצענע

(רייך־פּאַרפּוצטע דיינינג־רום ביי מיסטער קעניג'ן אין הויז. צווישן אַנדערע בילדער אַף די ווענט זעט זיך אַ גרויסע בילד פון מיסטער קעניג. אויף איין זייט וואַנט און אַ בילד פון אַ „גוטן אידן" אויף דער צווייטער זייט וואַנט. אין מיטן הויז — אַ לאַנגער טיש צוגעגרייט פאַרן סיידער. עס זעט זיך אָן אַפן טיש ווייַנען, שנאַפּס, פרוכט, מאַ־צעס, הויבן־אָן שטייט אַ גרויסער שטול מיט קישנס, אַ היסב־בעט פארן קעניג. די דינסטמיידל ראָוז, לויפט הין און צוריק צו מאַכן אלעס אין אָרדענונג. מיסעס קעניג, אַ ברייטע אידענע מיט גאָלד און דימענטן באַהאַנגען אין אַ רייכע אָוונט קלייד קומט אריין).

מיסעס קעניג (צו דער דינסט) : — ראוז „איט איז ביוטיפול", הער, פארגעס נאר ניט ארופנעמען פון קעלער דעם אימפּאָרטירטן ווייַן, דאָ וועלן היינט זיין מעוּוינים אויף ווייַנען, אַלע רעפּאָרטערס פון די פּייפּערס וועלן דאָ היינט זיין, וואָס ווייסטו ראוזעלע, (מיט באגייס־טערונג) מאָרגן וועט דאָך זיין „פּיקטשעס" אין די פּייפּערס, ווי דער סיידער וועט אויסזען ביי אונז, מ'וועט דאָך באַשרייבן דיינע קנידלעך, און די געפּילטע קישקע, און די פּיש, און אפילו דיך וועט מען אויך באשרייבן אין די פּייפּערס.

מיס ראוז : — א גליק וועט מיך טרעפן, מ'וועט מיך נאך ווייזן אין די „מואווים" פאר דער העלדיכע פון דער קישקע . . .

מיסעס קעניג : — בעליוו מי, צו קענען צופרידן שטעלן מיין מיסטער קעניג מיט דער קישקע דארף מען זיין א העלד. (ווארפט א קוק אַפן טיש) ראוז, פארגעס ניט דעם כריין, מ'מוז האָבן כריין צום סיידער, אידן דארפן געדיינקן די ביטערע צייטן פון אמאָל, אי אז איך נעם א שטיקעלע כריין (נעמט זיך ווישן די אויגן) דערמאָנט דאָס מיר ווי שלעכט און ביטער ס'איז געווען אמאָל די אידן. (צעוויינט זיך)

(מ'קלאפט אין טיר. ראוז לויפט צו און עפנט, שיינדל קומט אריין מיטן בעזים אין האנט.)

שיינדל (צו מיסעס קעניג) : — וואָס ווילנט איר עפּעס ?

מיסעס קעניג : — א טראכט געטאן וועגן דעם כריין, האָב איך זיך דערמאָנט ווי ביטער ס'איז געווען אמאָל די אידן. איר האָט שוין כריין צום סיידער ?

שיינדל: כריין, פּלענטי, נענוג, מיר פעלט בלויז די פיש, די טשיקן, די ווין, און צו וואס זאָל איך טראַכטן פון די צרות פון אַמאָל, היינט פעלן זיי מיר דען?

מיס ראָוז: — איר ווייסט, שיינדל מ'גייט דאָך היינט נעמען פּיקטשעס פון דעם סדר, דאָ וועלן זיין אַלע פּייפּערס און מ'וועט שרייבן פון די פיש, און די זופּ, און די קניידלעך.

שיינדל: — געוויס, וואָס וועלן די פּייפּערס ניט טאָן פאַר קניידלעך?... (צו מיסעס קעניג) איך בין אַריין אייך פרעגן צי ווילט איר בלויז מיסטער סקונער'ן צום סיידער, צי די אַלע נייע פּיינטערס? ווייל אויף אַ גוטער קייסע זיינען זיי אַלע גוטע באַלאַנים.

מיסעס קעניג: — געוויס אַלעמען, זאָלן די פּייפּערס זען אַז ביי אונז זיינען די אַרבעטער מיטן באַס איינס. די טראָבל־מאַכער וואָלט איך געגעבן מאַקעס, ניט קיין סיידער. אָבער די פּור־מענטשן וואָס ווילן אַרבעטן און שרעקן זיך ניט איבער וואָס מ'רופט זיי, סקעבס, דאַרפן געוויס פּראַוועען מיט אונז דעם סיידער און טרינקען אונזער גוטן ווין. ביי־די־ווי, מיסעס שיינדל, האָט איר שוין פאַרזוכט אַביסל אונזער אימ־פּאָרטירטן ווין? ראָוז, גיס אָן אַ גלעזל מיט ווין פאַר שיינדלען. (ראָוז גיסט אָן אַ גלעזל ווין און דערלאַנגט שיינדלען, שיינדל נעמט אין האַנט דאָס גלעזל)

מיסעס שיינדל: —מאַקעס אונזערע סאָנים און געזונט פאַר מיר.

מיסעס קעניג: — אָמיין.

מיסעס שיינדל (טרינקט אויס) — אַ וואונדער וואָס מ'פּראַוועט אַ סיידער. אַזאַ קאָס איינער איז דאָך אַ גאָרניט. מ'מוז דאָך האָבן פיר קויסעס.

מיסעס קעניג: — שעמט זיך ניט, נעמט נאָך, היינט איז דאָך עפּעס פייסעך. נעמט טרינקט. אַז מירן אימירצעשעם פאָטער ווערן פון סטרייק, וועסטו קריגן אַ גאַנצן פלאַש מיט ווין.

מיסעס שיינדל: — אַ דאַנק, פאַר מיר איין גלעזל איז גענוג, פון צווי גלעזלעך קען איך נאָך נעמען רעדן וואָס מ'דאַרף ניט, און פון פיר גלעזלעך קען איך נאָך נעמען טאָן וואָס מ'טאָר ניט. נו, אַ גוטע נאַכט. וועל איך זיי שוין אַריינשיקן, (גייט אַרויס.)

מיסעס קעניג (צו ראָוז'ן): — נו, מאַך אַלץ פאַרטיק, איך גיי זיך איבערטאָן, ווארום באַלד וועלן שוין נעמען קומען די געסט. (גייט

אַרויס, ראָוז שטעלט אויס די גלעזער. ברענגט די זאַכן אין אָרדנונג.

מיס ראָוז (קוקט צום טיר): — אַז ניט מײַנען זיי די האַגאָדע, די קנײדלעך, אָט־אָ־דאָס וואָס זיי ווילן, דאָ האָט מען צוגעגרייט אימ־פּאָרטירטן ווײַן, און דאָרטן (ווײַזט צום טיר) האַלט מען אימפּאָרטיר־טע סקעבס צו ברעכן דעם סטרײַק. (מ'קלאַפּט אין טיר, מיס ראָוז לויפט צו עפענען, עס קומט אַרײַן יאַנקעלע בלאָפער. פאַרנייגט זיך און שטעלט זיך אַליין פאַר, זינגענדיק)

יאַנקעלע בלאָפער (זינגט מיט דער מעלאָדיע פון טשאַסטוש־קעס):

איך בין דאָס דער יאַנקעלע.
זוך שטענדיק שיינע מיידלעך.
ווער עס וויל האַגאָדע גאָר
און איך — איך זוך די קניידלעך . . .
אַ גאָפּל איז די פען ביי מיר
אַ קייסע איז דער טינטער.
כאָלעשט ווען די האַרץ ביי מיר
שטיי איך גלייך און מינטער.
אין „ריקווערטס" שרייב איך
ווי איר זעט, קיין זאַך ווידעראַלט זיך.
אַ ברים, אַ סיידער, אַ געט־פּראָצעס,
אַבי נאָר עס באַצאָלט זיך . . .(טאַנצט אונטער)

(ער דערלאַנגט ראָוזן די האַנט צו ווײַזט איר וואו צו זיצן. ער נעמט צוגרייטן זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.)

מיס ראָוז (ווי צו זיך): — אָט־אָ־דאָס איז דער „ריקווערטס"? נו, נו, (מ'קלאַפּט אין טיר. ראָוז עפנט עס קומט אַרײַן יודל אַטבינאַיך ער באַגריסט זיך זינגענדיק. יאַנקעלע שטעלט אָן אויף אים דעם פאָטאָ־גראַף אַפּאַראַט און כאַפּט בילדער.

יודל אָטבינאַיך (זינגט):

איך בין יודל, זייט באַקאַנט,
דער באַרימטער דיכטער,
וואו איך קום, גיס איך אַריין
און שטענדיק בין איך ניכטער.
איך קום אַריין צו טאַמאַני

א שנעפסל מאכן גיט ער,
געפין איך זיך שוין שטענדיק דאָרט
וואו צוויי — בין איך א דריטער.
אין „ליכטל״ בין איך א גוטע האנט
און אזוי פארבלייב איך,
אַ שיינע מויד און ראָסל פלייש —
אין פּאָעזי באַשרייב איך. (טאַנצט אונטער)

(יודל כאַפּט ארונטער זיין פאָטאָגראַפּישן אפּאראט און ביידע שטעלן אָן די אפּאראטן איינע אויף די אנדערע)

— **יאַנקעלע בלאָפער:** — ביז וואס ווען ווען מיר זיך אפּפּאָר־טרעטלען איינס דאס אנדערע.

יודל אָטבינאיך: — איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, איך דאַרף נאָך זיין היינט ביי דריי סיידאָרים באַשרייבן.

יאַנקעלע בלאָפער: — ניט געפערליך, דו וועסט שוין טרעפן אויף אויסענווייניק וואס צו באשרייבן. דאָ ברודערל זע איך, איז פאַראַן וואס א זופ צו טאָן . . .

(מ׳קלאַפּט אין טיר, ראָוו עפנט, עס קומט אריין מיסטער ציגנבאָרד ער פארנייגט זיך, ראוו קוקט אים אָן, צעלאכט זיך)

מיסטער ציגנבארד (זינגט):
עך בין מוישע ציגנבאָרד
עך שווער בא באָרד און פּאיעס.
ווי איך זע נאָר קניידלעך, פיש,
גאַיט מיר אוים דאָס כאַיעס.
עך שראַב פאַר אידן וואָס ס׳גיט
עך בין אַ גרוים מענאַגן.
מאַנס אַ ליד איז פול מיט זאַפּט
ווי ערעץ־יסראול מיט פּאַגן.
אין „יאַרמעלקע״ לייענט עס
דער ראָוו און אויך דער גאַבע.
עץ שראַב פון פרומע זאכן נאָר
צו האָבן עלאָם אַבע...

(אלע דריי רעפּארטערס כאַפּן זיך ארום און גייען א טענצל. ראוו קוקט זיי אָן דערשטיינט.)

ראוז: — ווען ס'איז פאראן נאך איינער, טאנצן זיי אויף אלע פיר.

יודל אַטבינאיך: — פּיסאך איז אַ טייערער יאַנטעוו, די וואָס גלויבן ניט, קריגן מאקעס און מיר (ווייזט אַפן טיש) וועלן שלינגען פעטע קניידלעך, עסן גוטע פיש און טרינקען — — — —

ראוז (כאפּט אונטער): — אימפּארטירטן וויין.

יאנקעלע בלאָפער (גיט יודלען אַ שטורכע אין זייט): — דו ווייסט די דינסט איז דאַ אַ גאַנץ גלאַטע מיידל.

מוישע ציגנבארד (צו ראוז'ן): — זע נאר מאידל, דו בינסט אַ יעסיימע?

ראוז (איבעראשט): — פּארוואָס פרעגט איר דאָס?

מוישע ציגנבאַרד (לאַכט ציניש): — ווייל אַ יעסיימע איז אַ מיצווע צו קיצלען.

ראוז (ווי צו זיך) „ — אויב אזוי גלעט בעסער אייער בערדל, אַ ציג האָט ליב אז מ'גלעט איר . . .

(די רעפּארטערס צעלאכן זיך, פארשרייבן אין די ביכלעך, כאפּן פון אלץ בילדער אין הויז. מ'קלאפּט אין טיר, ראוז עפנט. עס קומען אָרכים, דער שטאַרקער, דער סקעב אַגענט מיט עטלאַכע סקעבס. און מיסטער און מיסעס קעניג הינטער זיי, די רעפּאָרטערס ווערן ביזי, כאַפּן בילדער. ראָוז לויפט אין קיך. מיסטער קעניג דריקט אַלעמען די הענט, באַגריסט זיך.)

מיסטער קעניג (טוט אויס דעם מאנטל בלייבט שטיין אין קיטל):
— נו, אידן אַלע צום טיש, ווי זאָגט דער פּאָסיק, קאָל דיכפּין יעיסעי וועיעיכל.

(אלע טוען זיך אויס, הייגען אויף די מאנטלען, צעזעצן זיך באם טיש. מיסטער קעניג זעצט זיך אויף דער העסע־בעט, דער שטאַרקער פון איין זייט, דער סקעב־אַגענט פון צווייטן זייט, די רעפּאָרטערס אַנטקעגן, די סקעבס אויף די איבעריגע פּלעצער. מיסעס קעניג דערלאַנגט אַלעמען אַגאַדעס אין האַנט אריין און גייט אַפּ אין קיך).

יאנקעלע בלאָפער: — מיסטער קעניג איך מוז אייך זאָגן, אייך פּאסט צו זיין אַ קעניג.

יודל אַטבינאיך: — מיסטער קעניג, איר זעט אויס ווי אַ קעניג פון אמאָליגע יאָרן. ווען מענטשן האָבן געוואוסט ווי אפּצושאצן אַ קעניג.

מוישע ציגנבארד : — מיסטער קעניג, איר וועט נאָך אמאָל זיין אַ קעניג באַם אידישן פאָלק, אויב מ׳האָט שאול אַמיילאַך׳ן אויסגעקליבן פאַר זיין הויך וועט מען אייך אויסקלייבן פאַר אייער ברייט... (אַלע כאַפּן זיך צו די ביכלעך פארשרייבן.)

מיסטער קעניג : — נו, אידן, שעמט זיך ניט, מאַכט אַ קייסע און זאָגט אַ שטיקעלע אַגאָדע. אידן דאַרפן זיין אידן.

(אַלע גיסן אָן אַ קייסע, מאַכן אַ בראָכע און טרינקען אויס).

יודל (גיסט אָן נאָך אַ קייסע): — זאָל לעבן דאס אידיש פאָלק מיט די גוטע סיידאָרים.

יאַנקעלע בלאָפער (גיסט אָן נאָך אַ קייסע): — זאָל לעבן דער קעניג וואס אימפּאָרטירט וויין.

מיסטער קעניג : — ווי איר זעט, איז אין מיין מעלוכע אַלע גלייך, ביי איין טיש זיצט דער באָס און די ארבעטער.

מיסטער סקונער : — הורא פאר אונזער באָס.

אַלע : — הורא.

מוישע ציגנבארד : — הורא פאר די פיש.

אלע : — הורא.

(אַלע וואָס זיצן ארום, זינגען פאר זיך די אַגאָדע, מיסטער קעניג רעדט זיך דורך אין דער שטיל מיטן סקעב־אגענט. די רעפּאָרטערס עסן און שרייבן.)

מיסטער קעניג (צו סקונערן : — נו, האבן זיי איבערגעפארבט די צימערן ?

מיסטער סקונער : — זיי האָבן איבערגעפארבט אָבער ס׳איז ווידער געווען אַ טאָעס, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט אריינגעטאָן אַנדערע פארב.

מיסטער קעניג (גיט א קלאפּ אין טיש) : — עס וועט מוזן נעמען אַ סאָף. (אַלע ווערן שטיל) די ציטונגען וועלן מוזן זען מ׳זאָל ארויסשיקן די טראָבל־מאכער פון לאנד, וואָס שטערן די רו און פרידן פון די בירגער. (די רעפּאָרטערס פאַרצייכענען) מיסטער קעניג באַהאַנדלט זיינע ארבעטער ווי קינדער (די רעפּארטערס פארצייכענען, מיסטער קעניג כאַפּט ארויס א פאפּיר פון בוזים קעשענע) דאָס האָב איך שוין צוגעגרייט אַן אינדזשאנקשאַן ווי אזוי צו פארטרייבן פון מיין סיידוואָק

די טראָבל־מאַכער, אויב איר אידן (ווענדעט זיך צו די רעפּאָרטערס) וועט וועלן, וועלן מיר זיי אפּמעקן פון דער ערד. זייערע פּיקעטס זיינען ערגער ווי די מאַקעס אין דער אַגאָדע. (מיסטער קעניג לייגט אוועק דעם אינדזשאַנקשאַן אונטערן קישן, די געסט ארום טיש קוקן זיך איבער. נעמען זיך ווידער זאָגן די אַגאָדע).

יודל אָטבינאַיך: — די בעסטע זאַך, זיי אריינפּאַקן אין כאַד־גאַדיא.

מוישע ציגנבאָרד: — ווען איך האָב צו זאָגן, וואָלט איך זיי איינגעמויערט אין די ווענט און פּאָטער.

יאַנקעלע בלאָפער: — ארויסשיקן פון לאַנד און זאָלן די אנ־דערע לענדער זיי באַגראָבן.

מיסטער קעניג: — מיר וועלן דאַרפן פון אַלץ פּרובירן. נו. אידן לאָמיר טרינקען דעם צווייטן קאָס.

יודל אָטבינאַיך (צו יאַנקעלען אפּן אויער): — זעט אוים אָן א בוכקיפּער קען ער גאָר ניט רעכענען ביי אים איז נאָך אַלץ דער 2טער קאָס. (צו אַלעמען) נו, לאָמיר נעמען דעם צווייטן קאָס. (גיסן אָן און זאָגן אַלע צוזאַמען די בראָכע).

מיסעס קעניג (קומט אריין מיט ראָוזן, ראָוז טראָגט אריין נאָך עסן): — נו, ווי האַלט דאָס? (קלאַפּט אַלעמען אין פּלייצע) עסט גע־זונט, עסט געזונט.

יודל אָטבינאַיך (ווייזט אפּן פלעשל): — ס'האַלט ניט שלעכט.

מיסעס קעניג (זעצט זיך צום טיש) — זאָל אייך אַלע זיין צו געזונט. (ראוז בלייבט שטיין באַם טיש, גרייט צו באַדינען.)

מיסטער קעניג (נעמט זיך צום זאָגן, אלע זאָגן נאָך, ווענדעט זיך צו ראוזן): — ראָוז, מיר דאַרפן איצט באַגעגענען עליאָאו אַנאָווי (ער שטעלט זיך אַוועק, נעמט דעם כאָס אין האַנט) איצט ראָוז, עפן די טיר און מיר וועלן געבן עליאָאו אנאָווי זיין קאָס.

(די רעפּאָרטערס כאַפּן זיך אויף, נעמען די פאָטאָגראַפישע אפּאַ־ראַטן צו נעמען בילדער ווי אזוי מ'באַגעגנט עליאָאו אַנאָווי מיטן קאָס, מיסטער קעניג גייט ארויס מיטן קאָס אַנטקעגן, ראָוז גייט פאָראוס עפנט די טיר. ווי גיך די טיר עפנט זיך, קומען אריין אַלע סטרייקער אין זייערע ווייסע אָווערהאָלס מיט די קעסעלעך פאַרב און די בערשטלעך

אין די הענט.׳ מיסטער קעניג ווערט צעשראָקן. די רעפּאָרטערס נעמען כאַפּן בילדער.

מיסטער קעניג : — וואס איז דאָס ? וואס, וואס ? ? ?

די סטרייקער (טונקען די בערשטלעך אין די קעסעלעך און הויבן אָן גיסן איבערן פּנים פון מיסטער קעניג און די געסט. שרייענדיג דער־ביי צוזאַמען): — „דאַם, צעפּארדייא, קינים, אַרייוו״ א. ז. וו. (דער אוירלאַך וואָס זיצט די גאַנצע צייט באַם טיש לויפּט־צו, כאַפּט ארויס פון אונטערן קישן דעם אינדזשאַנקשאן, לויפט אריבער צו די סטריי־קער).

אוירלאַך : — ברידער, אַט האָט איר דעם האפּיקיימאָן.

(די סטרייקער ווארפן אן אפן טיש די קעסעלעך מיט די בערשט־לעך, מיסטער קעניג נעמט שרייען „פּאָליס״, אלע ארום שטייען צע־טומלט ווייסן ניט וואס צו טאָן.)

סטרייקער : — (לויפט צו און טוט אן מיסטער קעניגן א ווייסן קעסל אפן קאָפּ): — נאדיר א קאָשערן סטרייק. און איצט וועט איר קענען זינגען א כאד־גאדיא.

אַלע סטרייקער (צעלאַכן זיך, נעמען זינגען, כאַד גאַדיאָ און פאַראַדירן ארויס ווארנענדיג מיט די פינגער.

(פּאָרהאַנג פאלט).

ס'איז ניט קיין שידאַך!

(איינאַקטער)

פּערזאָנען:

אַוורעמל ראָוז — ארום 45 יאָר אַלט, אַ סטרייקער.

סערע — זיין פרוי, אין די זעלביקע יאָרן. זייער צוריקגעשטאַנען.

ליזאַ — זייער טאָכטער, ארום 25 יאָר אַלט.

מיסטער וואלפיש — ארום 35 יאָר אַלט, פאַרמאַן אין אַ שאַפּ.

פריינקע שיקער — ארום 30 יאָר אַלט, סקעב אגענט.

רעליף אונטערזוכערן — מיטליאריגע פרוי.

(די סצענע קומט פאָר אין קיך. אן אָרימע ארבעטער היים. סערע זיצט אָנגעשפאַרט מיט איין האַנט אן אַ שטול, מיט דער צווייטער האַנט וויגט זי אַ וויגעלע מיט אַ קליין קינד, זינגענדיק אַ לידל).

אה־אה־־אה, מאַך־צו די אויגעלעך,
פאַפּאַ וועט דיר ברייננגען בייגעלעך.

סערע (כאַפּט זיך אויף פון שטול) — אן אומגליק אויף מיר. וויל ניט צומאַכן מיט קיין אויג, כאַטש דערלאַנג דאָס מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ (רעדט שטיל צום קינד, סמאָטשקעט מיט די ליפּן). שלאָף זאָג איך דיר, שלאָף. ווילסט עסן? ס'טאָס דערציילן דיין טאַטן, וועט ער דיר קאָרמענען מיט זיין יוניע־ביכל. (ווערט בייז). שלאָף! (גיט מיט קאַס אַ שאָקל דאָס וויגל) שלאָף, דיין טאַטן ווילט זיך סטרייקן. ער האָט שוין געארבעט אַ מאָנטיק מיט אַ מיטוואך — סטרייקט ער שוין. (פאַרקרימט זיך) מאַך־צו די אויגן. זאָל דיין טאַטן פאַרמאַכט ווערן דאָס מויל. נאָר ער ספּיטשעוועט. איבעראַל איז ער פול. אי־בעראַל שטופּט ער זיין נאָז. קיין זאַך געפעלט אים ניט. שלאָף!

(זינגט) אה־אה־אה־אא, מאַך־צו דיינע אויגעלעך, פּאפּא וועט ברייַנ־גען בייגעלעך, אה־אאא־אא! (צעבייזערט זיך) שלאָף, שטיי ניט אויף מיט דיין טאַטן אינאיינעם!

(מ׳קלאַפּט אין טיר. סערע גיט מיט קאָפּ אַ שאָקל דאס וויגל. לויפט צום טיר, רופנדיק: קאַמין, קאַמין. מר. וואלפיש קומט אריין, טוט אויס זיין הוט).

מר. וואלפיש — אַ גוטער אָוונט אייך! כ׳האָב אייך אויפגע־וועקט פון שלאָף?

סערע — ניין! היינטיקע צייטן קען מען אפילע באַנאַכט ניט שלאָפן. אזוי איז דער קאָפּ פאַרדרייט. איך זיץ און איך טראַכט: וואָס וועט זיין דער סאָף? איך מיין: מיטן סטרייק. מיין אָוורעמ־לען געפעלט ניט אייערע קאַנדישאַנס.

מר. וואלפיש (לאַכט) — כאַ־כאַ־כאַ! איר, אַ פרוי, און איר האָט מער סייכל פאַרן מאַן. איר ווייסט ווער סטרייקט? נאַראָנים און טראָבל־מאַכער. אַ דאַנק אונזער באָס האָבן מיר דאָך ארבעט אין שאָפּ. איז גראַדע איצט, ווען עס איז געוואָרן אביסל ביזי און מ׳קאָן ארבעטן — געפעלט זיי צו סטרייקן! זיי האָבן דאָך געדאַרפט דאַנקען פריער גאָט און דערנאָך דעם באָס — איז דאַנקען זיי דאָס אזוי אָפּ: נאָר סטרייקס און סטרייקס און טראָבל.

סערע — ווען זיי האָבן מיינע צאָרעס, וואָלט זיי שוין ניט גע־לעגן אין קאָפּ קיין סטרייקס.

מר. וואלפיש — ניט אַנדערש די יוניאָן צאָלט זיי גרעסערע ווייַ־דזשעס פאַר ניט ארבעטן ווי דער באָס פאַר ארבעטן.

סערע (גיט זיך אַ כאַפּ־אויף) — וואָס? קריינק גיט מען זיי. בויכווייטאָג אויף אינסטאָלמענטס. איר זאָגט מיר? זיי האָבן דאָך ניט אַ ניקל אויף קאַר־פעיר. זייער שמוניע — זייער יוניע — האָט אזוי פיל געלט וויפל מיין אָוורעמל האָט סייכל. (זעצט זיך זייער נאָענט לעבן וויגעלע און וויגט) זעצט זיך, מר. וואלפיש.

מר. וואלפיש (זעצט זיך לעבן סערען) — וואו איז ליזא, נאָך ניטאָ פון שאָפּ?

סערע — יע, זי איז אָוועק זוכן דעם טאַכשיד מיינעם. כ׳מיין: דעם טאַטן. ליגט אַ גאַנצן טאָג אין האָל. באַטאָג פיקעוועט מען און באַנאַכט מאַכט מען פלענער ווי אזוי אַף מאָרגן ווידער פיקעווען. גע־וואָרן אַ גאַנצער מאַכער בא זיי. אַ ספּיטשער וואָס רעדט פאַר פייער

און פאר וואסער. אפילע פון שלאף רעדט דאס נאר פון סטרייקס און סטרייקס. זאל דאס נאר אריין אין שטיינער און ביינער וואס ער ווינטשעוועט אן איך און מיסטער קאהען, דעם באס, אזוי ריידענ־דיק פון שלאף.

מר. וואלפיש (מאכט זיך אז אים אַרט דאס ניט) — אוורעמל איז א נארישער מענטש. ער האט איצט געקענט זיצן רואיק און מאכן א דאלאר.

מערע — יע, נו, אים ליגט אין זינען צו מאכן א דאלאר. אוו־רעמלען גיט נאר סטרייקעלעך דריי מאל א טאג (ווייזט אויף די פינגער און פארבייגט זיי): פאר ברעקפעסט א סטרייק, פאר דינער א סטרייק און פאר סאפער א סטרייק, דאן וואלט ער געוועז צופרידן. איך וועל שוין אבער זען ווי ער וועט ספּיטשעווען ווען ער וועט דערזען דעם דיספּאזעס. איר זעט? (הויבט זיך אויף, גייט־צו צום שראנקל און ווייזט דעם פּאפּיר) די טאכטער האט דאס אים איצט אוועקגעטראגן די נייעס.

מר. וואלפיש (גיט זיך א כאפּ ווי מיט פארדראס) — א דיס־פּאזעס? דער מאן איז א מערדער פון זיין פאמיליע. א גאזלען אויף זיינע קינדער. ווען איך בין זיין ווייב (מאכט א גרימאסע מיט די ליפּן) ווען איך בין זיין ווייב, וואלט איך אים געמאכט צו גיין ארבעטן. איצט איז דער סיזן. אויב ניט איצט, איז ווען דען? איך וואלט אים גע־זאגט, אז ער איז א מערדער. א סינגעלמאן זאל סטרייקן, אבער ניט א טאטע פון קינדער. און צו וואס סטרייקן? מיסטער קאהן איז געוועזן פון די ערשטע, וואס האט זיי נאכגעגעבן. געגעבן זיי א רייז פון 2 סענט אפן דאזן, מיט אלץ מיט אנאנדער; שרייען זיי: ס'ניט גענוג! וואס איז? מיסטער קאהען איז שולדיק אז דער גראסערי־מאן האט געהעכערט די פּרייזן! און צווייטנס דארף דאך מיסטער קאהען איצט אויך צאלן מער פארן עסן און אנדערע זאכן. מיסטער קאהן האט דאך אביסל מערער עקספּענסעס פאר זיי. איז אלץ גיט זיי נאך און נאך. און ביי ווענען וועט ער בעטן, זאגט אליין? . . .

מערע — גאנצע קנאקערס געגן די באסעס! זאלן זיי גיין סטרייקן מיט די גראסערילייט, אויב זיי זיינען אזעלכע העלדן. איר הערט, מר. וואלפיש? מיין גראסערימאן גיט מיר א ברויט, איז ער געווארן מיט 2 סענט מער. פרעג איך אים: סטייטש? מאכט ער זיך א שפּאס, בעסער עסט ברויט, וואס דארפט איר זיך עסן ס'הארץ?

מר. וואלפיש — אַט זעט איר, ווען כאַלילע מיסטער קאָהן זאָל זיי געבן א דאָלאר ביל און זאָל פעלן א שפּיץ, וואָלטן זיי געמאַכט גאַנצע גוואַלדן, אַז דער דאָלאר טויג ניט. אָבער דאָ שווייגן זיי! וואָס דאַרפט איר מער: מ׳איז ארומגעגאַנגען מאַנאַטן־לאַנג ליידיק, געפּעכניעט פאַר הונגער, האָט עמיצער געהערט פון סטרייקס? ס׳איז געווען: שאַ, שטיל! איצט, מיטאַמאָל זיינען זיי געוואָרן גאַנצע כאַ־כאַמים. אַז דער באָס גיט זיי ארבעט ,ווערן זיי גאַנצע מאַכערס!

סערע — זיי וויסן דען וואָס זיי ווילן? זיי האָבן פּאַשעט פאַר־געסן ווי צו ארבעטן. מ׳איז ארומגעגאַנגען מאַנאַטן־לאַנג ליידיק, אָן א שטאָך ארבעט, ווילן זיי איצט גאָרניט אָנפאַנגען.

מר. וואלפיש (קלאַפּט סערען איבערן פּלייצע) — איך זאָל אזוי לעבן ווי איר זיינט גערעכט. זיי ווילן ניט ארבעטן.

סערע — אָבער דער לענדלאָרד וויל ניט וויסן. און דער געזמאַן — איר זעט? (גייט־צו און ווייזט באָס אויוון אַז די געז איז פּאַרמאַכט) האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. וואָס טוט מען? לאָמיר שוין אזוי ניט וויסן פון קיין בייז...

מר. וואלפיש — מאַכט אים צו גיין ארבעטן. א פּרוּי האָט אויך וואָס צו זאָגן! זאָגט אים: זאָל ער קומען צו דער ארבעט. איך וועל שוין רעדן מיט מיסטער קאָהן ער זאָל אים געבן נאָך א פערטל סענט אויפן דאָזן. מיר וועלן מאַכן מיט אים אן אויסנאַם!

סערע — און אייך זאָל גאָט געבן געזונט. איר זיינט דאָך א דימענטענער מענטש. (קלאַפּט אים איבערן פּלייצע) טאַקע אַז מיין ליזענקע קלייבט עפּעס אויס, וייס זי וואָס גוט איז.

מר. וואלפיש — איר האָט א ליזעטשקא, זאָל זי נאָר געזונט און שטאַרק זיין. ס׳וועט איר שוין ביי מיר ניט פעלן פון קיין פויגל־מילך. (הויבט זיך אויף פון שטול).

סערע (מיט כניפע) — איז וואָס איילט איר זיך?

מר. וואלפיש — איך מוז גיין. איר ווייסט ניט וואָס עס מיינט האָבן א סטרייק אויפן קאָפּ. אַלץ אליין. דאַרף קריגן סקעבס, דאַרף מענעדזשן די ארבעט, באַזוכן די פּאָלים און אמאָל נאָך זען אָנברעכן די ביינער איינעם פון די טראָבל־מאַכער.

(עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר. סערע לויפט צו, עפנט, זי דערשרעקט זיך, שפּרינגט אָפּ פון טיר. עס קומט אריין פריינקע שיקער).

פריינקע — האַלאָו באָס (גיט אַ קלאַפּ מיסטער וואַלפּישן אין פּלייצע).

מר. וואַלפּיש — ווי קומסטו איצט אַהער?

פריינקע — איך בין געקומען זאָגן ליזען און אויך מיסעס ראוז (ווענדעט זיך צו סערען) אויב איר וועט ניט סטאַפּן אוורעמלען מיר מאַכן טראָבל באָס שאָפּ, וועט ער קריגן צעבוכטשעט אַ מאָרדע ווי דער שאָפּ־טשערמאַן האָט געקראָגן. איך וויל אים טאַקע ניט שלאָגן, ביקאָז, יו סי, אָבער ביזנעס איז ביזנעס.

סערע (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ) — אוי, אַ בראָך איז מיר! מיין אוורעמל קען דאָך נאָך קריגן אַ צושפּאָלטן קאָפּ!

מר. וואַלפּיש — אַלעוואַי זאָל אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט זיך. ווען אוורעמל איז ניט ליזע׳ס טאַטע, ווער ווייסט וואָס פון אים וואָלט שוין געווען? דאַן קאָן טרעפן, אויב ניט דורך מיר, איז דורך דער פּאָליציי. זיי זיינען ניט איבערקלייבעריש. זיי דערלאַנגען ווער עס קומט זיי אונטער דער האַנט.

סערע — פינסטער איז מיר. ער וועט שוין גיין ביי מיר אַר־בעטן. עס וועט אים שוין סטרייקן אין די גדערים.

מר. וואַלפּיש (נעמט דעם הוט אין האַנט) — זאָגט ליזען זי זאָל מיך אָפּרופן אין אַ שאָ אַרום. איך וועל דאַן זיין אין מיין אָפּיס. (כאַפּט זיך) אַלזאָ, זאָגט אוורעמלען, אַז ער זאָל קומען גלייך אין דער פרי צו דער אַרבעט. ער דאַרף זיך גאָרניט שרעקן פאַר די טראָבל־מאַכער. מיסטער קאָהן האָט פריינקן. ער וועט אים שוין פּראָטעקטן. (גיט פריינקן אַ קלאַפּ אין פּלייצע). נו, לאָמיר גיין. מיסעס ראוז וועט שוין זען אַז אוורעמל זאָל מאָרגן זיין צו דער אַרבעט (לאָזן זיך צום טיר).

סערע — ער וועט שוין באַ מיר אַרבעטן. (הויבט זיך אויף זיי באַגלייטן. גלעט מר. וואַלפּישן איבער דער פּלייצע, לאָזט זיי אַרויס פון דער טיר, נאָכזאָגנדיק): גייט געזונט, איך וועל שוין זאָגן (גייט־צו צום וויגעלע, דעקט־איין דאָס קינד) נ אָ ך שלאָפט עס ניט, שלאָף; זינגט: אַ־אַ־אַ, אַה! (גיט אַ געשריי): ש ל אָ ף! דיין טאַטן ווילט זיך סטרייקעלעך. (זי זינגט): שלאָף, שלאָף שלאָף! (רעדט צו זיך אליין) דיין טאַטן ווילט זיך ספּיטשעלעך. ער וועט שוין באַ מיר קריינקען און אַרבעטן. (זינגט): אַ־אַ־אַה, אַה, מאַך־צו דיין אויגעלע, פּאַפּאַ וועט

ברייננען א — — (עס קלינגט דאס גלעקל. זי לויפט צום טיר. עס קומט אריין א רעליף אונטערזוכערן).

רעליף אונטערזוכערן — איז אייער נאָמען מיסעס ראָוז?

סערע — יע, יע.

רעליף אונטערזוכערן — וואו איז אייער מאַן?

סערע — א שיינע פראַגע, אבי איך האָב געמיינט אז די גאַנצע וועלט ווייס שוין, אז מיין אוורעמלען קען מען טרעפן אָדער אויף דער פּיקעט ליין אָדער אין האָל. וואָס מיינט איר עפּעס, מיין מאַן איז ווי אַלע מענער? פאַר אים איז ניטאָ קיין ווייב, קיין קינד, קיין רינד, קיין רענט, נאָר סטרייקעלעך און דאַטסאָל! וואָס האָט איר אים באַדאַרפט?

רעליף אונטערזוכערן (באַטראַכט אַלץ אין הויז, וואַרפט אויגן אין אַלע ווינקעלעך) — איך בין פון דער רעליעף ביוראָ. וויפיל זיינען ביי אייך אין דער פאַמיליע?

סערע — פּלענטי! כ'האָב איין זון א פאַרהייראַטן, און א מיידל מיט צוויי זין אין הויז און ס'קליין פּיצעלע (ווייזט צום וויגעלע). מיט די קינדער האָבן מיר זיך גראָדע ניט וואָס צו שעמען. אזא יאָר אויף מיר, וואָס פאַר א טייערע קינדער מיר האָבן, נאָר אזא מאַזל אויף מיינע סאָנים, וואָס פאַר א טאַטן זיי האָבן. (טראָגט איר אונטער א שטול). זעצט זיך אביסל, רוט זיך אָפּ.

רעליף אונטערזוכערן (בלעטערט אַ פּעקל קאַרטלעך אין דער האַנט) — ניטאָ קיין צייט צו רוען, ס'איז פאַראַן אזויפיל צאָרעס, מענטשן ארבעטן ניט, ווילן זיי רעליף. נו, איז הויז נאָך הויז, טרעפּ ארויף און טרעפּ אראָפּ.

סערע — ס'הייסט איך בין ניט קיין יאַכסענטע. ס'איז פאַראַן נאָך פרויען וואָס האָבן אזעלכע מענער ווי איך. מיילע גאָט צו דאַנקען דערפאַר. זאָלן זיי אויך פילן מיין טאַם.

רעליף אונטערזוכערן — נו, און די קינדער קענען אייך גאָר ניט העלפן?

סערע — איר מיינט אז די קינדער זיינען עפּעס מיליאָנערסקע קינדער, א קאַבצן האָט קאַבצאָנימלאַך. מיין פאַרהייראַטער זון מאַכט א שטיקל לעבן, האָט ער א ווייב. יע, איר מעגט מיר אָפּגעבן מזל־טוב זי איז איצט געלעגן געוואָרן, געהאַט א מיידעלע, איז דאָס א ליאַלקע. איר מיינט אז דער זיידע האָט דאָס שוין געזען? א נעכטיגער טאָג. ווען זיין יוניאָן וואָלט געלעגן געוואָרן, וואָלט ער שוין געלאָפן איר זען,

אָבער אַ שנור? אַן אייניקל? ניט זיינע ביזנעס. יע, און די איבע־ריגע קינדער מאַטערן זיך מיט אונז.

רעליף אונטערזוכערן — זאָגט אייער מאַן אַז איך וועל זיין אין דריי טעג אַרום און איך וויל אים זען אין הויז.

סערע — אַז איר וועט דאָס באַ אים אויספירן, וועט איר שוין אויספירן באַ דעם קריזיס ער זאָל אַוועק.

רעליף אונטערזוכערן — גוד באַי! (פאַרצייכנט עפּעס אין איר ביכל און גייט אַרויס).

סערע — אַז מ'לעבט, דערלעבט מען. (גייט צום פענסטער און קוקט אַרויס) אַז מ'וועט דערלעבן די נעכאָמע, וועט אַרויס די נעשאָמע.

ליזאַ (קומט אַריין באַגייסטערט. וואַרפט אַראָפּ איר מאַנטל, לויפט צו מיט ליבע צו דער מאַמען) — מאַמע, דו האָסט ב'דאַרפט הערן ווי דער פּאַפּאַ האָט געהאַלטן אַ ספּיטש! ווי איך בין אַריין אין האָל און געוואָלט אים זאָגן וועגן דיספּאָזעס, איך הער ווי פּאַפּאַ רעדט טאַקע וועגן דיספּאָזעס, הערסט מאַמע (כאַפּט אַרום דער מאַמען). דער טאַטע איז אַן איי־וואָן ספּיטש־מייקער, מאַ, איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט אַז דער פּאַפּאַ ווייסט סאָמאַטש אַבאַוט די וואָירלד! הערסט, מאַמע, ער האָט אין צען מינוט די גאַנצע וועלט אָט אַזוי־אָ אַ דריי געטאָן (גיט אַ דריי דער מאַמען אויף אַלע זייטן).

סערע — מיט אַזאַ דריי קען מען מאַכן אַ שיין טאַכלעס פון דער וועלט.

ליזאַ — וואָלסטו דאָס געגלויבט אַז מ'האָט דאָס יאָר, אַריינגע־וואָרפן אין יאַם מיליאָנען פונט קאָפע, אַריינגעגאָסן טויזנטער קאַנען מיט מילך, און פאַרניכטעט טויזנטער כאַזיירים.

סערע — נו, וועל איך זיך באַלד זעצן וויינען נאָך די כאַזיירים.

ליזאַ — אָבער, פאַרשטיי מאַמע, די כאַזיירים באָדן זיך אין קאַ־פע און מיר האָבן ניט אַביסל קאָפע אין הויז.

סערע — ווי איך זע, האָט דער טאַטע דיר שוין אויך צעדרייט. נאַ דיר, נו, מער ווי דאָס פעלט מיר ניט צו וויסן: מילך, קאָפע, כאַ־זיירים. די פראַגע איז וואו איז דער טאַטע? האָסטו אים געזאָגט וועגן דיספּאָזעס?

ליזאַ — געזאָגט, געזאָגט, געזאָגט!

אָווערעמל (קומט אַריין מיטן ראָק אָפן האַנט) — גוד איוונינג! (לויפט גלייך צו, כאַפּט אַ קוק אָפן קינד).

ליזאַ — אָט איז פאַראַן פּאַפּאַ. (לויפט גלייך צו איס צו) פּאַפּאַ, דערציייל נאָר מאַמאַ די מאַיסע מיט די כאַזיירים, זאָל זי דאָס אויך וויסן.

סערע — מויכל, ס'איז מיר שוין געגוג אָנגעבאַזוערט אַפן האַרצן. אז מ'האָט אַזאַ מאַן, אים ארט, אז מ'וואַרפט אין יאַם קאָפּע מיט כאַ־זיירים, און אז מ'וועט באַלד ארויסוואַרפן זיין ווייב מיט די קינדער פון די רומס, דאָס אַרט אים נים. (ווישט זיך די אויגן).

אַוזָרעמל (מאַכט זיך ניט הערענדיג, רעדט צום קינד) — פּו־זיקל קליינס, דו וועסט זיין אַ סטרייקער? אַ, יע? אַ גוטער סטריי־קער? (סמאָטשקעט צום קינד) אַ גוטער סטרייקער ווי דיין טאַטע?

ליזאַ — אַ־באַי, דערלאַנגט ער ספּיטשעס! פּאַפּאַ ער וועט זיין געראַטן אין דיר (קוקט צום קינד).

סערע (לויפט צו צום שראַנקל, כאַפּט ארויס דעם דיספּאָזעס) — נאַ דיר אַ גוטן סטרייקער (וואַרפט ארויף דעם דיספּאָזעס אַפן וויגעלע) וועסט שוין מאָרגן ליגן אין גאַס, קנאַקער מיינער, איך וועל זען וואָס דו וועסט מאָרגן טאָן?

אַוורעמל (גלייכט זיך אויס) — דאָס אייגענע וואָס היינט, סטרייק!

סערע — דו וועסט ליגן מיט די בעביכעס אין גאַס, גרויסער ספּיטשער מיינער!

אַוורעמל — וועט מען ליגן אין גאַס און סטרייקן!

ליזאַ — שאַ, שאַ, מיר וועלן ניט ליגן אליין.

סערע (אָנטשלאָסן) — אַ גליק האָט דיר געטראָפן. דער גראָ־סערימאַן רייסט שטיקער, דער בוטשער שינט די הויט, דאָ אַ דיספּאָ־זעס, (ווענדעט זיך צו אַוורעמלען): אויב דו וועסט ניט גיין צו דער ארבעט וועט זיך טאָן כיישעך, דו ביזט אַ מערדער פון דיינע קינדער.

אַוורעמל — צו דער ארבעט וועלן מיר גיין, ווען מיסטער קאָהן וועט סעטלען, נאָכגעבן אונזערע פאָדערונגען.

ליזאַ (זוכט דער מאַמען צו באַרוהיגן) — אָבער, מאַמע.

סערע (קרימט איס איבער) — פאָדערונגען, וואָס ווילסטו? (אופגערעגט) מיסטער וואַלפּיש וויל דאָך דיר געבן אַ רייז, וואָס נאָך ווילסטו? (ווענדעט זיך צו ליזאַ'ן) זיינע ביזנעס איז פאַר די אַנדערע, אים אַרט פאַר די שוואַרצע, פאַר די רויטע און פאַר די געלע! ער וויל פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט!

סערע — הערסט מאַכטער, ווען דו וואָלסט הערן ווי וואַלפּיש לאַכט פון אים, און מ'וועט אים נאָך צעברעכן די ביינער אויך (ווענ־דעט זיך צו אַוורעמלען) מ'איז שוין דיר געווען היינט זוכן, ס'אַלל־רייט, דו וועסט נאָך ארומגיין מיט לעבער אין קאָפּ, אויב דו וועסט ניט גיין ארבעטן.

אַוורעמל — זיי קענען אונז מאַכן לעבער אין די קעשענעס, לע־בער אין קאָפּ, אָבער מיר וועלן מאַכן אונזער באָס לעבער אין הארצן.

סערע (לאַכט מיט ביטערקייט) — ער וועט מאַכן דעם באָס לע־בער אין הארצן. סאַך־האָקל דערציילט ניט לאַנג מיסטער וואַלפּיש, אַז דער שאָפּ ארבעט שוין, און אויב דו וועסט ניט גיין צו דער אר־בעט, וועסטו אינגאַנצן פארלירן דעם דזשאָב.

ליזאַ (מיט פראַגע צייכנס אין די אויגן) — ווען איז דאָ געווען וואַלפּיש ?

סערע — דיר גאָר פארגעסן זאָגן. ער איז דאָ ניט לאַנג צוריק געווען, האָט ער געזאָגט, אָדער ער וועט דיר אָפּרופן, אָדער ער וועט זיך נאָך דאָ אליין אריינכאַפּן אויב ער וועט פארבייגיין.

אַוורעמל (אויפגערעגט) — דער לומפּ וועט דאָ מער ניט אריינ־קומען אין הויז און ליזאַ וועט מיט אים מער ניט גיין. ער איז אַ גענג־סטער, אַ סטרייק־ברעכער.

סערע (לאָזט זיך צו אים) — אזוי זאָגסטו ? (ליזאַ האַלט איר צו־ריק, זוכט איר צו באַרוהיגן).

אַוורעמל (קנייטשט אויף אַ צייטונג אין האַנט וואָס ליגט לעבן אים) — דער מערדער טאָר זיך מער ניט ווייזן אויף אונזער שוועל.

סערע (טייטלט מיטן פינגער צו אַוורעמלען) — דאָס איז שיין, דו ביזט אַ מערדער פון דיין ווייב און קינדער ! (לויפט צו צום וויגעלע, קוקט אַפן קינד) מיסטער וואַלפּיש איז גערעכט. איר ווילט ניט אר־בעטן דערפאַר סטרייקט איר. דו ביזט אַ מערדער — דאָס וואָס דו ביזט (צעכליפּעט זיך).

ליזאַ (נעמט איר ארום, צערטלט איר) — מאַמע, שריי ניט ! דו ווייסט ניט וואָס ס'איז אַ סטרייק, יו דאָנט נאָו.

סערע — איך ווייס אזויפיל ווי דו. איך ווייס מ'וויל ניט ארבעטן און מ'לאָזט ווייב און קינדער הונגערן, און אליין לעבט מען מיט ספּי־טשעס און מ'פּיקעוועט אַ גאַנצן טאָג.

אַוורעמל (גיט אַ קלאַפּ איבערן שטול) — אזוי לאַנג ווי ס'וועלן

זיין סטרייקער, וועל איך זיין מיט זיי און אזוי לאנג ווי ס'וועלן זיין הונגעריקע וועלן מיר דארפן הונגערן מיט זיי. (טייטלט מיטן פינגער צו סערען) דו וועסט מיר פאר קיין סקעב ניט מאכן, און ליזא וועט מער ניט גיין מיט מיסטער וואלפישן, וואלפיש איז א לומפ! א סטרייק־ברעכער! א מערדער פון ארבעטער (נעמט ארומשפאנען מיט קאס איבערן הויז).

סערע (קרימט זיך) — אזוי? און וואס נאך קענסטו אויסרע־כענען? זי וועט מער ניט גיין? (צעשרייט זיך) דאס קינד האט אויך וואס צו זאגן! (טייטלט צו ליזאן מיטן פינגער).

ליזא — יעס, מאמע, אויך איך האב וואס צו זאגן, זאג איך דיר דיר אז פאפא איז גערעכט! (נעמט ארום דער מאמען) הער מאמע, הענט, וואס פארגיסן ארבעטער בלוט, קענען מיר ניט אומארמען. מא־מע, איך האב געזען אין האל אן ארבעטער מיט א צעשפאלטן קאפ דורך מיסטער וואלפישן. דיס איז טעריבל, אזא מענטש, מא, וואס קען פייניגן די ארבעטער, קען אויך פייניגן זיין פרוי.

סערע — אבער קינד מיינס, דו וועסט דאך האבן ביי אים פון פויגל־מילך.

ליזא — פויגל־מילך פון בלוט, מאמא, וויל איך ניט! ווען דו וואלסט געהערט ווי איך — פאפא רעדן, וואלסטו געזאגט אז אפילע הימעלע(ווייזט צום קינד אין וויגעלע) דארף גיין סטרייקן און פיקעטן.

סערע (גלאצט אויס די אויגן, בלייבט שטיין דערשטוינט) — אבער, ליזענקא! אזא שידאך?

(עס דערהערט זיך א קלאפ אין טיר. ליזא לויפט צו, עפנט. עס קומט אריין מיסטער וואלפיש, ער שטרעקט אויס די האנט צו ליזאן. סערע דערפרייט זיך, אווערעמל ווארפט אן אויג וואס ליזא וועט טאן).

ליזא (רוקט זיך צו נענטער צו אווערעמלען) — יע, איך האב היינט געזען אויף וואס איר זיינט פיאיג (טייטלט מיטן פינגער צו וואלפישן) ניין! פאפא איז גערעכט, ס'איז ניט קיין שידאך!

מיסטער וואלפיש — אבער?

אווערעמל — אבער אהער, אבער אהין, דיין פוס קען זיך ניט גע־פינען ביי מיר אין הויז (לאזט זיך צו עפענען די טיר).

סערע (היסטעריש) — ליזענקא, געדיינק (שלעפט איר פארן האנט צו מיסטער וואלפישן), אזא שידאך — — —

ליזא — אזא שידאך איז קיין שידאך ניט!

(סערע לויפט צו אַוורעמלען וויל אים צוריקהאַלטן, אַוורעמל עפנט די טיר).

אַוורעמל (גיט אַ פאַרקאַשער די אַרבל) — איך דאַרף ניט קיין גאַרילאַס. דיין פּוס זאָל דאָ ניט זיין!

מיסטער וואָלפיש (פּרובירט אים באַרוהיגן) — אָבער מיסטער ראוז, מ׳וועט סעטלען און אַלעס וועט זיין — — —

אַוורעמל — סעטלען ניט סעטלען. סאָנים זיינען ניט קיין מע־כאַטאָנים! ארויס! ארויס פון הויז!

(מיסטער וואָלפיש גייט ארויס מיט קאַס, גיט אַ האַק צו די טיר).

סערע (צעכליפעט זיך) — קינד מיינס, מיר וועלן דאָך שטיין אין גאַס מיט אונזערע זאַכן, (צו אַוורעמלען) וואָס האָסטו געטאָן?

אַוורעמל (רעדט ווייכער אָפגייענדיק פון טיר) — וועלן מיר סטרייקן געגן לענדלאָרד, ווי מיר סטרייקן געגן באָס, קיין שידוכים וועלן אונז פון קאָמף ניט אָפּשטעלן. ליזא האָט דעם לענדלאָרד׳ס זון אויך אין דר׳ער!

סערע (קוקט צום קינד אין וויגעלע) — וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

ליזא (כאַפּט ארום דער מאַמען) — זאָרג זיך ניט, מאַמע, זאָרג זיך ניט, וועל איך ניט כאַסענע האָבן מיט אַ באָס אָדער פאָרמאַן, וועל איך כאַסענע האָבן מיט אַ יוניאָן אָרגאַניזער, אַזוי ווי דו מיט פּאַפּאַן (צעלאַכט זיך, אַוורעמל גיט איר אַ קלאַפּ איבערן פּלייצע).

סערע — אָבער קינד, מיר וועלן נאָך מאָרגן שטיין אין גאַס.

ליזא — ניט געזאָרגט מאַמאַ, מיר וועלן אויפהייבן אַ גרויסע סיין איבערן הויז — סטרייק! דאַן — פּאַפּאַ וועט פּיקעטן דעם שאַפּ און איך מיט דיר וועלן פּיקעטן די הויז.

סערע (קוקט איר אָן) — אַ ברייירע וועל איך האָבן?!

אַוורעמל (לויפט צו טוט אַ קוש ליזאַן אין שטערן) — איך האָב דאָס פון דער מאַמען ניט געקענט מאַכן אין 25 יאָר, וואָס דו האָסט פון איר געמאַכט אין איין טאָג. (גיט ליזאַן מיט סערען אַ כאַפּ ארום מיט באַגייסטערונג).

(פאָרהאַנג פאַלט).

מאַסטי לאַך

געפירט דעם טאַטן אין כיידער אריין

מיט יאָרן צוריק, ווען הערשל האָט כאַסענע געהאַט מיט זיין פרוי סערע, איז ער געווען באַקאַנט פאַר אַ „קענער"! ער האָט געקענט אַ שייטל כומעש, דאַווענען אויף אויסענווייניג און בריוו האָט ער געשריבן קעמאַט פאַר דעם גאַנצן שטעטל...

סערעס פאַמיליע האָט זיך נעגרויסט מיט דעם שידוך און טאַטע מאַמע פלעגן אָפט זיך ווינטשן: „אויף די איבעריגע קינדער קיין ערגערע שידוכים ניט געזאָגט געוואָרן".

הערשל איז געווען אַ שניידער. נאָך אין דער אַלטער־היים האָט ער גענייט פאַרן פּאָפּ, פאַרן פּאָטשטאַליאָן, פאַר דעם גביר פון שטאָט, און געמאַכט אַפילע אַ מונדיר פאַר דעם נאַטשאַלניק.

אין די מילכאָמע־טעג, ווען דאָס שטעטל איז כאָרעוו געוואָרן, האָט הערשל מיט סערען זיך ארויסגעראַטעוועט קיין אַמעריקע.

הערשל איז דאָ געוואָרן אַ קני־פּענטס אָפּערייטאָר. סערע — געבליבן אַ הויז־פרוי.

אין דער פרייער צייט, ווען הערשל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם כומעש אין האַנט, פלעגט ער פאַרוואָרפן מיט גאַיווע זיין פרוי: „שלעכט ווען אַ מענטש איז בלינד". ער פלעגט דערביי פאַרקנייטשן דעם שטערן און ארויסזאָגן נאָך שאַרפער: „אַ מענטש דאַרף היינטיקע צייטן קע־נען האַלטן אַ פעדער אין האַנט, — מוז איך דאָס פאַר דיר אַלע מאָל שרייבן די בריוו"?

סערען פלעגט ווי טאָן דער שטאָך. איינמאָל איז זי אַפילו ארויס פון די קיילים און זיך צעשריען: — אין אַ געפייגערטן הונט זאָל אריינ־גיין דיין קענטעניש! אַ געפּערלעכע זאַך: ס'בראָקט אָן אַ טעלער כומעש. וואַרט, זאָלן נאָר דאָס קליינוואַרג אַ ביסל עלטער ווערן, וועל איך זיך נעמען צום לערנען און וויסן מער פון דיר!

הערשל האָט מיט קינע אַ לאַך געטאָן: — וואָס ווייבער קענען זיך אויסלערנען?...

סערע האָט פאַרביסן די ליפּן, ווי ס'וואָרט „ווייבער" וואָלט איר אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ...

איינמאָל אין אַ זונטיק פרי, ווען די פאַמיליע איז געווען פאַר־טיפט אינם ראַדיאָ־פּראָגראַם, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. מיט שטילע טריט איז סערע צו צום טיר און געעפנט.

צוויי יונגע מענטשן האָבן געבעטן אַנטשולדיקן און געמאַכט אַ שפּאַן פאַראויס.

— מיר זיינען אַ קאָמיטע — האָט דער מאַן פון ס'פּאָרל גענומען דערקלערן — מיר רעדן אין דעם נאָמען פון די אידישע שולן. ווי מיר זעען, האָט איר קינדערלעך. אליין געווים ניט קיין רייכע לייט. ווילן מיר איר זאָלט פאַרשרייבן די קינדערלעך אין דער שולע פון אייער געגענט. זיי וועלן לערנען און ווערן דערצויגן אין דעם גייסט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

הערשל האָט דערהערט די רייד פונם פּאָרל וואָס האָבן איינגע־טיינעט מיט זיין ווייב, האָט ער אויף גיך פאַרדרייט ס'קנעפּל פון דער ראַדיאָ און געפרעגט:

— וואָס לערנט מען ביי אייך?

— מ'לערנט געשיכטע, שרייבן, לייענען, זינגען. אַלץ אויף אידיש!

הערשל האָט איבערגעהאַקט די רייד: — נו, און ראַשע? כומעש? אַ קאַדעש־זאָגן?

— ניין — האָבן ביידע ווי מיט אַמאָל געענטפערט. — ניט נויטיק. דעם אַרבעטערס קינד דאַרף געהערן דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר זאָרגן און לערנען פאַר לעבעדיקע — אָבער ניט פאַר טויטע . . .

הערשל האָט זיך אָנגעצונדן, נאָר סערע האָט שעמעוודיג אינמיטן אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, און גרויסע מענטשן לערנט איר אויך, טאַקע די אַלע זאַכן וואָס איר האָט אויסגערעכנט?

— געוויס! — האָט ס'מיידל געענטפערט.

סערע האָט ווי אויפגעלויכטן פון ענטפער: — אויב אַזוי פאַר־שרייבט מיר. — האָט סערע פאַרבעטן דער קאָמיטע אין פראָנט רום אַריין.

הערשל האָט זיך נאָך שטאַרקער צעבערענט:

— וואָס מיינסטו מיט דעם פאַרשרייבן דעם נאָמען? און ווער, וועט קאָכן עסן? ! . . .

סערע האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט אים געענטפערט: „מיטן כומעש אין האַנט קען מען אויך שטיין ביים טעפּל". . . און מיט

סאַרקאַזם אַ זאָג געטאָן: — ביי היינטיקע צייטן דאַרף אַ מענטש קענען האַלטן אַ פעדער אין האַנט...

* * *

סערע איז אוועק זיך לערנען. מיט דער צייט האָט זי אויך פאַרשריבן די קינדער אין דער שולע וואו זי האָט געלערנט.

איין אָוונט ווען הערשל איז געווען פאַרטיפט אין כומעש מיט די געלע, ווי צעפוילטע בלעטער, איז סערע אריינגעקומען אין הויז מיט אַ ביכעלע אין האַנט:

— הערשל, ביזט פאַרנומען? — האָט זי אַ וואונק געטאָן ווי צו זיך אליין — איך וויל דיר וואָס לייענען.

זי האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער. אריין אין פראָנט רום, זיך אוועקגעזעצט אַפן גרין־געבעטן שטול, די קינדער ארום זיך, און זיך גענומען לייענען.

הערשל האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, געבליבן שטיין מיט אַ האַלב־צעעפנט מויל.

— קום זעץ זיך, האָט סערע אויסגערופן, אַ מענטש מעג עפּעס וויסן... ס'איז טאַקע ניט קיין כומעש, אָבער דערפאַר קען מען פאַרשטיין אָן ראַשע... „אַ מענטש דאַרף ניט זיין בלינד"...

הערשלען האָט אַ שוויים באַדעקט. ער האָט ניט געפילט ווי די געלע, צעפוילטע בלעטער פון כומעש ווערן צעריבן צווישן זיינע דאַרע שניידער־פינגער. אַ באַליידיקטער האָט הערשל זיך צעשריען:

— וואָס איך האָב פאַרגעסן וועסטו ניט קענען!... אין שאַפּ, זאָגט מיר בערל דער לאַטוטניק, אַז איך קען ניט נייען. און זי, זי, — איך זאָל ניט זיין בלינד.

סערע האָט גוטמוטיק אים צוגעטראָגן ס'ביכל.

— אָבער אזעלכע בריליאַנטענע ווערטער האָסטו שוין אמאָל געהערט? דו ביזט דאָך עפּעס אַ מאַן, אַ „קענער" פון דער היים... זאָג מיר, כ'בעט דיר, וואָס איז אזוינס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע?" און וואָס איז „מאַרקסיזם"? וואָס מיינט „רעוואָלוציע"? וואָס באַדייט „עקספּלואַטאַציע"? פונוואַנען נעמט זיך „קריזיס"? פונוואַנען שטאַמט „פּאַשיזם"? און וואָס מיינט טאַקע „פּאַראייניגטער פראָנט" און „סקאַטסבאָראָ קייס" און „דעמאַגאָגי" און „וואָל סטריט" און „קראַך" און „אינפלואַציע" און „עוויקשאַן" און „אַנעמפּלאָימענט קאָונסיל"? און וואָס איז טאַקע „קאָמוניזם"???

סערע איז געשטאַנען מיט אַ לאַכנדיק־זיגעריש פּנים און צעעפנט ביכל. הערשל — מיט אנגעשפּיצטע אויערן ווי צוויי פראַגע־צייכנס:

ביזטו משוגע באַסער־דייע? וואָס פלאַפּלסטו ווערטער וואָס האָבן ניט קיין באַדייטונג? ניט אַנדערש נאָר זיי האָבן דיר פון זינען אַראָפּגעפירט!

סאַלקע, דער אַכט־יאָריקער אינגל, וועלכער איז געשטאַנען דערביי און גייט שוין אויך אין שולע, האָט גענומען אַרויסהעלפן דער מאַמען:

— פאַ, דו ווייסט ניט וואָס דאָס איז? אָבער מאַ און איך ווייסן. אין שולע לערנט מען עס.

ס'קלענערע אינגעלע האָט איינגעשעפּטשעט זיין ברודער אין אויער. ביידע האָבן לאַכענדיק געקוקט צום טאַטן.

— פאַ — האָט סאַל געפרעגט — און וואָס איז אַ „פּיאָנער" ווייסטו?

הערשל איז געשטאַנען הילפלאָז ווי אַ הון וואָס איז אויסגעזעסן קאַטשקעס און זיי, די קאַטשקעס, שווימען אַוועק און זי, די הון, בלייבט ביים ברעג...

סערע, מיט די קינדערלעך אַרומגערינגלט, האָט ערנסט גערעדט צו הערשלען:

— אויך, דו, „קענער" מעגסט גיין עפּעס לערנען. עס איז קיינ־מאָל ניט צו שפּעט"...

הערשל האָט איר ניט דערלאָזט אַרויסזאָגן די ווערטער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי פאַרלוירן — אַ קלאָג צו די יאָרן „די אייער לערנען די הינער".

סערע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און פאַרגעזעצט:

— וועגן צייט איז קיין דאַגע ניט. עטלעכע אָוונטן אַ וואָך וועל איך גיין לערנען און עטלעכע — דו.

הערשל איז געשטאַנען באַליידיקט: „זי, זי, הייסט מיר גיין לערנען".

ווען זיין כּעס האָט זיך איינגעשטילט האָבן די קינדערלעך איינ־

געלאַדן דעם טאַטן צו גיין הערן זייערן אַ קאָנצערט פון דער שולע:

— בלויז איינמאָל — האָט דער פּיאַנערל מיטן פּאַריסן נעזל און ציינדלעך ווי אַ שעפּסעלע, זיך באַם טאַטן געבעטן — קום, פּאַפּאַ, קום!

באַם קאָנצערט איז הערשל געזעסן מיט אַ צעעפנט מויל און באַוואונדערט ווי אַזוי זיינע קינדער צוזאַמען מיט די אַנדערע רעדן, זינגען און שפּילן.

הערשל האָט אַלע ווײַלע אַ שטורכע געטאָן סערען: זע נאָר, זע, אַ געזונט אויף זיי!

— — — — — — — — — — — —

איצט איז הערשל אַ פּאַרוואַלטער אין דער שולע און שרייט:

„מ'טוט ניט גענוג אָפּצוריַיסן די קינדער פון דער באַלעבאַטישער דערציאונג".

אָט אַזוי האָבן די קינדער דעם טאַטן געפירט אין חדר אַריין...

אַ טאַבלעס פון קינדער

הערט: מ'זאָגט, אַז ס'זיינען פאַראַן אינשורענס פּאָליסיס געגן פייער, געגן וואַסער, געגן רעגן, געגן שניי. מ'זאָגט, אַז ס'זיינען פאַראַן פּאָליסיס אפילו געגן ערד־ציטערניש. אָבער צו אַ פּאָליסי געגן רויטע קומט עס ניט.

וואָס זאָגט איר: ס'איז פאַראַן, די פּאָליסי פון די שוואַרצע? אָבער זי קאָן אייך אויף אַזוי פיל אינשורן, פּונקט ווי איר זאָלט זיך אָנטאָן אַ פאַרטוך אויפן נאַז געגן אַ זון, וואָס ברענט אַ וועלט... וואָס פרעגט איר: צי איך לייד פון אַ „לינק"? אָבי איר פאַרשטייט.

הערט אַ געשיכטע: כדי צו פאַרהיטן זיך און מיין פאַמיליע פון די לינקע, האָט אין מיין הויז זיך ניט געטאָרט ווייזן קיין קאָמוניסטיש וואָרט. מיין ווייב און קינדער האָבן געוויינט פון די קאָמוניסטן. אַז מיין ווייב האָט געהערט פון זייערן אַ מיטינג, איז זי אַוועקגעגאַנגען אויפן דריטן בלאָק, און איך — כדי צו זיין זיכער ניט צו הערן זייערע רייד, — פלעג פאַרשטאָפּן די אויערן מיט וואַטע. אָבער גיי פאַרמאַך די אויערן געגן אַ שטורעם, אַז ער שפּרינגט דיר גאָר אין די אויגן...

מיין ווייב האָט באַלאַנגט צו אַ לעידיס סאָסאַיטי, וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען שפּילן אַ ברידזש־געים, אַ ראַמי אָדער עפּעס אַנדערש. דאָס געלט פלעגט גיין פאַר „טשאַריטי", פאַר אַ טאַלמוד־טוירע אָדער גלאַט פאַר אָרימע לייט. איך פלעג מיר דערביי זיצן און האָבן האַנאָיע, ווי די ווייבער רייסן זיך אַרום פאַר די הייליגע צוועקן...

איינמאָל קומט אַ קאָמיטע פון פרויען און מ'רופט די לעידיס פון דער סאָסאַיטי צו באַטייליגן זיך אין אַ קאָנפערענץ, ס'הייסט מאַכן אַ פאַראייניגטן פראָנט געגן הויכע פרייזן אויף לעבנס־מיטלען, פאַר ביליגער רענט און מער רעליף.

ווען די קאָמיטע האָט זיך פיין אָפּגערעדט, לייגן אַוועק עטלעכע לעידיס די קאָרטן און נעמען קלאַפּן בראַוואָ. דערביי שטעלט זיך איינע אַוועק און מאַכט אַ פאָרשלאַג: ס'איז ניט מער ווי רעכט, מ'זאָל טאָקע עפּעס טאָן און די לעידיס סאָסאַיטי זאָל שיקן דעלעגאַטן.

מיין ווייב האָט געמוזט זיצן און אויסהערן אַלץ, וואָס די לינקע

האָבן צו זאָגן. ווען זי האָט אָבער דערזען אַז ס׳האַלט שלעכט, אַז מ׳האָט אויסגעקליבן צוויי פרויען און טאַקע פון די וואָס האָבן גע־פּאַטשט בראַוואָ, זאָגט מיין ווייב: זי גייט אויך. ס׳הייסט זי וועט גיין היטן די אַנדערע, מ׳זאָל זיי ניט אַרונטערפירן פון וועג. שטעלט זיך גלייך אויף נאָך איינע און זאָגט: מיט מיין ווייב איז זי אויך גאָר ניט אַזוי זיכער, און זי האָט זיך פאַרגעשלאָגן צו גיין היטן די קאָמיטע מיט מיין ווייב. דער סוף איז געווען, נו, אַבי איר פאַר־שטייט. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן מער ווי אַ העלפט פון דער לעידים סאָסאַיטי, וואָס זיינען געקומען היטן איינע די אַנדערע . . .

ביי דער קאָנפערענץ האָט מען ניט געשפּילט קיין „ברידזש", ניט קיין ראָמי, נאָר איין זאַך: פאַרשלאָגן. דערפאַר ווען ס׳איז געקומען צו הערן ביי דער לעידים סאָסאַיטי אַ באַריכט, האָט מען פאַרגעסן פון אַלע „געיםמס", נאָר מ׳האָט געהאַלטן אין איין באַריכטן. און וואָס די דעלעגאַציע האָט פאַרפעלט, האָט מיין ווייב — אַבי איר פאַרשטייט . . . און וואָס מיין ווייב האָט פאַרגעסן, האָט די צווייטע איר . . . — פאַר־שטייט איר דאָך.

נאָך דעם מיטינג, ווי איר קענט שוין פאַרשטיין, האָב איך שוין מער ניט געהיט די געים, נאָר כ׳האָב שוין געמוזט נעמען היטן מיין ווייב. וואו ס׳איז געווען אַ קאָנפערענץ, אַ מיטינג, אַ לעקציע, אַ מאַרש, איז געווען מיין ווייב. אַז מיין ווייב איז געגאַנגען, איז, גוט וואָס איר פאַרשטייט, איז מיטגעגאַנגען די לעידים סאָסאַיטי, און אַז מיין ווייב האָט מיט פיר בלאָק ווייטער דערהערט פון אַ מיטינג, האָט זי מיך געלאָזט שטיין אין גאַס — איך בין דאָך עפּעס ניט קיין פרוי, וואָס זאָל זיך לאָזן פאַרפירן, אָבער זי? — גלייך אַרום מיטינג און — אַבי איר פאַרשטייט.

דערפאַר האָב איך זייער פיל געוויכט געלייגט אויף מיינע קינדער. איר קענט מיין יעטאַ׳ן? אַ קינד אַ ברילִיאַנט. זי האָט זיך שוין גע־היט פון דער מאַמע׳ס וועגן. ניט איינמאָל אַפילו דער מאַמען גוט אויסגעזידלט: פע — האָט זי איר געזאָגט — אַ פרוי אין דיינע יאָרן, וואָס קען שפּילן אין ראָמי און ברידזש, זאָל גאָר האָבן צו טאָן מיט קאָמוניסטן?

האָט זיך מיין טעכטערל, ווי איר פאַרשטייט, באַקענט זיך מיט אַ חברה, וואָס אַפילו פון דער פּאָליציי לאָבן זיי זיך אויס. קומט זי אַזוי

איין אָוונט און זאָגט מיר: פּאַפּאַ, איך בין שוין אַ מיטגליד פון דער סטודענטן־ליג. טראַכט איך: זייער פיין, אַ קינד אַ סטודענט וועט עפּעס אויסשטודירן און ווערן אַ מענטש. דערלאַנג איך איר אַ דאָלאַר אויף איינצוצאָלן און קלייב זיך צו האָבן נאַכעס. מילא — זאָג איך מיר צו זיך אליין — די מאַמע איז געוואָרן אַ פאַרפאַלענע, אָבער די קינדער וועלן שוין גיין אין מיין וועג.

איינמאָל, איך כאַפּ אַ קוק אין אַ ציימונג, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַבי איר פאַרשטייט: אַ גרויסע „פּיקטשע" פון מיין טעכ־טערל, ווי זי שטייט מיט אַ גרופּע סטודענטן און רייסן אַרונטער דאָס היטל פון אַ פּאָליסמאַן, וואָס לאָזט זיי ניט האָבן קיין מיטינג געגן מילכאָמע.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר פון׳ם קאָפּ און געוויזן דאָס בילד דער מאַמען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? הערט אָן ענטפער: וואו שטייט דאָס געשריבן — זאָגט די מאַמע — אַז די פּאָליסלייט זאָלן אַלעמאָל שלאָגן און רייסן די היטלען ביי יענעם? — אַ געזונט — זאָגט זי אין זייערע סטודענטישע פינגער...

גאָר אַנדערש האָט שוין געקוקט מיין סאַלקע אויף די קאָמוניסטן. מיין סאַלקע איז געווען אַ „באָדער סקאַטש". איר זאָגט „באָי סקאַוט"? זאָל זיין ווי איר זאָגט, אַבי איר פאַרשטייט.

איין אָוונט קומט ער צוגיין, מיין סאַלקע, און זאָגט מיר: היינט, פּאַפּאַ, גייען מיר אָפּברעכן אַ מיטינג פון די קאָמוניסטן. טראַכט איך, ס׳איז אפילו ניט שיין, דערצו קען ער נאָך כאַפּן קלעפּ, אָבער — טראַכט איך מיר — וואָס זאָל איך זיך מישן אין זייערע ביזנעס. היינטיקע קינדער הערן סיי ווי ניט וואָס אַ טאַטע זאָגט זיי.

איז מיין סאַלקע אוועק צום רויטן מיטינג, און ביז דער מיטינג האָט זיך געעפנט, האָט ער דערקאָנט עטלעכע אינגלעך פון זיין קלאַס. פאַר די אינגלעך האָט ער פאַרטרויט דעם צוועק פון זיין קומען. זאָגט אים איינער פון די אינגלעך, אַז ער איז אויך פאַר דעם צוועק, און ער האָט גלייך מיין סאַלקע׳ן אָרגאַניזירט, ווען ער זאָל קלאַפּן, פייפן און טופען.

איצט? אַבי איר פאַרשטייט. יענער אינגל איז געווען אַן אמת׳ער קאָמוניסט און ווען מ׳האָט דערמאָנט דעם נאָמען „היטלער", האָט ער גענומען פייפן. נו, ווי מיינט איר, וועט מיין סאַלקע ניט פייפן

אויף היטלערן? האָט מען דערמאָנט מוסאָליני'ן — האָט דער אינגל גענומען פייפן אויף מוסאָליני'ן. און ווי מיינט איר, מיין סאַלקע איז אין מוסאָליני'ן פאַרליבט?

דער סוף איז געווען, אַבי איר פאַרשטייט. מיין סאַלקע, דער „באָדער סקאַטש", האָט דערווייל אויסגעהערט די גאַנצע רעדע פונם קאָמוניסט, און נאָך אַזאַ רעדע? אַבי איר פאַרשטייט, קיין גוטס איז שוין ניט אַרויסגעקומען...

זעט איר, מיין מוזיניקל איז אַ געראָטן קינד. אַזעלכע הערשעלעך זיינען ניטאָ קיין סך. אַז ער האָט גענומען גיין אין חדר, האָט ער אין דריי וואָכן צייט איבערגענומען, ווי זיין כאַוועריל זאָגט קדיש נאָך זיין טאַטן.

איינמאָל קומט מיין הערשעלע און זאָגט מיר, אַז נאָכן חדר גייט ער זיך שפּילן מיט די קינדער אין שול. טראַכט איך מיר: זייער פיין, גלייכער זיך שפּילן אין שול, ווי מיט די קאָמוניסטישע לאָבוסעס אין גאַס.

אַ צווייט מאָל זאָגט מיר מיין הערשעלע: דער לערער אין שול געפעלט אים בעסער ווי דער רבי אין חדר. גיב איך מיר אַ טראַכט: צו וואָס זיך דינגען מיטן קינד, געפעלט דיר דער רבי אין שול בעסער, — איז בעסער. וואָס איז מיר דער אונטערשייד? אַ חדר, אַ שול, אַבי אַ אידיש וואָרט, אַ קאַדיש, אַ באַרמיצווע און אויפוואַקסן אַ איד.

איינמאָל אין אָוונט, דאָס ווייב איז אַוועק צו אַ מיטינג, די טאָכ־טער צו די סטודענטן, מיין סאַלקע — פייפן אויף היטלערן, און איך בין געבליבן זיצן אין אָרעם־שטול.

זיצנדיק, קוק איך אַזוי אויף מיין הערשעלע'ן ווי ער שלאָפט זיך געשמאַק, און איך טראַכט וואָס דאָס קינד וועט אויסוואַקסן. מיטאַ־מאָל, מיין הערשעלע צעשמייכלט זיך פון אַ זיסן חלום, הויבט אויף זיין הענטעלע און הויבט אָן זינגען: „ווי אַר עי באָנטש אָוו פּאַיאָ־נירס".

וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איר מעגט שוין אליין פאַרשטיין, ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

וואָס זאָגט איר? אַבי איר פאַרשטייט. ס'איז געווען אַ קאָמו־ניסטישע שול. מ'האָט דאָרט געמאַנופּעקטשורט קאָמוניסטלעך.

איצט, ווי איר קוקט מיר אָן, זיץ איך אָוונטן גאַנצע איינער אליין

אין הויז און טראַכט: אַ שיינעם סוף זיך דערלעבט, געמאַכט אַ פּיי־נעם תכלית פון די קינדער.

נו, גיי, טו, מאַך, אַז ס'איז ניטאָ קיין אינשורענס־פּאָליסי געגן קאָמוניסטן.

מיין ווייב זאָגט מיר: ס'איז דיר אומעטיג צו זיצן אין הויז? קום מיט מיר, קום צו אַ לעקציע, צו אַ מיטינג, גיי וואו די וועלט גייט!

הער איך זי אויס און טראַכט — ווער ווייס וואָס פון מיר קען נאָך ווערן?... אַבי איר פאַרשטייט...

הערט אַ מאַיסע

(דערציילט ביי אַ גלעזעלע קאווע אַרום אַ רונדן טיש)

אַ גרופּע שרייבער און לעקטאָרן זיינען געזעסן געמיטלעך אַרום אַ גרויסן טיש מיט טעפּעלאַך קאווע אין די הענט און דערציילט זיך מעשה׳לעך און דערפאַרונגען פון זייערע רייזעס איבערן לאַנד.

ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ קאַלבייניק

— הערט אַ שיינע מעשה, האָט איינער פון זיי גענומען דערציילן; כ׳בין געקומען אין אַ קליין שטעטל, איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן צו אַן אָוונט וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן מיט וואָכן אין פאָראויס. אין דעם אָנאָנס האָב איך געלייענט: „דער אָוונט פאַנגט זיך אָן פּונקט 8 אַזייגער". בין איך אַביסעלע אונטערגעלאָפן מיט מיין שווערן טשע־מעדאַן גלייך פון דער סטאַנציע אין זאַל אַריין. געטראָפן האָב איך דעם זאַל פאַרמאַכט, איך קלאַפּ אין טיר, וואַרט, און קיינער איז ניטאָ. וואַרף איך אַ בליק אויפן זייגער, כאַפּ אַ קוק דורך די פענסטער, זוך ער־געץ אַ פּלאַקאַט, ווידער ניטאָ. פאַלט מיר איין ניט אַנדערש: אַ טאָעס! אָדער אין דאַטום אָדער אין דעם אַדרעס?

איך כאַפּ אַרויס מיין נאָטיץ ביכעלע קוק אַריין, דער דאַטום איז ריכטיק. דער אַדרעס איז ריכטיק און אַז אַלץ איז ריכטיק, באַשליס איך ווידער צו וואַרטן, וואַרט איך!

פּונקט האַלב נאָך ניין איז אונטערגעקומען אַ קאָמיטעטמאַן און מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט:

— איר זיינט אויך איינער פון דער קאָמיטעט? ווי איך זע, זייט איר פּינקטלעך!

—איך? — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק ניט צו זאָגן אים ווער איך בין, איך גיב אים אַן ענטפער: כ׳בין געקומען צו דער אונטערנעמונג, וואַרט איך צו קויפן אַ בילעט.

— אַ טיקעט? — ווערט דער קאָמיטעטמאַן צעשראָקן, ניט ווע־

לענדיק פּאַרלירן קיין קונד — איר וועט וואַרטן אַ ווײַלע, באַלד קומט דער קאַמיטעמאַן מיט די טיקעטס.

דער קאַמיטעמאַן גיט מיר דערווײַל אַ פרײַנדלעכן רוף: ווי איר זעט, האָט די אַרענדזשמענט קאַמיטע פאַרגעסן צו קומען, איז אויב איר ווילט אַזוי גוט זײַן, העלפט מיר דערווײַל אויסקערן דעם פּלאַץ און אויסשטעלן די שטולן.

דער קאַמיטעמאַן, ניט וואַרטנדיק פאַר קיין ענטפער, האָט גע־עפנט דעם זאַל. און מיר גלײַך אַרײַנגערוקט אַ בעזים אין האַנט אַרײַן און זאָגט:

— איר קערט, און איך וועל שטעלן די שטולן.

איך נעם דעם בעזים אין האַנט און קער, דער קאַמיטעמאַן — נעמט זיך צו די שטולן, ער דערציילט מיר דערבײַ אַז מ׳דערוואַרטעט הײַנט אוונט אַ גוטן רעדנער פון ניו יאָרק, נאָר — זאָגט ער — די ניו יאָרקער האָבן אַ טעווע, אָדער זיי פאַרגעסן דעם דאַטום אָדער קומען פּונקט צוועלף בײַנאַכט.

— יע — זאָג איך — אויף די ניו יאָרקער איז אַלץ צו גלויבן...

אין דעם שמועס זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי פרויען פון דעם קאַ־מיטעט, מיט פּעקלעך שפּײַז, געשיר, אַ סאַמאָוואַר און אַנדערע גע־צײַג אויף צוגרייטן דעם „ליטעראַרישן אוונט".

ווי גיך די צוויי פרויען האָבן אַלעם צעשטעלט האָט זיך איינע פון זיי געכאַפּט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן צו ברענגען צוקער.

די צווייטע האָט זיך דערמאָנט, זיי האָבן אויך פאַרגעסן צו קויפן לעמענס, זי האָט אויף גיך אַרויסגעכאַפּט אַ קוואָדער, מיר געגעבן אַ רוק אַרײַן אין האַנט, דערבײַ זאָגנדיק:

— מיסטער שטייט ניט, איר האָט אָנגענומען אין אַ קאַמיטע טוט עפּעס, כאַפּט זיך גלײַך אַרײַן איבערן וועג אין גראָסערי, ברענגט אַ באָקס צוקער און אַ דרײַ לעמענס.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון גראָסערי, האָב איך שוין גע־טראָפן באַם טיר דעם קאַמיטעמאַן מיט די בילעטן, ער האָט מיר גע־בעטן מעכילע, אוועקצושטעלן די פּעקלעך און קויפן אַ בילעט, ווײַל — זאָגט ער — אַ גוטער אָנפאַנג מיינט אַ דערפאָלגרײַכער אוונט.

באַצאָלענדיג פאַרן בילעט — טראַכט איך מיר — אויב אַזוי וועל איך מיר שוין מוזן שפּילן מײַן ראָלע, ביז וואַנען עס וועט זיך לאָזן. האַלב נאָך צען איז דער טשערמאַן פון אוונט אַרײַנגעלאָפן אַ

פאַרשוויצטער, עפּעס א פרעג געטאָן דעם קאמיטעטמאַן און גלייך זיך צעשריען אפן קול :

— אט אזוי איז מיט די ניו יאָרקער, אלע מאָל פארשפּעטיגן זיי, ווען איך האָב וועמען ארויסצושטעלן פאר א רעדנער, וואָלט איך אים געגעבן א לעסאָן, — אים געהייסן פאָרן צוריק.

— א דאַיגע א רעדנער — גיב איך זיך א רוק אונטער — איך האָב — זאָג איך — אויסגעקערט דעם זאַל, געבראַכט צוקער, לע־מענס, איצט אויב איר ווילט ? קען איך אויך רעדן, פאַרלאָזט אייך — זאָג איך — אויף מיר.

— טאָ וואָס שווייגט איר ? — גיט מיר דער טשערמאַן א קלאַפּ אין פּלייצע.

— וואָס הייסט וואָס איך שווייג — שפּיל איך נאָך שטאַרקער די ראָלע — איך בין דאָ אין שטעטל נאָך גאָר א גרינער. איז וואָס הייסט איך וועל זיך גיין שטופּן ?

— דאָס וועלן מיר שוין איצט טאָן — האָט דער טשערמאַן גוט־ברודעריש א זאָג געטאָן — ביי אונז, אויב איינער וויל נאָר עפּעס טאָן וועלן מיר אים געבן ארבעט, און זאָל ער טאָן געזונטערהייד.

אין דעם ריידן גיט ער מיר א נעם ארויס דעם בעזים פון האַנט. אפּיר ארויף צו דער פּלאַטפאָרמע און איידער איך כאַפּ אפּ דעם אטעם, כאַפּט ער און טוט א קלאַפּ מיטן האַמער :

—פריינט, איר וועט אונז דאַרפן אַנטשולדיגן, דער רעדנער וואָס האָט געזאָלט קומען פון ניו יאָרק. האָט אונז צוגעשיקט א טעלעגראַמע: אז צוליב דעם וואָס זיין ווייב האָט שוין געבאָרן א צווילינג, מוז ער וואַרטן ביז זי וועט האָבן א פינפטלינג, דערווייל קען ער ניט קומען. אָבער ניט געזאָרגט ! — האָט דער טשערמאַן צוגעקלאַפּט מיטן האַ־מער — מיר האָבן דאָ מיט אונז א נייעם פריינט אין שטאָט וואָס איז אַן עמעסער קאַלבייניק. ער האָט ביי אונז היינט אויסגעקערט דעם זאַל און געבראַכט צוקער — — — אויך לעמענס — האָט איינע פון די פרויען ארופגעשריען צום טשערמאַן.

—יע ,יע, האָט דער טשערמאַן פאַרטגעזעצט — אויך לעמענס, אָבער אזוי ווי ער איז נאָך א גאַסט ביי אונז אין שטאָט, וועל איך איצט האָבן די ערע צו באַקאַנען אייך מיט אים, זיין נאָמען איז — . . .

דער טשערמאַן האָט דאַ אויסגעדרייט זיין קאָפּ און מיר א פרעג געטאָן אפן אויער : ווי איז אייער נאָמען ?

— מיין נאָמען — זאָג איך אים שטיל — איז ניט נויטיג צו וויסן. ווייל איך האָב צופיל כייוועס אויף מיין קאָפּ...

דער טשערמאַן האָט זיך ניט פארלאָרן און דערלאַנגט נאָך א שטאַרקערן קלאַפּ מיטן האמער: איך וועל אייך פאָרשטעלן דעם קאָל־בייניק פון אונזער שטעטל, און אָט־אָ איז ער.

איך האָב ארומגעשטויבט מיין רעקל, אויסגעגלייכט מיינע הויזן און זיך גענומען צום רעדן. נאָכן רעדן צום לייענען, נאָכן לייענען צום זינגען. ווען איך בין פארטיק געווארן, זיינען אלע צוגעלאָפן מיט הייסע גלעזער טיי אין איין האנט, מיט שטיקער טאָרט אין דער צווייטער און — מיר גענומען טראַקטירן, שרייענדיק דערביי ווי מיט איין קאָל: אויף אַ קאַפּאָרע דאַרפן מיר שוין איצטער רעדנער און אַנדערע קרעפּטען פון ניו יארק, איר וועט שוין ביי אונז האָבן צו זינגען און צו זאָגן...

איך האָב זיי פיין געדאנקט פאר די קאָמפּלימענטן און פאר דעם טיי און טאָרט, נאָר געזאָגט דער צו א סוף דעם טשערמאַן אז אלע זאָלן הערן. די ניו יארקער רעדנער מעגט איר איצט האָבן אין דר׳־ערד, נאָר מיר גיט דערוויל קארפער, איך מוז נאָך היינט פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק.

— אזוי, אזוי, האָט איר אונז אָפּגענאַרט? — האָט דער קאַ־סירער געלאַכט — איך האָב אָבער באַלד געוואוסט אז איר זיינט אַ ניו יאָרקער, אַ סימען האָט איר, איך האַלט נאָך די גאַנצע קליינגעלט פאַר אייך צו געבן...

ווען דער טשערמאַן און קאסירער האָבן אויסגעלייגט די קופּקעלאַך קליינגעלט אפן טיש, אפּצוציילן מיר די פינף דאָלער. האָט דער טשער־מאַן שמייכלענדיק אונטער אַ וואָנצע אַ זאָג געטאָן:

— אָט אזוי איז מיט די ניויארקער, אָדער זיי נארן אָפּ און קומען ניט, נאָר טאָמער קומען זיי, נארן זיי אָפּ און זאָגן ניט אויס אז זיי זיינען דא.

אָבער אז דער אראנזשיר־קאָמיטעט און דער טשערמאַן דאַרפן זיין אין צייט, דאָס איז אים גאָר ניט איינגעפאַלן.

אַנדערש ווי ענגליש פּאַסט זיי ניט

א צווייטער האָט איבערגעקערט דאָס טעפּעלע פון די קאַווע אויף דעם רויכערדיגן ברעג פון סיגארעטל און גענומען דאָס וואָרט:

— אויב איר רעדט וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף וויסן ווי צו אָראַנ־זשירן אַן אונטערנעמונג וועל איך אייך עפּעס דערציילן:

איך האָב זיך צוזאַמענגעשריבן מיט אַן אָרגאַניזאַציע אין אַ פּראָ־ווינץ־שטאָט וואו זיי האָבן מיר געוואָלט האָבן צו אַ לעקציע. דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט וואָס איך בין געווען אַ הייסער ציוניסט, איר זאָלט מיר מייכל זיין, די טעמע האָט געדאַרפט זיין „די ווירקונג פון מאָגן דאָוויד אויף די אידישע קעפּ״, האָט די אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ גרויסע סיין מיט דער פאָלגענדיגער איבערזעצונג אין ענגליש. מיסטער דער און דער וועט רעדן היינט אויף דער טעמע: „די אינפלוענס אָף דייווידס סטאָמעק אָווער די דזשואיש העד׳ס״...

די לעקציע איז אַראַנזשירט געוואָרן אין אַ סקול פון אַ שטאָטי־שער געביידע.

זיינען פאַרבייגעגאַנגען הונדערטער אַמעריקאַנער, געקוקט אויף דעם טשיקאַוון שילד און באַשלאָסן צו קומען הערן די לעקציע.

אין אָוונט ווען אַ קאָמיטעט האָט מיר צוגעפירט צו דער סקול און איך האָב דערזען דאָס שילד, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן, איינער פון קאָמיטעט האָט מיר אַ שטורקע געטאָן אין זייט:

— ווי געפעלט אייך די מאַסע מיט מענטשן? דאָס וואַרטן זיי שוין פאַר בילעטן!

איך האָב ווידער אַן עפן געטאָן די אויגן, האָב איך דערזען, עס שטייען אַ ריי אַלטע מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, נאָך דער „טשו־טאַבעקאַ״, ליולקעס און ציגאַרן האָב איך זיי פּרובירט סאָרטירן, צו וועלכע נאַציאָנאַליטעטן זיי געהערן?... איין זאַך האָב איך אָבער געזען באַשטימט אַז קיין אידן זיינען ניטאָ.

— וואו זיינען די אידן פון שטאָט? — פרעג איך דעם קאָמיטע־מאַן.

— זיי וועלן זיין! — פאַרזיכערט ער מיר.

מיר זיינען אריין אין מיטן לאָקאַל, דער זאַל איז באַלד איבער־געפילט געוואָרן מיט די איירישע, איטאַליענער און אַמעריקאַנער באַ־זוכער.

דער טשערמאַן פון דעם אָוונט איז צוגעלאָפן אַ פאַרצווייפלטער און האָט דערביי מיך נאָך פּרובירט טרייסטן:

— ווי געפעלט אייך אַן אײלאַם ווי איר ציט ביי אונז אין שטעטל?

— יע — זאָג איך אים, מיט אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט ווי אַ מאָ־

טאָר טראַק — ווי אַזוי איך צי אָן איילאָם זע איך, די פראַגע איז נאָר, ווי צי איך אָפּ פון איילאָם?

— ניט געפערלעך, ניט געפערלעך, — פּרובירט ער מיר באַרו־היגן — מער קען ניט זיין ווען איר רעדן אויף ענגליש.

— וואָס נאָך ווילט איר? — גיב איך אויף אים אַ קוק — וואָס וועט זיין אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז דאָ זיינען אויך פאַראַן טערקן?

— וועט איר רעדן טערקיש! — האַלט מיר דער טשערמאַן אין איין באַרוהיגן.

— מיסטער — זאָג איך אים — איך רעד אידיש און קיין אנדער שפּראַך קען איך ניט.

ווען ער האָט מיר פאָרגעשטעלט און איך האָב גענומען ריידן. האָט אַזוי גיך ווי דער זאַל האָט זיך אָנגעפילט, אַזוי גיך זיך אויסגעליידיגט.

ווען איך האָב געזען דעם לעצטן מענטשן צומאַכן די טיר האָב איך קלאָר געעפנט די אויגן.

פון דאַנמאָלט אָן, אַז איך דאַרף ערגעץ פאָרן צו אַ לעקציע, בעט איך די אַראַנזשירער: אַלץ אין דער וועלט, נאָר איבערזעצט ניט אויף ענגליש די טעמע . . . און מאַכט אַ שילד אין אידישן אידיש.

אַזאַ גרינער שיקסע

— אנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט, ענגליש רעדן — האָט אַ דריטער לעקטאָר גענומען דאָס וואָרט — געקומען בין איך אין אַ שטעטל פון עמעסע אידישיסטן. זיי וועלן זיך פאַר אַ אידיש וואָרט שמאַדן אפילו, נאָר אַ לעקציע — האָבן זיי מיר געשריבן — מוז איך ביי זיי האַלטן אויף ענגליש, ווייל, זיי האָבן אַ מיטגליד, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ שיקסע, מוז מען פון אירט'וועגן, רעדן אַז זי זאָל פאַרשטיין.

פאַרשטייט זיך שוין, אויב די לעקציע איז אין ענגליש, האָט מען שוין געדרוקט די בילעטן און קאַרטלעך אויך אין ענגליש. איז געוואָרן אין שטעטל אַ מאַכאַלייקע. איין צאַד האָט געשריען, אַז: ס'איז אַ שאַנדע אַז צוליב איין שיקסע זאָל מען מוזן רעדן ענגליש. דער צווייַ־טער צאַד האָט געשריען: אויב איין שיקסע איז ווייניג נעמט איך אַלע שיקסעס, אָבער רעדן, מוז מען די אַמעריקאַנער שפּראַך.

צו וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען — דערציילט דער לעקטאָר — איך האָב געמוזט האַלטן מיין לעקציע אין ענגליש, ווען איך האָב

פאַרענדיגט, בעט איך דעם פּאַרזיצער צו פרעגן: ווער עס וויל שטעלן פראַגן.

שטעלט זיך אויף די שיקסע און פרעגט: — איך וואָלט — זאָגט זי — וועלן וויסן, אויב מ'האָט אַנאָנסירט אַ לעקציע אויף ענגליש, טאָ פאַרוואָס האָט מען ניט גערעדט אין ענגליש?

— וואָס הייסט — האָב איך זיך צעשריען — נאָכדעם ווי איך רעד אַ שעה און אַ האַלב אין ענגליש, טאַקע צוליב איר, קומט זי נאָר איצט, און האָט טענות.

— וואָס זאָגט איר? — האָט די שיקסע זיך צעלאַכט — אויב דאָס איז ענגליש, פּלים, רעדט אַ צווייטן מאָל אידיש, וועל איך אויך אפשר עפּעס פאַרשטיין?...

אַ לעקציע אין אַ טעלעפאָן ביידל

— ברייינגט נאָר צו אַ טעפּעלע קאַווע — האָט דער לעקטאָר מיט די דריי לאַנגע האָר אויסגערופן — וועל איך אייך אויך עפּעס דערציילן.

איר האָט שוין געוויס געהערט פון רעדנער, אַז, זיי זאָלן אייך דערציילן, ווי זייערע לעקציעס זיינען געווען גוט באַזוכט, מיט טויזענט מענטשן, צוויי טויזענט, דריי טויזענט, איך וועל אייך איצט דערציילן, ווי אַזוי איך האָב געהאַלטן אַ לעקציע אין אַ טעלעפאָן ביידל:

געווען איז דאָס אין ערעוו יאָנטעוו, ווען איך בין ארויסגעפאָרן צו האַלטן אַ לעקציע אין אַ קאַנטרי־שטעטל, ווי גיך איך בין אָנגעקומען מיט דער באַן האָב איך זיך געלאָזט גיין צו דעם אָנגעגעבענעם אדרעס, אָבער ס'איז מיר ניט געווען אַזוי גרינג צו געפינען, באַשלים איך ביי זיך, אריינצוגיין אין אַ דערבייאיגע סטאָר און אָפּרופן איינעם פון די פריינט, זאָל ער צוקומען מיט אַ מאַשין און מיר ברייינגען צום אדרעס.

איך בין אריין אין אַ קענדי־סטאָר, דער איד האָט זיך געאיילט די סטאָר צו פאַרמאַכן און לויפן אין שול אריין, איך — האָב זיך געאיילט צו קומען אין צייט צו דער לעקציע.

בין איך אריין אין ביידל און גענומען רופן, פון איין הויז ענטפערט מען מיר, אַז קיינער איז שוין ניטאָ, חוץ די בלינדע באָבע און ס'קליין אייניקל, אַלע אנדערע זיינען אוועק צו אַ לעקציע.

איך רוף אַ צווייטן אדרעס, איז שוין קיין באָבע מיט קיין אייניקל אויך ניטאָ. רוף איך אַ דריטן, דער מאַן ענטפערט מיר, אַז זיי קלייבן זיך גיין צו אַ לעקציע, ער וועט אָפּן וועג מיר מיטנעמען אין דער

מאַשין. דערווייל, ביז וואָס ווען, ביז זיין ווייב וועט זיין פאַרטיק, איז ער נייגעריק צו הערן אַ גרוס, און ער הויבט אָן צו פרעגן:

— ווי איז עפּעס ביזנעס אין ניו יאָרק? ווי איז אייך געגאַנגען די רייזע? וואָס טוט זיך עפּעס אין דער באַוועגונג? וואָס מאַכט דער, יענער? ביז ענדלעך לאָזט ער מיר וויסן, אַז שוין! זיין ווייב איז שוין פאַרטיק.

איך כאַפּ זיך אַרויס פוןביידל און לאָז זיך צום טיר, אָבער, ס'איז אַן אומגליק געשען. דער מאַן פון סטאָר האָט זיך געיאָגט אין שול אַריין האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקוקט, מיך איבערגעלאָזט אין ביידל, פאַרשלאָסן די טיר און איז אַוועק.

איך לויף ווידער רופן, אויך ער איז שוין ניטאָ אין הויז, ,איך נעם קלאַפּן אין פענסטער אין טיר, איך לויף ווי אַ טיגער אַהין און צוריק, כאַפּ אַ קוק אַפן זייגער, ס'איז שוין נאָך אַכט.

איך וואַרף אַ בליק אַרום און אַרום, ס'ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן. איך דערזע איבערן טיר אַ קליין פענסטערל, שטעל איך צוזאַמען קעסטלאַך אויף קעסטלעך און נעם קריכן דורכן פענסטער. כ'בין ווי עס איז דורכגעקראָכן אָבער אַרונטערשפּרינגען קען איך ניט, מיינע הויזן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קייטל און איך בלייב הייִנגען.

פאַרבייגייער האָבן דערזען ווי אַ מענטש הייִנגט, האָט מען גע־רופן פּאָליציי, ביז וואָס, ווען, זיינען געשטאַנען צענדליקע מענטשן און זיך צוגעקוקט, יעדער איינער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש אויף מיין רעכענונג, איינער שרייט אַרויף:

— נו, וועסט קריכן נאָכאַמאָל דורך פרעמדע פענסטער?

אַ צווייטער צעלאַכט זיך:

— איר ווייסט דאָך, סאַף גאַנעוו לעטליע...

ענדלעך איז געקומען פּאָליציי, מ'האָט מיר אַרונטערגענומען פון מיין „הויכער פּאָזיציע" און אַוועקגעפירט אין קאָרט אַריין.

וואָס דער סוף איז געווען? אַנשטאָט איך זאָל האַלטן אַ לעקציע, האָט דער ריכטער געהאַלטן אַ לעקציע פאַר מיר, איך זאָל אַ צווייטן מאָל ניט האַלטן קיין לעקציעס דורך אַ טעלעפאָן. און דערנאָך ניט דאַרפן הייִנגען אַף אַ פענסטער.

* * *

אָט אַזוי האָבן די לעקטאָרן זיך געגעבן לעקציעס װעגן זייערע לעקציעס און פאַרטרונקען מיט אַ טעפּעלע קאַווע.

ברענען זאָלט איר!...

אַ לעקציע אַזאַ וועגן שוועבעלאָך און זייער שייכעס צו ציוויליזאַציע

ווי איר קוקט מיר אָן, האָב איך נאָך אַלס קינד געשפּילט זיך מיט שוועבעלעך. דערפאַר אַז איך בין אָבער עלטער געוואָרן, האָב איך שוין געברענט — אַ וועלט...

ברענעניש, מיינע פריינט, זיינען פאַראַן אַלערליי: ס'ברענט אַ קאַס, ס'ברענט אַ פיבער, ס'ברענט אַפן האַרצן און ס'ברענט אַ ליבע. מיר רעדן אָבער אַף דער טעמע: „ברענען זאָלט איר — שוועבעלעך"....

שוועבעלעך, אויב איר ווייסט נאָך ניט, איז געווען דער ערשטער פונק אין קאַמף מיט פינסטערניש פאַר אַ ליכטיגער וועלט...

אָבער אַפילו איצט, ווען די שוועבעלעך פּעריאָדע איז שוין אַריינגעפאָרן אין אַ ציוויליזאַציע פון „סעלף-לייטערס" קענט איר נאָך אַלץ הערן די פּאָפּולערע פראַזע אין אַלע שפּראַכן: „איר האָט אַ שוועבעלע? טאַ גיט מיר אַ סיגאַרעטל"...

ווי איר זעט, איז דער גאַנצער רויכערן, צוליבן — ברענען זאָלט איר.

אַ שמעק-טאַבאַק, מיינע פריינט, קענט איר קריגן אָן שום פראַזן. מ'שטעקט אַריין דעם גראָבן מיטן לאַנגן פינגער און — האַפּטשי... צו געזונט זאָל מיר זיין!

הייסט דאַס, אַז מיר האַלטן ביי דעם שוועבעלע. איר האָט אַ שוועבעלע? ווייל אַ סיגאַרעט אָן אַ שוועבעלע, איז ווי אַ ליבע אָן אַ סקאַנדאַל; ווי אַ קעשענע אָן געלט; ווי אַ פירער אָן קאָמפּלאָט.

איר זעט אָט-אָ-דאָס-אָ? דאָס איז אַ שוועבעלע. און שוועבעלעך זיינען כמעט ווי מענטשן, האָבן קעפּ אויף זיך... און אַז זיי כאַפּן אַ רייב צינדן זיי זיך אָן... פו. דער אונטערשייד אָבער פון מענטשן און שוועבעלעך, איז, וואָס בעאיים אַ שוועבעלע קענט איר אָנצינדן פון אַ רייב אָן די הויזן, אַ רייב אָן פּאַדעשווע צי אַ רייב ביי יענעם אָן וואַנט... קענט איר מענטשן נאָר אָנצינדן — דורך אַ רייב אין זייט, אַ רייב אין מאָרדע, אָדער אַ רייב אין אַ ציימונג...

א שוועבעלע איז אָבער פּאָרט נעגליכן צו א מאַן, אָדער פרוי, שוין מיט דעם אליין — ס'קען לייכטן, וואַרימען און אויך ברענען...
— ברענען זאָלן זיי! כ'האָב ליב אַז ס'איז ליכטיק...
מאַנכע בעמיקער ווילן האָבן, אז פרויען קען מען צו קיין שוועבעלעך ניט פאַרגלייכן, ווייל אנשטאָט ברענען — רויכערן זיי גאַר...
ווי איר וועט באַלד זען, האָבן אפילו אַרבעטער געקראָגן זייער ערשטע לעקציע אין קלאַסן-קאַמף פון שוועבעלעך. דאַכט זיך ליגן „איינגעליגט"... גיבן זיי זיך אָבער א צעהיץ, פליען פונקען און ס'צעברענט זיך א וועלט...
דערפאַר פּרובירן טאַקע מאַנכע דיינקער אייך ראָטן ניט צו שפּילן זיך מיט שוועבעלעך. זיי ווייזן אייך אָן, מיינע פריינט, אַז שוועבעלעך האָבן דעם כאַראַקטער פון פאַרליבטע. ס'ברענט זיך, ס'ברענט זיך, שאַפט פאַרגעניגן אזוי לאַנג ביז ס'דערגרייכט די שפּיץ-פינגער...
אָבער קיין שוועבעלעך אין מויל דאַרף איך אייך ניט לייגן. אויב מ'ברענט זיך אָפּ, בלאָזט מען... און פון אונזער שטאַנדפּונקט, מיינע פריינט, מעגט איר ברענען...
שוועבעלעך זיינען אויך פאַראַן גרויסע און קליינע. די גרויסע שוועבעלעך דערמאָנען אונז אָן מאַנכע רעדנער. א גרויסער פלאַקן, א היץ-קעפּל, שפּריצט מיט פייער און ענדיקט מיט רויך... קליינע שוועבעלעך, זיינען ווידער פאַראַן ווי קליינע מענטשעלעך. דאַכט זיך ניטאָ וואָס אָנצוקוקן און דאָך קענען זיי אָנצינדן א וואַלד און ברענגען אַפן פייער... דערצו איז אויך פאַראַן נאַרישע שוועבעלעך, וואָס צינדן זיך אָן ביי דעם מינדעסטן צוזאַמענשטויס...
דערפאַר איז טאַקע גערעכט יענער דיכטער וואָס זאָגט: אַז די בעסטע שוועבעלעך זיינען די וואָס גראַמען זיך מיט א סיגאַרעטל...
זעט איר, שוועבעלעך און קינדער דאָס איז שוין גאַר קיין גראַם ניט, וואַרים געבן קינדער א שוועבעלע איז, ווי א פאַרעטער פירערשאַפט... אין יעדע פאַלן קומט מען אַרויס אָפּגעסמאַליעט... דערפאַר, זאָגן מיר פריינט, אַז א שוועבעלע איז גוט צו זען אין איר ריכטיגער ראָלע: ווי זי ברענט א וועלט, — אָבער ניט צו שפּילן זיך אין שוועבעלעך...
און אַז מיר רעדן שוין וועגן שוועבעלעך, מוזן מיר אייך, ליבע צוהערער, זאָגן, אַז עס זיינען אויך פאַראַן רעוואָלוציאָנערע שוועבעלעך וואָס צעצינדן זיך, צעברענען זיך, מאַכן ליכטיק און דערוואַרימען

מענטשן . . . אזעלכע שוועבעלעך, מיינע פריינט, — מעגט איר ברענען!

פאַרקערט, עס זיינען אויך פאַראַן קאַפּיטאַליסטישע שוועבעלעך, וואָס האָבן ליב נאָר צו ברענען ארום א פאַס פּולווער און מיט זייער ליכטיגקייט — ברייגען זיי פינסטערניש — און פאַרסמאַליען א וועלט.

שוועבעלעך זיינען אויך פאַראַן געראַטן אין די פאַבריקן היינטיקע צייטן. אָט גיט א ברען (א סעזאָן), אָט גייט א רויך (פון קוימען), און אָט ברענט אייך שוין די שפּיץ־פינגער, ווייל אַלץ ווערט אויפגע־ברענט אונטער די הענט . . .

זעט איר, די מאָדערנע וויצנשאַפט, ליבע צוהערער, קוקט שוין אויף א שוועבעלע ווי אויף א גוטן וויץ — א שאָס, א ברען און ס'איז פריילעך־ליכטיק . . .

ווי איך זע, מיינע פריינט, איז פאַר אייך איצט קלאָר דער איניען וועגן שוועבעלעך. אויב אזוי — האָט איר אפשר א סיגאַרעטל ? . . .

איך ארבעט שוין!

איר'ט שוין געהערט די נייעס? איך ארבעט שוין! א גליק, זאָגט איר? נו מילא, אזא גליק אויף אייך געזאָגט.

איר ווייסט וואָס מיין פריינטל זאָגט, ווען מ'דערמאָנט אים אר־בעטן? „איך וואָלט שוין בעסער", זאָגט ער, „שטיינער געהאַקט, ווי געאַרבעט"...

גלויבט מיר, ער איז שוין באַלד גערעכט, זאָלן דאָס אַלע מיליאָ־נערן האָבן אין פּראָצענט וואָס איך האָב פון דער ארבעט. איז א גו־טער סיזאָן? — שטעכט אין ביידע זייטן. איז דער סיזאָן א שוואַ־כער — שטעכט אין איין זייט...

איר הערט, אַפילו אין די בעסטע צייטן ווען כ'האָב געאַרבעט, איז געווען א קריינק צום עסן. פאַרקערט ווידער, מיין באָס ארבעט ניט — און פרעסט ווי א כאַזער...

ס'איז מיר געווען געפעלן ווען כ'האָב אַמאָל געהערט ווי א רעד־נער האָט געזאָגט: די וואָס ארבעטן ניט דאַרפן ניט עסן. איצט זע איך, אז דאָס איז נאָר גוט אין סאָוועטנלאַנד ביי די רויטע... א נו, גיט אייך א שטעל פאָר, ווען מ'מאַכט איצט דאָ ביי אונז אין אַמעריקע אַזא געזעצל... ס'וואָלט אויסגעקומען די מיליאָנען ארבעטלאָזע צו שטאַרבן פון הונגער...

דער עמעסער עמעס אָבער איז, אז דער באָס, צי ער ארבעט אָדער ניט, פרעסט ער און דער ארבעטער צי ער ארבעט אָדער ניט, האָט א קריינק צום עסן.

כ'וועל אייך זאָגן א סאָד, ס'קומט שוין באַלד אויס מיר צו זאָגן: אז כ'האָב ניט געאַרבעט האָב איך געהאַט ווייניגער צאָרעס.

פאַר דער צייט וואָס איך בין מיר ארומגעגאַנגען ליידיק, איז מיין ווייב און דער האַלב־טויט פרעסערלעך געווען מיינע „פאַרזאָרגער"... אַלע טאָג פלעגט מיין ווייב מיר מאַכן דעם רעכענונג: היינט דאַרף מען נעמען ביי דעם און געבן יענעם. ס'קליינוואַרג איז געלאָפן און גע־

באַרגט וואו אַ צענערל, וואו אַ פינפערל און פארשטייט זיך, אויך אָפּ־געטראָגן ווען ס'איז נאָר געווען וואָס. מיט איין וואָרט אַלע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום געשעפט...

פאַרגעסט אויך ניט אַז מיינע פריינט האָבן מיר אויך געהאַט אין זינען. ס'הייסט, אַ פּאָר דאָלער האָב איך זעלטן ווען ביי זיי געקראָגן, אָבער אַ גוט־האַרץ האָבן זיי אַלע מיר געוויזן. זיי האָבן מיך געטרייסט, זיי האָבן מיר געוואונטשן און פלעגן טאַקע אָפט מיט באַדויערן זאָגן: „ווען כ'האָב געלט וואָלט איך דיר געבאָרגט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן"...

דערפאַר צו גאַסט האָט זיך ביי מיר חוץ דעם לענדלאָרד, אַ הונט ניט געוויזן . . . ניט כאָלילע ווייל זיי האָבן מוירע געהאַט כ'זאָל ניט אַ פרעג טאָן פאַר אַ פּאָר גראָשן... נאָר פּאַשעט, מ'האָט מיך ניט גע־וואָלט שטעלן אין אַ שלעכטער לאַגע. וואָס פאַר אַ פּאָנים וואָלט דאָס טאַקע געהאַט ווען ס'קומען צו מיר געסט און איך האָב זיי ניט מיט וואָס אופנעמען. איז ווי געזאָגט: אין מיין הויז איז געווען שטיל ווי אויף אַ מיטינג פון פיש...

איצט אָבער אַז איך ארבעט שוין, בעט איך אייך, זייט מיר ניט מעקאַנע, ווארום איר וועט פילן אזוי ווי איך.

ערשטנס: אַז מ'ארבעט אוועק היינטיקע צייטן אַ טאָג ווייל דער באָס ארבעט פון אַ וואָך און באַצאָלן וויל ער נאָר ווי פאַר אַ שטונ־דע . . . דערפאַר קוקט מען אָבער אויף אייך ווי אויף אַ בייז וואונדער. אַלע טייטלען מיט די פינגער: „זעסט, ער ארבעט שוין!"... מענטשן שטייען דערביי און נעמען ניט ארונטער פון אייך די אויגן — ווי אַ כאָסיד פון אַ זאַפטיקער אידענע . . .

צווייטנס: קוקט איר שוין אליין אויף זיך אויך עפּעס מאָדנע. איר באַטראַכט זיך ווי אַ העלד וואָס איז געקומען פון אַ מילכאָמע, מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט און אויף די פיס — באַנדאַזשן...

וואָס איר דאַרפט מיר איבערהויפּט ניט מעקאַנע זיין, איז די אויפ־נאַמע פון מיין זעקסטל...

— פּאַפּאַ, — שרייט אויס איין דיוויזיע — פּאַפּאַ, מיר דאַרפן אַ דאָלער, מיר ווילן קויפן מאַמאַ אַ פּרעזענט, מאָרגן איז „מאָדערס־דיי". און די אַנדערע העלפן גלייך ארויס: נאָך אַ דאָלער, פּאַפּאַ, ס'גייט באַלד זיין — „פאַדערס־דיי" . . .

די ווייב שטייט דערביי און שרייט באַזונדער: — וואָס מיר „מאָ־

דערם־דיי", און וואָס מיר „פּאַדערס־דיי" כ'וויל וויסן ווען ס'איז „פּיי־דיי" ?...

נאָכדעם, פאַרגעסט ניט, יאָוועז זיך אַלטע פריינט: אַ קאָזין מיינער ווייזט מיר אַן און לייענט אַזאַ צעטל: „כ'האָב געהערט אַז דו אַרבעטסט שוין און מאַכסט געלט. וואָס הערט זיך טאַקע אויב אַזוי מיט מיין פינפערל? און פּיליכט קענסטו מיר געבן אַ פינף און צוואַנציקער אויף עטלאַכע וואָכן?"

אַנדערע קומען ווידער מאָנען אַנדערע כּוויוועס. דער לענדלאָרד? — אַ מאָנאַט רענט פון פאַראַיאָרן. דער גראָסערימאַן — האָט געפונען נאָך אַ פאַרשריבן בלעטל אין מיין בוך... די מישפּאָכע קומט איצט אויך אָפטער, ניט צו פאַרזינדיקן, און אַז מיין מישפּאָכע קומט, קען מען טאַקע ניט זיין קיין כאַזיר, ווארום זיי זיינען דאָך עמעסע געסט, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, האָבן זיי פריער די גאַנצע צייט וואָס איך האָב ניט געאַרבעט — ניט פאַרשמעקט אין מיין הויז. איצט ווילן זיי טאַקע אויסגעפינען צי איך הונגער ניט, צי איך פאַרדין גוט, כאַפּט מען טאַקע אַ קוק אין איין־באָקס, אין קלאָזעט, אין קורצן מ'באַזוכט מיר און מ'באַטאַפּט מיר. דער סאָף איז, אַז מיינע פאַרשפּאָרט זיי אַן אַרבעט — דערלאַנגט זיי אַלץ צום טיש...

מיט דעם אַליין בין איך אָבער נאָך ניט פאַרטיק, איצט דאַרף איך צאָלן דעם ברענטש, דער יוניאָן, אויף דעם לאָון, דעם מילכמאַן, פאַר דער פייער פּאַליסי, דעם קאַסטימער־פּעדלער און מוז נאָך שיקן שווער און שווינגער אַ פּאָר דאָלער אין יוראָפּ. מיט איין וואָרט, מיין דזשאָב האָט מיר אומגליקלעך געמאַכט...

וואָס, איר זיינט מיר מעקאַנע? אויף אייך געזאָגט אַזעלכע דזשאָבס. איך פיל זיך רואינירט, איך קען זיך ניט צערייסן, כ'בעט אייך, רעדט כאָטש פאַר קיינעם ניט איבער.

געוואַלד! וואָס טוט מען וואָס? ——— איך אַרבעט שוין!...

לאָמיר ווערן קנאַקערס!

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך גענומען צום טראַכטן)

ווי געפעלט איך? זינט כ'האָב אָנגעהויבן צו מעסטן די גאַסן בין איך געוואָרן אַ הימל־קראַצער. ס'הייסט: איך קוק אויפן הימל און קראַץ זיך די פּאַטעלניצע...

קוקנדיק אַזוי אויף די הימל־קראַצערס, וואָס זייערע גלאַנציקע קופּאָלן שפּאַרן אָן אין הימל ווי אַ קינדס פינגער אין נעזל... האָב איך פּלוצלינג, בײַ אַ רעסטאָראַן, דערפילט דעם ריח פון אַ גוט שטיקל פיש.

אַזוי טראַכטנדיק פון די פיש האָט זיך שוין אויך געטראַכט וועגן דעם: די קאַפע באַלעבאַטים האָבן אַרײַנגעשמאַטן טויזנטער זעק קאַ־פע אין יאַם. די צוקער פאַבריקאַנטן — טויזנטער זעק צוקער, און די מילך ספּעקולאַנטן — טויזנטער קאַנען מיט מילך. הייסט דאָס, די פיש האָבן אַ געשמאַק ביסעלע קאַפע, און איך — קראַץ זיך: וואו נעמט מען אַ ניקל אויף אַ טעפּל קאַפע?...

פונדעסטוועגן, זאָגט מען מיר, אַז מ'גיסט וואַסער אין מילך... טראַץ דעם וואָס מ'גיסט מילך אין די וואַסערן...

ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן, טראַכט זיך!... — הערט אַ געשיכטע, פון כאַפּן, לאַפּן, פון ניט עסן אין צייט, האָב איך זיך צעריסן מיט מיין מאָגן און געוואָרן מיט אים אויף מעסער־שטעך... גייט ער אַרום און בורטשעט. באַשלים איך אַרײַנגיין צו אַ דאָקטאָר און אויסגלייכן דעם סיכסעך...

דער דאָקטאָר גיט אַ טאַפּ, אַ קניפּ, און זאָגט: „ס'איז געז אין מאָגן, דערפאַר ברענט אַפּן האַרצן און ס'איז ליכטיק אין בויך"...

— וואָס טוט מען צו דעם? — פרעג איך דעם דאָקטאָר.

— פאַר אַ צענערל — וואַרפט ער זיין אויג אויף מיין קעשענע — קען איך אייך העלפן פּאַטער ווערן פונם געז.

גייענדיק אַ היים און אַזוי טראַכטנדיק וואו נעמט מען אַ צענערל? באַגעגענט מיר אויפן וועג מיין ווייב און דערציילט מיר, אַז דערפאַר

וואָס מיר זיינען שולדיק דער גאַנצער קאָמפּאַני דריי מיט אַ קוואָדער האָט מען באַ אונדז אין הויז פאַרשלאָסן די גאַז.

נו, קענט איר זיך אַזאַ זאַך פאָרשטעלן? איצט קומט אויס ניט אַנדערש כּאָטש נעמט און צינדט אונטער דעם מאָגן... אַ צעדרייטע וועלט!

צי איך האָב אַ געזינדעלע? אויף אַלע „בעזדיעטניקעס" געזאָגט געוואָרן. ווי איר קוקט מיר אָן בין איך אַ באַל־מעטופּל פון אַ „פינפטלינג". ס'הייסט זי, מיין ווייב, האָט זיי ניט געהאַט דעם „פינפערל" מיט אַמאָל, אָבער אין די אַכט יאָר, וואָס מיר זיינען פאַרהייראַט, האָט זי אָנגעהאַלטן איר „סטענדאַרד אָוו פּראָדאַקשאָן"... אַלע יאָר עפּעס: אַ אינגל, אַ מיידל, אַ צווילינג, אַ מאַפּל — עפּעס קומט...

זאָג איך אַמאָל צו מיינער, ס'הייסט, צו מיין ווייבל. גיי צו אַ דאָקטאָר, צו אַ גוטן אידן, צו אַ מעכאַשעף, צו אַ טרעפיק פּאָליסמאַן, זאָג איך, אָבער מאַך אַ סטאָפּ!.. הער אויף צו פאַרגרעסערן די אַרמיי!

זאָגט זי מיר: שוין געווען, דער דאָקטאָר זאָגט — געבורטס־קאָנטראָל איז פאַרבאָטן; דער גוטער איד זאָגט — גאָט האָט געהייסן האָבן קינדער. און איינמאָל איז זי געווען באַ אַן אָפּשפּרעכער, האָט זי דאָס טאַקע דערנאָכדעם — זאָגט זי — געהאַט דעם צווילינג...

וואָס זאָגט איר — מ'האָט איינגעפירט געבורטס־קאָנטראָל באַ בהמות... געוויס ווייס איך, מ'מאַכט אפילו אָפּעראַציעס אויף פאַרזייטע ערד קעדיי עס זאָל גאָר ניט אַרויסוואַקסן... פאַר מענטשן איז אָבער געבורטס־קאָנטראָל פאַרבאָטן. נאָר רעדנדיק פאַרקערט, אַז מ'וועט ניט האָבן קיין קינדער, טאָ ווער וועט שטאַרבן פון הונגער?...

דערפאַר זאָרגט אָבער די רעגירונג פאַר אַנדערע זאַכן: דינגט די קליגסטע מענטשן — צו פאַרשפּרייטן נאַרישקייט. און פאַר זאָגן קלוגע געדאַנקען... בין איך אייך גאָר ניט מעקאַנע — זייט ניט קיין כאָכעם... אויב איר ווילט לעבן.

ס'טראַכט זיך, און וואָס קען מען עפּעס היינטיקע צייטן אַנדערש טאָן ווי טראַכטן?... קריכן טאַקע מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין. עס ליגט מיר אין זינען די רייד וואָס איך האָב אַנומעלטן געהערט פון אַ רעדנער:

— גראָבע טייטערס, גראָבע יונגען און גראָבע בייכער קענען איבעראָל אַריינקריכן. אָבער פאַר אַ שטראַלכל ליכט זיינען די טויערן פאַרמאַכט...

אַ צווייטער האָט געזאָגט: ערלאַכקייט מוז דאָ היינט אַרבעטן אונטערערדיש און פאַלשקייט פליט מיט עראָפּלאַנען, קלוגע רייד צענזורירט מען, און בויך־ריידערײַ אַפּלאָדירט מען...

אָדער, ווי זאָגט איר, נאַקעטע אויסגעלאַסנקייט טאַנצט אין די גאַסן און נאַקעטער עמעס ליגט געקאָוועט אין קייטן...

איך זאָג אייך, ס'איז מאָדנע אַרומגיין לײדיק און לאָזן דעם קאָפּ אַרבעטן. אָט טראַכט זיך מיר אַזאַ זאַך: — נידעריקע באַשעפענישן זיצן אין די הויכע פענסטער און מענטשן מיט הויכע אידעאַלן ליגן אין טורמע־סעלן. פאַר געלן שונד, קריגט מען גאָלד, און פאַר גאָלדענע ווערטער — סמאָלע מיט פעדערן...

איר פאַרשטייט עפּעס אַ ווערטל? מ'זאָגט, „אַלע שוסטער גייען באָרוועס" אָבער אַז באַנקירן זאָלן אַרומגיין מיט לײדיקע קעשענעס, דאָס האָב איך נאָך ניט געהערט!...

מיין מאַמע זאָגט, אַז גאָט טוט מער געשעפטן אויף דער ערד ווי אויפן טאָפּ־פלאַר... דערפאַר, ווייזט אויס, פילן זיך טאַקע די גאָט־סטראַפּטשעס ווי אויפן זיבעטן הימל; און די וואָס האָבן געבויט די העכסטע הויכקייטן ליגן אין דער ערד... דאָך הייסט מען זיי שרייַ: צו גאָט...

אפשר קענט איר דאָס באַגרייפן? מיין קאָפּ, פאַרשטייט דאָס ניט: אוועקכאַפּן אַ מענטשן מיט געוואַלד רופט מען — קידנעפּערײַ; אַרויסטרייבן מענטשן מיט געוואַלד רופט מען דאָס געזעץ... ס'הייסט געזעץ און זעץ, איין אויסלייגאַכץ...

וואָס? איך טראַכט מיר טאַקע צו ענטפערן, טאָ ענטפערט שוין טאַקע צוזאַמען. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי איז דאָס מעגלאַך אַז די גערעכטיגקייט מיט פאַרבונדענע אויגן האָט פאַרשטאָכענע אויגן און ווער ס'וויל זען מיט אָפּענע אויגן — קריגט אַ בלוי אויג... אַזוי איז געזעץ אַ פריינט פון אָנזעצער און וואַגסטו רעדן פון בייטן אַזאַ געזעץ, זאָגט מען דיר, ברודערל, — זיץ...

* * *

וואָס זאָגט איר? ס'איז איין וואָרט, — ק־אַ־פּ־י־ט־־אַ־ל־י־ז־ם!

טו צו וואָס איך בעט אייך, ציט איר עס נאָך אזוי אוים? אויב ס'איז טאַקע ווי איר זאָגט, אַז קאַפּיטאַליזם איז אַ האַרטע נוס מיט אַ צע־פוילטע יאדרע, איז פארוואָס טאַקע זאָל מען אים ניט צעקנאַקן. און ווייזן אַלעמען זיין צעפוילטקייט?! ... לאָמיר ווערן קנאַקערס! .... אַ סוף זאָל עס נעמען!

אַ טאָג אין הויז

רעי איז געווען א קאַמפּלוסטיגע מיידל וואָס האָט געברענט א וועלט, אין שאַפּ, אויף דער פּיקעטליין, ביי א מיטינג, האָט זי ניט גע־רוט, אלע מאָל געשאַפן פרייליכקייט און געטאָן ערנסטע ארבעט.

רעי האָט אויך ניט פאַרפעלט, וואו א גוטער קאָנצערט, א באַל, א פּיקניק, איבעראַל האָט זי געלעבט און געלאַכט. ביז זי האָט חתונה געהאַט. און פונקט צו דער צייט באַגליקט געוואָרן מיט א קליינס.

דאָס פאַרהייראַטע לעבן און דאָס פּיצעלע קינד, האָט רעין צו־געבונדן צום הויז. דאָס שטענדיגע וואַשן, ראַמען, אכטונג געבן, צו גרייטן עסן, דאָס האָט איר מער ניט געגעבן קיין פרייע מינוט אויף ארויסצוגיין, פאַרברייינגען, העלפן אין דער ארבעט פאַר איר קלאַס.

זיצנדיג אין הויז, פלעגט אין רעי'ן גאַנץ אָפט זיך אויפוועקן א פּראָטעסט איבער דעם, וואָס זי איז געוואָרן פאַרשקלאַפט, און איר הערי פילט זיך פונקט אזוי פריי, ווי פאַר דער כאַסענע.

— ניט געפערלאַך, — האָט אָפט הערי איר געענטפערט, — אייך, פרויען, איז נאָך אַלץ בעסער פאַר אונז. איר זיצט אין הויז, און די מענער ברעכן זיך די קעפּ צו באַזאָרגן אייך מיט אַלעם גוטן. און נאָך אַלעמען וואָס פעלט דיר. ווען דו האָסט אַזא „שפּייז־קאַרד" ווי איך? . . .

אַט אַזוי פלעגט מען כמעט יעדן טאָג זיך א שטאָך טאָן איינע די אַנדערע.

— ווייסטו וואָס, — האָט איין פרימאָרגן רעי א זאָג געטאָן צו איר הערי'ן, וויסנדיג, אַז ער דאַרף גיין זוכן א דזשאָב. — זיי דו אין הויז מיטן קינד, און איך וועל גיין פאַרדינען א טאָג ווידזשעס.

הערי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און אָנגענומען דעם טשאַלענדזש.

רעי איז אַוועק זוכן א דזשאָב, און הערי איז געבליבן אין הויז, ער האָט זיך גענומען פּאַרקען, צוגרייטן ס'מילך פאַרן קינד. דאָס איבערטאָן די נאַסע קליידלעך, געבן שפּילצייג און דאָס באַרוהיגן.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן מיטן איינשטילן דאָס קינד, האָט ער גענומען קלערן, וואָס צו מאַכן עסן פאַר זיך, און פאַר זיין „ברויט־

געבערין״ . . . וואס איז אוועק זוכן א טאָג ארבעט.

זיצנדיג אזוי פארטראכט, האָט ער דערהערט דורכן פענסטער, ווי צוויי פרויען רעדן זיך צוזאמען וועגן קאכן וועטשערע פארן מאן.

„זייער גוט״, האָט הערי זיך א קראַץ געטאָן אין פּאָטילניצע, „אָבער ווי מאַכט מען די דאָזיגע פּאַטראָוועס?״

הערי האָט זיך ווידער פארטראכט און אויסגעארבעט אן אייגע־נעם פּלאַן, וואס צו מאכן פאר סאפּער.

ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם ראָק און שוין געוואלט ארונטערלויפן אין גראָסערי איינצוקויפן די אַלע נויטיגע זאכן. פּלוצלונג האָט זיך דאס קליינס צעבליאַקעט. און הערי איז ווידער געבליבן זיצן באם וויגל איינצושטילן דאס קינד.

— עס איז צרות, — האָט ער שוין גענומען ריידן צו זיך אליין.

נאר דא האָט א גאסן־זינגער זיך צערעוועט אין הויף. געזונגען האָט ער מיט א שטימע פון א קאַץ, ווען מ׳טרעט איר אָן אפן עק. ער איז צוגעלאָפן א בייזער צום פענסטער און זיך צעשריען: — הערט אויף צו זינגען, ווארום איך ווארף אייך א שטול אין קאָפּ.

— וואָס טויג אייך אַ שטול — האָט דער זינגער געענטפערט — ווארפט בעסער אַ פעני — און ער האָט ווידער געזונגען.

איז פארטיג געווארן דער זינגער, האָט דער דזשעניטאר זיך גענו־מען קריגן מיט א שכיינע פאר ווארפן די שמוץ אין האָל. און פון א פענסטער זיינען געפלויגן קלאנגען, וואו „א וואונדער קינד״ האָט געשפּילט פידל, באגלייט מיט טויטע קללות פון דער מאמען, פארוואָס ער מאכט ניט גוט די לעסאָנס.

— גוואלד, מיין קאָפּ! — האָט הערי זיך געהאלטן מיט איין האנט באם שטערן, און מיט דער צווייטער אָן וויגעלע, — מ׳קען דאָך משוגע ווערן.

דער „אָרקעסטער״ אין יארד האָט זיך אָבער באלד פארגרעסערט. איין פרוי האָט גענומען סקריפּען מיט דער „ליין״, הייגענדיג וועש. אין א צווייטער הויז האָט מען גענומען שפּילן פיאנאָ, און ואל־קולעם, האָט זיך דערהערט א שרעקלאכע קריגעריי פון א מאן און פרוי: און אז הערי האָט דערהערט ווי די פרוי זאגט: עס וועט קומען אויף אייך אויך א טאָג, איר וועט שטענדיג ניט „באַלעבאַטעווען״, איז דאָס אים אריין אין דער זיבעטער ריפּ.

דאָס קינד האָט אבער ניט געקענט שלאָפן, ווייל דער געשריי פון

דעם רענגס־פּעדלער האָט געריסן די ווענט, און די נייעס, וואס א פּרוי האָט איבערגעגעבן צו א צווייטער דורכן פענסטער, האָט געריסן די אויערן, און דערצו נאך א פאַרברענטער סאָפּער, וואס האָט אַראָפּ־געשמעקט אין הויז, האָט געריסן די נאָז.

הערי האָט גענומען בייז ארומלויפן איבערן שטוב, און פון הונ־גער זיך געביסן די פינגער.

* * *

אין אוונט ווען רעי איז אריינגעקומען א דערפרישטע פון טרעפן זיך מיט מענטשן אין גאס, פון דעם אריינאָטעמען פרישע לופט, האָט הערי געקוקט אויף איר מיט אנדערע אויגן.

איצט — האָט רעי געזאָגט — אז דו ווייסט שוין וואָס עס מיינט זיין א מאמע, וועסטו אויך דארפן וויסן ווי צו זיין א מענטש — ניט פאַרשקלאַפן די פרוי!

אין צוויי וועגן

ווי גיך די צוויי ברידערלעך זיינען געקומען אויף א באזוך צו דער מאמען איז געוואָרן פריילעך...

הערי, דער עלטערער ברודער, איז געווען א געשעפטסמאַן. דער אינגערער, מאריס — אן ארבעטער.

הערי פלעגט ארומשפאנען איבערן הויז, דרייען אפן פינגער די גאָלדענע קייט פון זייגער, ווארפנדיק דעם ציגאר פון איין זייט מויל אין דער צווייטער און ווי געקייט ווערטער:

— אָט־דאָס־אָ וויל איבערמאכן אמעריקע!

מאריס פלעגט זיך דערביי צעלאכן:

— און דאס, מיט די קרומע פיס, וויל פארטיידיגן אמעריקע.

אז די משפחה איז זיך צוזאמענגעקומען און די צוויי ברידערלעך זיינען געווען ביי דער מאמען, איז ס'הויז פארוואנדלט געוואָרן אין אן ארענא וואו קאפיטאל און ארבעט האבן געפירט א שלאכט.

הערי איז אפילו ניט געווען פון די גאר גרויסע געשעפטסלייט, נאר זיין אפעטיט — ווי פון א איפאפאדאמוס.

מאריס פלעגט אים אָפט ארייַנזאָגן: א מיליאָנער דארף ער נאָך ווערן, אבער א דאָווער־אכאר איז ער שוין א פארטיקער...

הערי'ס האָפענונגען זיינען אבער געווען גרויסע. מיט דער צייט, האָט ער געטראכט, וועלן פון זיינע טויזנטער ווערן מיליאָנען, פון זיין קרעמל — א דעפארטמענט סטאָר. און פון די קינדער, אויב ניט קיין פרעזידענטן און גאָווערנארס איז — כאָטש פאָליסלייט...

אז די מאמע האָט געוואָלט איינשטילן די קריגעריי איז ווי גע־גאָסן אויל אפן פייער. גלייך האָבן זיך געשאפן צדדים אין דער פא־מיליע.

די עלטערע שוועסטער האָט געהאלטן מיט מאריסן: — א מענטש דארף ניט זיין קיין כאַזער — האָט זי געטאַינעט — אויב מ'וויל האָבן א לייטישע וועלט מוז מען איר איבערמאכן. זי פלעגט דערביי א פאָכע טאָן מיט די הענט אין דער הויך ווי מיט פליגל:

— איך בין שטאָלץ מיט מאריסן וואָס העלפט בויען א ניי לעבן און איז ניט ווי הערי וואָס האָט א פולן קאָפּ מיט פּלענער פון דרייד־לעך...

גאָסי, די אינגערע שוועסטער, פּלעגט גלייך נעמען פּארטיידיגן הערי'ן:

— א מענטש דארף האָבן שכל פאר זיך. אז מ'גרייט זיך אָן האָט מען טאָקע...

זי, גאָסי, פּלעגט טאָקע נעמען סמאקטשען מיט די דינע ליפּעלעך און מיט חויזעק פארקרימען די לאַנגע שארפע נאָז:

— פּש־פּשש־ש מ'וועט שטעלן נאָך אים א גאָלדענע מאַציייווע, וועט מען שטעלן... קעץ וועלן וויינען נאָך זיין טויט! א קלייני־קייט: געווען א אידעאַליסט און געשטאָרבן פאר הונגער...

ווען הערי האָט דערזען אַז ער האָט פּארטיידיקער אין דער מיש־פּאָכע, וואָס גיבן אים קרעדיט פאר „מאכן א טולער”. פּלעגט ער א צי טאָן דעם ציגאַר מיט מער הימפּעט, און מיט שטאָלץ נעמען רעדן ווי א זיגרייכער העלד:

— איר הערט, אַלעוואַי זאָל איך ליגן זאָגן, ער וועט טנאָך מיט זיין טויט ניט שטארבן. אין בעסטן פאַל וועט ער פוילן ערגעץ אין א פּריזאָן און מיר וועלן זיך נאָך שעמען אים גיין באַזוכן. ער וויל איבערמאַכן די געזעצן פון דער וועלט — האָט הערי געטייטלט צו מאריסן מיטן פינגער — די גרעסטע מענטשן האָבן געמאכט געזעצן, איז אים געפּעלט דאָס ניט. פארן זיידן איז דאס געווען גוט און אים שטייט דאָס ניט אָן...

הערי האָט זיך צעוואָרימט, א כאַפּ געטאָן דער מאַמען פארן פּארטוך:

— דיינק ניט פאר א מינוט, ווען ער וועט אריינפאלן אין פּריזאָן אַז איך זאָל אים ארויסנעמען. ניין, ניט ביי מיר, ער מעג זיך זיין מיין ברודער, אָבער איך מיט א רויטן האָבן ניט קיין ביזנעס.

— ווערסט ניט זיין אזוי שלעכט — האָט די מאַמע אים גענומען באַרוהיגן — דו רעדסט ווי דו וואָלסט זיין א פרעמדער.

מאריס האָט צערטלעך ארויפגעלייגט די האַנט אויף דער מאַמעס איינגעהויקערטע פּלייצע, און מיט א שפּאָטישן שמייכל אָפּגעמאסטן הערי'ן:

— עס וועט מיר גאָר זיין א שאנדע אויסצוזאָגן, אַז דו ביזט מיין

ברודער. ווען פון אונז ווערט ווער ארעסטירט, האָבן מיר טויזנטער באַזוכער. אַ גאַנצער קלאַס איז אונזער פּאַרטיידיגער! פּאַסקודנע וואָלט מיר געווען, ווען דו דאַרפסט זיין מיין „גוטזאָגער"...

— נאָר צו וואָס ארויסוואַרפן רייד — האָט מאַרים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער עלטערער שוועסטער — ריידן דאַרף איך צו מענטשן, צו אים? זאָל שוין גאָסי רעדן...

* * *

איין פרימאָרגן איז מאַרים גאָר פרי געקומען צולויפן צו דער מאַמען. אויף זיין פּאָנים איז געווען אויסגעגאָסן אַן איבעראַשונג, נאָך איידער די מאַמע האָט אים געפרעגט די אורזאַך פון זיין קומען אַזוי פרי, האָט מאַרים ארויסגעכאַפּט אַ צייטונג פון קעשענע, אָנגעוויזן אויף אַ בילד און גלייך גענומען לייענען.

די נייעס אין דער צייטונג האָט דערציילט אַז הערי בערגער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר פעלשונג און ארויסגעבן טשעקס און עס דערוואַרטעט אים ניט ווייניגער ווי דריי יאָר פּריזאָן.

די מאַמע האָט פאַרבראָכן די הענט און גענומען ביטער וויינען, און מאַרים האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן:

— אַזאַ שאַנדע, אַ ברודער אַ שווינדלער, וועט דאַרפן געבאָך פוילן אין פּריזאַן...

— גאָסי — האָט מאַרים גענומען וועקן די אינגערע שוועסטער. — גאָסי דו ווייסט, איך וועל איצט דאַרפן בייטן דעם נאָמען...

גאָסי האָט זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק. ווען זי האָט דערהערט די מאַמעס געוויין.

די מאַמע האָט איר אָנגעוויזן אויף הערי'ס בילד מיט די נייעס פון צייטונג.

—איז וואָס זאָגסטו? — האָט מאַרים סאַרקאַסטיש איבערגעפרעגט. — דיינקסטו ניט אַז איך דאַרף זיך שעמען צו האָבן אַ ברודער אין פּריזאָן פאַר אַזאַ „בעקאָוועדיגן" טאַט?...

— גענוג שוין — האָט די מאַמע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — האָב ראַכמאָנעס און גיי זע אַ לאָיער.

— איך שעם זיך צו פאַרטיידיגן אַ שווינדלער — איז מאַרים ערנסט געוואָרן — מיט אַזאַ ברודער וויל איך גאַרניט האָבן וואָס צו טאָן...

* * *

הערי׳ן האָט אָפּגעקאָסט טויזנטער אויף לאָיערס און נאָכדעם אַלעמען האָט מען אים פאַרמישפּעט אויף אַ יאָר פּריזאָן.

מאַרים האָט דורך דער צייט געקראָגן מער אָנזען ביי דער פאַ־מיליע. אַלע האָבן ניט ווילנדיק איינגעזען אַז מאַרים׳עס וועג איז אַ בעסערער ווי הערי׳ס.

איין טאָג ווען די פאַמיליע איז אַוועק באַזוכן הערין, זיינען זיי איבעראַשט געוואָרן דערהערנדיק אַ באַקאַנטע שטימע פון אַ צווייטן קאַמערל אין דעם זעלביקן פּריזאָן...

ביי אַ פענסטערל איז געשטאַנען מאַרים מיט אַ שמייכלענדיקן פּאָנים. ער האָט צוגערופן זיין פאַמיליע און זיי דערקלערט:

— די אורזאַכע פון מיין זיין דאָ מיט הערין איז ניט פאַר אַזעלכע „פיינע" זאַכן ווי שרייבן טשעקס אָדער פירן פאַלש ביכער, נאָר פאַר־קערט: איך „זיץ" דאָ, ווייל איך האָב זיך איינגעשטעלט און גע־קעמפט געגן פאַלשקייט און רויב. איך האָב געפּיקעט אַ שאַפּ וואו ס׳איז געווען אַן אינדזשאַנקשאַן געגן די ארבעטער — ניט געוואָלט זיי לאָזן ווערן באַראַבעוועט פון באָס.

די איבעראַשונג האָט זיי, די פאַמיליע, אַ ווײַלע ווי פּאַראַליזירט.

מאַרים האָט גוטמוטיק געלאַכט און פאַרטגעזעצט צו דערציילן:

— איך האָב „אַריינגעכאַפּט" זעקס מאָנאַטן, אָבער דער סטרייק איז געוואונען און דער געווינס איז אויך מיינער!

די פאַמיליע האָט געוואָרפן די אויגן אויף ביידע זייטן וואו די צוויי ברידערלאַך זיינען געזעסן הינטער שמאָלע גראַטן־פענסטערלעך.

מאַרים האָט אַ וואונק געטאָן צו זיין עלטערע שוועסטער:

— זאָג זיי, אַז מ׳זאָל מיר ניט רופן באַם נאָמען, איך רוף זיך

איצט ניט מער בערגער — שניידער, איז מיין נאָמען...

— פאַרוואָס ? — האָבן אַלע מיט פרעגנדיקע אויגן א קוק געטאָן.

— ווייל... ס'איז מיר א שאַנדע — האָט מאַרים אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ, קוקנדיג צו זיין אינגערער שוועסטער גאָסי — יאָ א שאַנדע צו האָבן א ברודער אין פּריזאָן פאַר פעלשונג...

די מאַמע איז געשטאַנען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— שוין בעסער זיצן 10 יאָר פאַר מאַריסעס פאַרברעכן, ווי פאַר הערי'ס א חודש. ווייי איז מיר.

אויף וואָס וואַרט איר?

ווי קום איך צו די קאָמוניסטן? א שיינע פראגע. גיי זיי א בעריע און דריי זיך פון זיי ארויס.

איך קענט מיין מאן? ער פלעגט מיר אלעמאָל זאָגן: „זיך ארויס־דרייען פון די קאָמוניסטן איז ווי ארויסשפרינגען פון דער אייגענער הויט"...

מיין מאן האָט מיר טאַקע ניט איינמאָל געפרעגט: „אויף וואָס וואַרטסטו? וואָס פריער איז בעסער"...

איצט זע איך טאַקע, ווי גערעכט ער איז געווען...

ווען מיין מאן איז אמאָל ארויס סטרייקן, האָב איך צו אים גע־טאַינעט און זיך געבעטן: „וואָס ארט דיך פאר יענעם? קענסט קריגן באַצאָלט, גיי און ארבעט".

האָט ער געטאַינעט, אַז ער אָן יענעם קאָן זיך ניט באַגיין, ווי יענער אָן אים...

האָט ער טאַקע אַלע מאָל געזוכט דעם צווייטן צו איבערציינגן, אַז יענער זאָל זיין ווי ער. און אַז ער האָט דאָס טאַקע אויסגעפירט, זע איך דאָס פון זיך אליין.

ווען מ'האָט מיין מאַן ארעסטירט און געבראַכט אין פריזאָן פאַר פּיקעטן, האָב איך אים איינמאָל באַזוכט אריינקומענדיק אין פריזאָן, טרעף איך אים ווי ער שטייט מיט גאַנאָווים, מיט ראַזבאָיניקעס, און קלערט זיי אויף. האָב איך זיך צעלאַכט, דעם עמעם געזאָגט, מיט יאַשטשערקעס: „סטייטש", טאַינע איך צו אים, „ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ מענטש צו האָבן צו טאָן מיט גאַנאָווים?" ענטפערט ער מיר, אַז: „יענער קען אויך ווערן אַ מענטש". האָט ער אויך אין פריזאָן איבערגעפירט עטלעכע פריזאָנערס...

און אַז ער איז געלעגן אַ צעמאַזיקטער אין שפיטאָל, איז וואָס, מיינט איר, איז געווען? דער דאָקטאָר האָט געגעבן רעצעפּטן, די נוירס — מעדיצין, און מיין מאַן — לעקציעס. זיין בעט איז געווען

פול מיט ביכער. און גלויבט מיר, אין אַ וואָך צייט האָבן די קראַנקע שוין אַפילו פון היץ גערעדט ליטישער ווי אַנדערע געזונטערהייט...

מיין מאַן האָט מיר אַלע מאָל געזאָגט: אויב איך האָב אים ליב, זאָל איך גיין זיין וועג.

דעם עמעס געזאָגט, פאַרוואָס זאָל איך לייקענען? איך האָב אים טאַקע ליב און זיין וועג איז מיר אויך געפעלן, ווארים אויב פּריזאָ־נערס האָבן זיך צוגעהערט צו אים, אויב קראַנקע האָבן געהערט זיין וואָרט, טאָ פאַרוואָס זאָל איך, מיט אַ מענטשלעך האַרץ און אַ גע־זונטען קאָפּ, זיך ניט צוהערן?

מיין שוועסטער, אויב איר קענט זי, האָט אויך געוואָרט. איך פלעג צו איר טאַינען: וואָס לאָזטו די קינדער „ארומבאָמעווען". שיק זיי אין שולע וואו מיין בען לערנט.

— ער לערנט? אַזוי ווי דו לערנסט — פלעגט זי זיך פאַרקרי־מען — ער וועט אויסוואַקסן אַ רויטער ווי דער טאַטע זיינער.

וואָס מיינט איר איז געווען דער סאָף? מיין קינד האָט פריער אַליין געלערנט, און איצט לערנט ער שוין אַנדערע!... און מיין שוועסטערס קינדער ליגן טאַקע גאַנצע אָוונטן אין אַ „פּול־רום", אָדער קנאַקן מיט די פינגער און זוכן אַ „סעווען און אַ עלעווען". און טאָ־מער גיט זי איינעם אין דער פרי אַ דערמאָן צו גיין זוכן אַ דזשאָב, גיט ער אויף איר אַ קוק ווי אַ פאַשיסט אויף אַ אידן...

איצט פאַרשטייט איר שוין, ווי איך קום צו די קאָמוניסטן?

און אויף וואָס אייגנטלעך וואַרט איר טאַקע? ראַקעפעלער זאָל אייך אָפּשרייבן אַ יערושע אָדער אויף ס'גרויסע געווינס?...

איר הערט, אויב איר האָפט אויף די קאַפּיטאַליסטן, וועט איר מיט דער צייט ווערן אַ געהאָלפענער, ווי ס'שעפּסעלע וואָס ליגט באַם וואָלף אין פיסק...

מיין מאַמע פלעגט זאָגן: ווי די מעיסים שלאָפן אַזוי קינדלען זיי... איצט זאָג איך אייך: ווי איר וועט זיך אויסבעטן, אַזאַ גוט־יאָר וועט איר האָבן.

נאָר פון אויסבעטן אַ גוט־יאָר, ביי גאָט, טראַכט איך שוין ניט, ווארום אַז מ'וועט זיך צו גאָרנישט... קריגט מען גאָרנישט. און קיין געזונט, פון קלאָפּן זיך אין האַרצן, און פאַסטן טאַניים קומט אויך ניט צו...

איך מיין: אַזאַ מענטש ווי איר, וואָלט שוין געמעגט נעמען

קלאַפּן אין יענע שטיינערנע הערצער וואָס מאַכן אונז צו פאַסטן און אליין פרעסן זיי פון דאס שענסטע און בעסטע, וואָס איר האָט קיינ־מאָל ניט געהערט? ניט נאָר פרעסן זיי ביז צום פּלאַצן, נאָר לעבן אזוי אויך גאַנץ באַלעבאַטיש... אָט שטעלט אייך פאַר אז די רייכע טעכטערלעך נעמען וואַנעס אין מילך קעדיי זייערע לייבער זאָל ווערן ווייס... נו איז אַ וואונדער פאַרוואָס אונזערע קינדער זיינען פאַר־שווארצט... אונזערע אויפעלעך האָבן דאָך ניט גענוג מילך אפילע צום טרינקען!...

מיין מאַן, אַ לעבן אויף אים, איז גערעכט. מענטשן, זאָגט ער, מעגן האָבן גרויסע אויגן ווי אָקסן, נאָר אויב זיי קוקן ווי אייזלען וועלן זיי ווייטער ניט זען... ווי ס'זעט אַ פערד...

פונדעסטוועגן זאָג איך אייך אז איך פאַרגליך קיינעם ניט צו קיין פערד, ווייל אַ פערד האָט ווער עס זאָל אויף אים אכטונג געבן. נאָר מיר אָרימע באַשעפענישן מוזן אכטונג געבן אויף זיך אליין. פונם פערד ציט מען די פעל נאָכן טויט, אָבער פון אונז שינדט מען די הויט לעבעדיגערהייט...

פרעג איך, טאָ צו וואָס טאקע וואַרטן? אַי, אַ געזונט אויף אייך. איר וואַרט אויף בעסערע צייטן? אייער וואַרטן איז אָבער דאס אייגענע ווי איר זאָלט אריינגיין אין קעלער און וואַרטן אויף אַ קאַר... ניין מיין טייערע פריינט, וואַרטן אויף אַ קאַר מוז מען שטיין לעבן די רעלסן און טאקע וויסן וואו די רעלסן פירן...

איר ווייסט דאָך געוויס, קראַפּיווע וואַקסט אליין, אָבער קאָרן מוז מען זייען... און אויב איר מיינט אז די רייכע וועלן אייך ברייננגען בעסערע צייטן מאַכט איר אַ טאָעס. איר וועט גרוי ווערן וואַרטנדיק ווי מיין זיידע אויף מאָשיאַכן...

פאַר בעסערע צייטן מוז מען וויסן דעם פּולס פון דער נייער צייט, און דער וועיזער פון דער נייער צייט שטעכט מיט שפּיץ אין די אויגן און פרעגט: אויף וואָס וואַרט איר?

טאקע, נו, ווי לאַנג איז דער שיר, אויף וואָס וואַרט איר??

ווער עס זעצט אַן און ווער עס זיצט

ווי גיך איזי האָט צוזאַמענגעזשעברעוועט דעם ערשטן פינף־און־צוואַנציגער פאַר אַ „רעגנדיקן טאָג" איז פאַר אים געוואָרן אַ פּראָבלעם וואו ער זאָל דאָס געלט דעפּאָזיטן.

פון דערפאַרונג, האָט איזי געוואוסט, אַז טראָגן מיט זיך געלט איז ניט אַזוי זיכער. ווייל ערשטנס האָבן „האָלד־אַפּניקעס" אַ טעווע צו מאַכן „האָלד־אַפּס" ! און צווייטנס, צווייטנס אַז מ'האָט געלט אין קעשענע קען מען דאָס גלאַט פאַרספּענדן ; ווייל ווי שיקט זיך, דאַרף מען עס ניט קויפן אַ פּאָר שיך, אַ העמד, אָדער גיין אַמאָל אין אַ טעאַטער און אַז ס'איז שוין פאַראַן אַ באַנק־ביכל שפּאָרט זיך אַ דאָלאַר — אַזוי פלעגט ער אָפּט מיר טאַקע זאָגן.

איז איזי ארומגעגאַנגען פון איין באַנק צו דער צווייטער און ניט געקענט ביי זיך באַשליסן וואו אַנפאַרטרויען דעם שווייסיקן פינף־און־צוואַנציקער. ענדלאַך איז ער געבליבן שטיין ביי אַ „דעסק" וואו ס'איז געזעסן דער פּרעזידענט, אַ מאַן פון אַ דריי פיר הונדערט פונט...

איזי האָט אַ טראַכט געטאָן : — „דאָ איז דער זיכערער פּלאַץ" ווייל נאַכאַלעמען מוז אַזאַ פּרעזידענט זיין אַן אַנגעזעענער מענטש... און מ'קען זיך טאַקע פאַרלאָזן אויף אַזאַ איד מיט ברייטע פּלייצעס, ער זאָל קענען גוט אָפּהיטן אויך זיין פינף־און־צוואַנציקער.

פון יענעם טאָג ווען איזי איז געוואָרן אַ דעפּאָזיטאָר אין דער „זיכערער" באַנק פלעגט ער פון אַ פּעני „אויסמעלקן" אַ דאָלאַר און גלייך אַוועק אין דער באַנק. טאָמער האָט ווער פון זיינע פריינט אים אַ קיבעץ געטאָן וואָס ער איז אַזוי קאַרג, פאַרגינט זיך מאַמעש ניט דעם ביסן, פלעגט איזי ענטפערן מיט אַ שמייכל :

— דו זעסט נאָר וואָס אונטער דיין נאָז טוט זיך. פאַר אַ רעגנדיקן טאָג טראַכסטו ניט. דו וועסט דאַן אַרומגיין נאַס. אָבער איך, איך האָב אויף וואָס צו אינדעפּענדן !

אַ שטיק צייט איז דורך און איך האָב איזי'ן ניט געזען. נאָר איין פרימאָרגן, עס האָט דאַן אַזוי גערעגנט אַז אַ הונט איז אַן אַווירע געוועזן אַרויסצוטרייבן. נאָר מיין ווייב האָט מיר אויפגעוועקט ווען

דער מילך־מאַן איז נאָך געשלאָפן . . . און איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט איבער די גאַסן זוכן א דזשאָב. געטראָפן האָב איך א גרויסע ליין מענטשן לעבן א באַנק, געוואָלט האָב איך אויסשרייען: א „דזשאָב״. נאָר ווען איך בין צוגעגאַנגען נענטער און באַמערקט דעם זייגער מיט די שטומע ווייזער אויף דער „זיכערער״ באַנק, איז מיר אַלס קלאָר געוואָרן . . .

— איזי ! וואָס טוסטו דאָ ? — האָב איך כמעט ווי אויסגע־שריען ווען איך האָב מיין לאַנדסמאַן דערזען שטיין א דורכגעווייקטן.

ווי שטום איז מיין לאַנדסמאַן א ווײַלע געשטאַנען און זיך גע־ווישט די טראָפּנס פון נאָז.

— וואָס ווייסטו, ברודער לעבן — איז זיין קול דאַכט זיך אויך געווען וואַסערדיק — יאָרן לאַנג ניט געגעסן, ניט געטרונקען, נאָר גע־שפּאָרט, און איצט ? . . .

איך האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר מיין האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט ווען איך האָב זיך דערמאָנט אַז ער איז איצט אַזוי נאַס ווי איך . . . פאַר זיין פּראַצע דאַרף ער נאָך שטיין אין רעגן און זיך ווייקן . . .

אין וואָכן שפּעטער האָט מיר איזי גאָר איבעראַשט. אויף א ראַנג־גאַס האָב איך אים געטראָפן דונערן פאַר די דעפּאָזיטאָרס:

— ניין, מיר׳ן ניט שווייגן ! מיר׳ן אים אָנלערנען, איך שווער ניט צו רוען ביז די פּעיקערס און רויבער וועלן ניט קריגן דעם פאַר־דינטן פּסאַק ! דער פּעטער „האָלד־אַפּניק״ וועט מוזן פוילן אין פּריזאָן !

א אידל מיט א קאָמעץ־בערדל, וואָס איז געשטאַנען באַם שוועל פון א שול, האָט זיך דורכגעשטופּט דעם עולם :

— שעמען מעגט איר זיך — האָט דער שול־איד ווי א האָן גע־קרייט — איין איד אויפן צווייטן זאָל אַזוי רעדן ! איך קען אים, דעם באַנק־פּרעזידענט. ער האָט פּלענטי געלט געגעבן פאַר אונזער שול, פאַרן בעים־יעסויומים, איבעראַל, און דו, בונטאָווטשיק, ווילסט א איד איבערגעבן אין גויאישע הענט ! שעמען מעגסטו זיך !

ס׳איז געוואָרן א טומל. הענט האָבן זיך געהויבן צו דער גאָט־סטראַפּטשע מיטן קאָמעץ־בערדל. איזי האָט זיך אַנגעשטריינגט אָפּ־

צוהאַלטן די געבליבענע פּויסטן וואָס דער באַנקיר־פּאַטריאָט וואָלט גע־
ווים אַריינגעכאַפּט. נאָר אין עטלאַכע מינוט אַרום איז שוין צוגעקו־
מען אַ פּאָליסמאַן און האָט זיך אַריינגעמישט — — —

* * *

איר פרעגט וואָס איז דער סוף? דער פּרעזידענט פון דער באַנ־
קראָטירטער באַנק שפּאַצירט זיך אַרום פריי און זוכט אַ פּלאַץ צו עפע־
נען אַ גרעסערע באַנק, און איזי, דער דעפּאָזיטאָר איז שוין צום דריטן
מאָל אַרעסטירט.

נו, אַט האָט איר קאַפּיטאַליסטישע גערעכטיקייט: דער באַנקיר
זעצט אָן... און דער דעפּאָזיטאָר — „זיצט"...

מיט גאָץ הילף...

אזוי גיך ווי רעב אָשער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער שאַלע פון דער אידענע און האָט פאַרקאַשערט די לאַנגע קאַפּאָטע אַריינצולייגן די מאַטבייע, וואָס ער האָט פון איר געקראָגן, האָט אים גענומען פרעגן שאַלעס זיין אייגענע ווייב:

— נ׳וואָס וועט זיין, אָשער לעבן? ס׳איז דאָך שוין באַלד ערעוו יאָנטעוו, ניט קיין שוך, ניט קיין קלייד. און דירע געלט, און שיקן די קינדער אין קאַלעדזש, און גלאַט אויף צו לעבן?

רעם אָשער האָט אַרויפגעשאַרט די גלאַנציגע יאַרמעלקע, גענומען די פרענזן פון גאַרטל אין איין האַנט, די באָרד אין דער צווייטער און מיט אַ הייליגער שטימע אַ ברום געטאָן:

— מיט גאָץ הילף! אַלץ וועט זיין, גאָט האָט אונז געשפּייזט פאַר־איאָרן, פאַר צוויי יאָרן און זינט איך געדיינק, גאָט איז אַ פאָטער. ניט געזאָרגט, מיר׳ן לעבן. מיט גאָץ הילף!

ערעוו יאָנטעוו האָט רעב אָשער פאַרשפּרייט אַ מוידאָע, אַז אַלע אידן וואָס ווילן האָבן אַ גוט יאָר, — אַ יאָר פון פּאַרנאָסע, פון געזונט, פון איישער און קאָוועד, זאָל קומען קריגן אַ בראָכע פון אים אליין — פון רעב אָשער׳ן.

ביי דעם שטאָט כאַזן, רעב שלוימעלע פוקס, האָט אויך דאָס ווייב געוואָרטשעט:

— סע גייט שוין צו ווינטער און מיין פוטער איז ניט מער אין סטייל. איך דאַרף שוין אַ נייעם פוטער, און וואָס הערט זיך טאַקע מיט אַ זיידן קלייד פאַר די הייליגע טעג? — האָט זי ווייטער געבליפּעט.

רעב שלוימעלע האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם קאַמערטאָן און מיט אַ כאַזאָניש דריידעלע אַ זאָג געטאָן:

— מיט גאָץ הילף, ס׳וועט זיין!

אויך באָם שאַמעס האָט געקרעכצט דאָס ווייב:

— יונע, מיר מוזן מופן, מיינע פיס מיט די רומאַטעס קענען ניט קריכן קיין פיר פלאָר און עס גייט צו ווינטער, איך מוז האָבן וואַ־רימע שיך פאַר מיינע פיס.

יונגע האָט זיך א קראַץ געטאָן אין זיין שיטערן בערדל וואָס זעט אויס ווי א דראַפּאַטש :

סאָרע־לייע, זאָרג זיך ניט, ס׳גייט איצט צו יאָנטעוו, מיט גאָץ הילף ס׳וועט אַלעס זיין.

אָפּן גאָס ווייעט דאַלעס אָבער די גאָט־סטראַפּטשעס טרייסטן : מיט גאָץ הילף, ס׳וועט אַלץ זיין.

די וויין קעלערס זוכן קאַסטומער צום פּאַרקויפן וויין און שנאַפּס; דער מויכער־ספּאָרעמניק — זיינע טאַלייסים, יאַרמעלקעס און ספאָרים דער ליכט פּאַבריקאַנט — זיינע ליכט און יאָרצייט גלעזער; דער מעלאַ־מעד—וויל קינדער צום לערנען טוירע; דער לענדלאָרד—זיין ליידיגן לאָפּט פּאַרדינגען פאַר א מאָקעם־קאָדעש; דער שול־פּרעזידענט—וויל גוטע קאַסטומער פאַר די זיץ־פּלעצער אין זיין שול; דער רעליגיעז־פּאָ־נאַטישער ארבעטער וויל זיינע האָרעפּאַשנע „הענט” פּאַרדינגען, צו האָבן ברויט.

רעב אָשערס מוידאָיע טראָגט זיך איבער די גאַסן, קליי קוידעש־ניקעס לייענען מיט א וואונק פון אויג, פּאַנאַטיקער — מיט א טרער אין אויג :

— „אידן ! בעט אייך אויס א גוט יאָר, קומט נעמען א בראָכע ביי רעב אָשערן, און איר וועט מיט גאָץ־הילף געזונט ווערן!”

אָט אזוי פּאַנגט זיך אָן רעב אָשער׳ס סיזאָן, דאָס געשעפטל צעבליט זיך.

אין רעב אָשער׳ס קאָרידאָר ווערט ביזי, עס שוועבט די „הייליג־קייט”. שאַמאָסים, גאַבאָים, שפּרינגען פון כוידער צו כוידער, די ציצית שאָקלען זיך, די פּייעס וואַרפן זיך. עס קומט גאָץ הילף... די סטאַקס שטייגן . . .

דער סאַלונקיפּער, א זאַטער, ברייטער איד מיט א מאָרדע, ווי טרעפ, קומט נעמען א בראָכע.

רעב אָשער לייגט ארויף די הענט אויף זיין קאָפּ וואָס איז קיילעכ־דיג ווי א ביר־פּעסל, מורמלט אָפּ זיין וואונש דערלאַנגענדיג דעם סאַלונקיפּער דערביי א קסאַוו : „אידן נוצט וויין פאַר קידעש און אַוו־דאָלע, וועט איר באַהיט זיין פון א בעאָלע.

די רעביצן שאַרט אריין דעם סאַלונקיפּערס „קוויטל” אין טיש־קעסטל, מורמלט דערביי מיט פרומע אויגן :

— ס׳וועט שוין זיין מיט גאָץ־הילף אויף שיך.

דער סאַלונקיפּער קלעפּט אויס דעם קאַשער־קסאַוו אַפן פענסטער און מיט „גאָץ־הילף״ פאַרקויפט ער שנאַפּס און וויין. — גאָט האָט אים געהאָלפן . . .

דער מויכער־ספאָרעמניק רוקט זיך אריין צו רעב אָשערן מיטן האַנט אַפן האַרצן, מיט די אויגן צום הימל: „אַ בראָכע רעבי לעבן, אַ בראָכע״.

רעב אָשער גיט זיך אַ שאָקל און אַ רייב אַ האַנט אין אַ האַנט:

— נאַט אייך אַ קסאַוו מיט אַ „פּיטשאַט״.

„אידן וואָס דאַוונען אין טפילן און טאַלעס, ווייסן ניט פון קיין דלות״.

די רעביצן עפנט שוין דאָס טישקעסטל און טוט אַ הייליגן זיפץ: „מיט גאָץ הילף״ וועט שוין זיין אויף אַ קלייד.

דער מויכער־ספאָרעמניק לייזט געלט, פאַרקויפט סידורים, מאַכ־זיירים, טאַלייסים, טפילן „מיט גאָץ הילף ער׳ט שוין מאַכן אַ לעבן . . .

דער ליכט־פאַבריקאַנט קען אליין ניט קומען נאָך אַ בראָכע, פאַר־לאַנגט ער דורך אַ בריוו מיט אַ הייליגן טשעקעלע . . . און רעב אָשער ענטפערט דורך אַ בריוו מיט אַ הייליגן קסאַוועלע:

„אידן וואָס צינדן ליכט, וועט ביי זיי שטענדיג שיינען דאָס געזיכט״.

די רבצין האָט שוין „מיט גאָץ הילף״ אויף דירע־געלט.

דער מעלאַמעד, אַ צעדאַרט אידל, גיט דאָס ערשטע זאַך אַ לייג אַוועק אַ מאַטבייע און צעוויינט זיך:

— רעביניו, די אידישע קינדער ווילן ניט לערנען קיין טוירע. ניטאָ קיין כאַיונע ניטאָ, וואָס טוט מען וואָס?

רעב אָשער גיט אַ שטאַרקן זיפץ:

— אַי, כאַיונע? כאַיונע? ניט געזאָרגט, גאָט איז אַ פאָטער, „מיט גאָץ הילף״ איר וועט האָבן כאַיונע. אָט האָט איר:

„אידן וואָס לערנען טוירע, האָבן פאַר הונגער קיין מוירע.

אָט אזוי טיילט רעב אָשער „קוויטלעך״:

„די וואָס גייען אין שול, וועלט זייער טייסטער פול״.

„דער וואָס גלויבט אין גאָט, דער פון אַלעם האָט״.

„דער וואָס העלפט דעם רעבין, וועט אים גאָט קייפל־קייפלאַים געבן״.

„דער וואָס שלאָגט קאַפּאָרעס, ווייס ניט פון קיין צאָרעס".

דער רעבי „מיט גאָץ הילף" העלפט אַלעמען און דער רעביצן אויך. זי קוקט אין טיש־קעסטל און „זאָגט": „א לויב דעם אלמעכטיגן, מיט גאָץ הילף וועט זיין א גוטער סיזאָן" . . .

ס'קומט אויך אריין צום רעבין כאַיעם דער סטאָליאַר, א דאַר־מענטשל און ארבעטלאָזער. ער גלויבט, אַז דער רעבע וועט אים געבן א בראָכע, וועט ער מיט גאָץ הילף — געהאָלפן ווערן. ער האָט שוין אַלץ פּרובירט.

רעב אָשער וואַרפט א קוק אויף דער אָרימער מאַטבייע, גיט א בור־טשע ווי אונטער דער נאָז :

„טיילט צדאָקע, וועט איר האָבן א כאַזאָקע...

די קליי־קוידעש, די מיזראַכניקעס אין שול זיינען פריילעך, — דעם רעבינס בראָכע האָט געהאָלפן. „מיט גאָץ הילף" אַלע מאַכן געלט . . . א גוטער סיזאָן. טישן זיינען געדעקטע מיט פיש, פלייש, און וויין. מ'פּאַטשט זיך אין די בייכלעך און מ'זינגט א לויב דעם אויבערשטן...

* * *

ביי א טרוקענעם טיש זיצט כאַיעם דער סטאָליאַר, קוקט זיך איבער מיט ווייב און קינד :

— איך ווייס ניט — זאָגט כאַיעם — דאַכט זיך געוועזן ביי רעב אָשערן, געקראָגן א בראָכע און דאָך ? אָט ווייס איך פון א סאַך אַנ־דערע, וואָס זיינען געוועזן ביי רעב אָשערן און מיט גאָץ הילף, זיי זיינען געהאָלפן געוואָרן.

— כ'ווי — רופט זיך אָן דאָס ווייב — ווען גאָט זאָל דיר העלפן דו זאָלסט קענען געבן מער צדאָקע וואָלט טאָקע די בראָכע געווען א גרעסערע. קענסט דאָך ניט פאַרלאַנגען אַז רעב אָשער זאָל דיר בענטשן ווי מייק'ן דעם סאַלונקיפּער ? ווען דו העלפסט גאָט, וואָלט גאָט דיר געהאָלפן . . .

אין די רייד רייסט זיך אריין א שטימע דורכן פענסטער פון גאַס, אַלע ארום טיש שטעלן אָן די אויערן :

— „מיט גאָץ הילף" וויל מען אייך פאַרטומלען די מויכעס, איר זאָלט בעטן אנשטאָט קעמפן".

—„מיט גאָץ הילף" קענען נאָר לעבן די גאָט־סטראַפּטשעס, פאַר ווען אומווּיסענהייט איז אַ קוואַל פון כאַיונע".

כּאַיעם, זיין ווייב און קינדער שטריינגען אָן דעם אויער אויפצו־כאַפּן די רייד, כאַטש אין האַרצן לויפט זיי דורך אַ ציטער: „מ'טאָר ניט הערן קיין רייד קעגן גאָט".

אָבער די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען שפּאַלט די לופט און רייסט זיך אַריין אין די היימען פון די פאַנאַטיקער. עס קלינגען קלאָרע ווער־טער :

— „ווען די אַרבעטער וואָלטן אַזוי פיל צעאַרבעט פאַר זיך וויפיל זיי צעאַרבעטן פאַר גאָט, וואָלטן זיי געקענט זאָגן אַז ס'איז אונזער וועלט און ניט פּרובירט זיך איינרעדן אַז דאָס איז „גאָטס־וועלט" . . .

— מיט דעם וואָס מענטשן זעצן גאָט אויפן הימל לייגן זיי זיך אין דר'ערד" . . .

— „די גאָט־שווינדלער זאָגן: אַז, מ'ווייַנט זיך אויס, ווערט גרינ־גער, הייסט מען די מאַסן וויינען, כּדי דערנאָך קענען זאָגן „מיט גאָץ הילף עס איז גרינגער געוואָרן"...

— „מ'זאָגט אונז צו גליקן אויף יענער וועלט. ווייסן מיר אָבער אַז די רייכע לאָזן ניט דורך קיין איין גוטן ווינקעלע אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס זיי קענען נאָר נוצן זיי פאַר זיך" . . .

כּאַיעם איז געזעסן און געשלונגען די רייד, אַלע ווײַלע צולייגענדיג אַ וואָרט פאַר זיין ווייב און קינדער :

— גערעכט, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן . . .

ווען כּאַיעם האָט זיך גענומען צום דיינקען וועגן רעליגיע און אַרגומענטירן מיט זיינע שכיינעם אינם שול, האָבן אים אַלע אָנגעקוקט מיט פראַגעס אין די אויגן :

— ווי קומט דאָס צו אים ? ווי קומט צו כּאַיעם'ן אַזעלכע רייד ?

אויך די קליי־קוידעש האָבן אים שוין גענומען פרעגן : ווי קומען צו אים אַזעלכע זינדיגע געדאַנקען ?

כּאַיעם האָט זיי געענטפערט קורץ און שאַרף: — „מיט גאָץ הילף" האָב איך זיך גענומען אַביסל צום טראַכטן. און אַ „דאַנק גאָט" ווייס איך איצט אַז אַן אַרבעטער קען „מיט גאָץ הילף" ניט געהאָלפן ווערן !

קלאַפּ, קלאַפּ, ווער איז דאָס?...

— גוט־מאָרגן — רופט אויס א פּאָרל אנקלאַפּענדיק אין טיר.

— גוט־מאָרגן, גוט־יאָר — ענטפערט דער אויסגעדאַרטער מיכל דורך א שפּאַלט פון טיר, ווי ער האָט דאָס שוין געטאָן מיט צען אַנ־דערע פּריער — וועמען ווילט איר זען?

— קיין אונטערשייד ניט, אייך, אייער ווייב צי אייערע קינדער — קומט אָן ענטפער פון אינטער דער טיר.

— מיין ווייב — ענטפערט מיכל מיט זיין קורצן אָטעם — קענט איר ניט זען, ווייל זי איז ניטאָ, מיינע קינדער קענט איר אויך ניט זען, ווייל זיי זיינען אויך ניטא, דעם איינציגן וואס איר קענט זען — זאָגט ער — איז מיר אליין, ווייל איך בין דאכט זיך מיר נאָך דאָ...

דאָס פּאָרל שפּאַנט אריין גלייך אין פראָנט רום, מיכל — נאָך זיי:

— וואס ט׳איר געוואָלט?

— גאָרניט — זאָגן זיי.

— ס׳הייסט גאָרניט — קוקט ער אויף זיי — נאָך גאָרניט האָט איר דאָך — זאָגט ער — געקענט אריינגיין נעקסט־דאָר.

— שוין געווען — ענטפערט ס׳מיידל — אויך קיינער ניטא אין הויז.

— ס׳הייסט — גיט ער זיי און זיך א מעסט מיט די אויגן — איך בין ביי אייך קיינער?

— פאַרשטייט — כאַפּט זיך שוין אריין מיט א וואָרט דער יונ־גערמאַן — מיר האָבן געוואָלט זען אַלעמען, צוזאַמען, אייך, אייער פרוי, די קינדער, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען ניטא, נו מילא, וועלן מיר כאַפּן א שמועס מיט אייך אליין, זאָגט מיר כ׳בעט אייך, ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען? — גיט מיכל א צי דעם קורצן אָטעם — אַמאָל האָב איך געהאַט זייער א גוטן נאָמען, נאָר לעצטנס, ,אַז, מ׳אַרבעט ניט, מ׳פאַרדינט ניט, איז בעסער פרעגט גאָר ניט, דער גראָסערימאַן,

דער בוטשער, דער לאַנדרימאַן, ווײל פון מײן נאָמען ניט הערן און ניט װיסן.

— ניין — צעלאַכט זיך דער יונגערמאַן — מיר מײנען, װי הײסט איר ?

— װי איך הײס ? — װיצלט זיך װידער מיכל — עך, װען מ'זאָל מיר פאָלגן װי איך הײס, װאָלט דאָך מײן װײב איצט געװען אין הויז. און ניט איך, א שװאַכער מענטש, זאָל דאַרפן לױפן צום טיר ענטפערן אַלע אַנשיקעניש, נודניקעס און פאַרלעך װאָס קומען מיר דרײען א װינט־מיל.

— װאו איז אײער װײב ? — זאָגן בײדע, און מאַכן זיך ניט װי־סענדיג פון דעם װאָס ער האָט געזאָגט.

— מײן װײב — האָט ער א כאַפּ געטאָן א ביסל לופט — לױפט ארום, דאָ א גוטמאָרגן, דאָ א גוט יאָר, אין א טיר אַרײן אין א טיר אַרױס, איר הערט ? — פּאַרציט ער דאָס פּאַסיקל אױף די הויזן — זי זאָגט, אז די װעלט האָט איצט אַזאַ פּנים װי איך, דאַר, קװאַר, אָן בלוט, אָן שכל און פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס... לױפט זי דאָס איבערמאַכן די װעלט...

— אזוי, אזוי, — האָט זיך דאָס פּאָרל צופרידן איבערגעקוקט — האָבן מיר טאַקע פאַר אײך אַ פּלאַן, פּאַקט אײן ס'עקל און פּעקל און פאָרט װאו אַלע גוטע און פרומע אידן פאָרן — אין ערעץ ישראָעל, װעגן דעם איניען װילן מיר טאַקע מיט אײך רעדן.

— װאָס טײג מיר דער רעדן — לאַכט מיכל און עס שאָקלט זיך אױף אים דער זעקל פון די בײנער — א לעבן מאַכט מען דאָרט ?

— װאָס טײג דער לעבן — זאָגט ס'מײדל — אַלע װעלען אײך צוגעבן, אז ס'בעסער דאָרט צו שטאַרבן װי דאָ דאָס לעבן.

— פאָרט אײך געזונט — גיט מיכל אַ מאַך מיט דער האַנט — איך בין שװין האַלב פּאַרטיק דאָ אין אמעריקע . . .

אײדער דאָס פּאָרל האָט אַ טראַכט געטאָן װאָס צו ענטפערן, האָט זיך װידער דערהערט א קלאַפּ אין טיר מיט א שװערן גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר — האָט מיכל װידער געשפּאַנט און געעפנט די טיר.

— הע, הע. דאָס זײנט איר דאָ ? — האָט א קעלביגער איד אַרײנגערוקט א האַנט — אזוי דאָס זײנט איר ?

— ניין — ענטפערט מיכל — דאָ איז בלויז מיינע ביינער, מיר אליין קענט איר געפינען אין א צוואנציק שעפער צו א דריי, פיר פונט . . .

— העה, העה, העה, — צעלאכט זיך דער איד און די פאלדן אויפן בויך קייקלען זיך איינס איבער ס'אנדערע — וואָס קאָסט אייך דא רענט ?

— וואָס איז דער אונטערשייד, איר וועט מיר מאכן ביליגער — קוקט אויף אים מיכל און פארמעסט זיך מיט אים אין דער ברייט און אין דער לייגג.

— כ'מיין, גלאט גוט צו וויסן — און שפאנט אביסעלע ווייטער אין פראנט רום.

— די צימערן, — האָט מיכל אריינגערוקט דעם גראָבן פינגער אונטער דער שלייקע — ווי איר קוקט זיי אָן מיט אלץ מיט אנאנדער, קאָסט אונז אזוי גרויס — ווי גאָרניט.

— גאָרניט, — האָט דער גראב־בייכיגער אויסגעגלאצט א פּאָר אויגן — טאקע גארניט ?

— אז מ'צאָלט גארניט, קאסט גארניט — האָט אים געענטפערט מיכל מיט איין אטעם — און ארויסשטעלן מיין ווייב איז ווי ארויס־שטעלן אין שפיגל א צונג — מ'מוז עס דערנאָך אריינעמען צוריק אין מויל אריין . . .

דאָס אידל האָט ווידער ארויסגעלאָזט א גראָב געלעכטער און אריינגעשטופּט ס'נאָז א קוק צו טאָן אין פראָנט רום.

— נו, האָב איך ניט געטראָפן ! געמיינט כ'וועל אייך קענען פארקויפן א לאָט, וועט איר בויען א הויז און זיין לענדלארד פאר זיך, מיינער א לאָט — האָט ער זיך שוין אויך געווענדעט צו דאָס פּאָרל — איז א מיצווע דאָס געלט אפילו אויף קארקע.

— טאָ ליגט אייך געזונט — האָט מיכל א זאָג געטאָן און ווידער גענומען שפּאנען צום טיר ענטפערן דעם פרישן קלאפּ.

— גוט מאָרגן !

— גוט־מאָרגן גוט־יאָר — בלייבט מיכל שטיין און קוקט זיך צו.

עס שפאנט אריין א איד מיט א קעסטעלע אפן האנט, און נעמט זיך גלייך צעלייגן זיין סחורה אפן טיש.

— סאָם פּאר קאקערוטשעס — דערקלאמירט ער — סאָם פּאר

וואַנצן, סאַם פאַר מייז, סאַם פאַר פליגן, ,סאַם פאַר מאַסקיטעס, סאַם פאַר...

— פאַר זיך — האָט מיכל אים גענומען וואַרפן אַלץ צוריק אין קעסטל אַריין — נעמט דאָס אייך געזונטערהייד, ביי מיר אין הויז קענען די מייז, די קאַקערוטשעס — שטאַרבן פון הונגער, זיי דאַרפן ניט קיין סאַם.

— אָבער איך — לאָזט דער איד מיטן קעסטל זיך ניט וואַרפן און שטופט זיך אין פראָנט רום אַריין — איך דאַרף אָבער מאַכן אַ לעבן.

אין דעם דינגען זיך האָט מיכל דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און ער איז ווידער אַוועק עפענען. דער איד מיטן קעסטעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין פראַנטרום און פאַרנומען אַ שטול מיט אַלעמען צו גלייך.

מיכל האָט געעפנט די טיר און האָט ווידער דערהערט, אַ גוט מאָרגן.

עס האָבן זיך אַריינגעקייקלט צוויי אידן איינער מיט אַ ברייטער באָרד ווי אַ רידל דער צווייטער מיט אַ בערדל ווי אַן אָפּגענוצט בעזים.

— אַ גוט מאָרגן — ענטפערט מיכל שוין אַביסל צושראָקן — וואָס האָט איר געוואָלט?

— וואָס הייסט וואָס — זאָגט דער איד מיטן בעזים־בערדל — מיר גייען זוכן אידן, האָבן מיר געהערט ביי אייך טומלט זיך ווי אויף אַ מיטינג... ווילן מיר מאַכן אַן אַפּיל פאַר אַ יעשיווע.

— פאַראייניוועגס — זאָגט דער צווייטער איד מיטן רידל־באָרד — זע איך, אַז ביי אייך איז פאַראַן אַ פיינער פּלאַץ אויף אופהיינגען אַ פּושקע, און טאַקע ווי קען דאָס זיין אַ אידישע הויז אָן אַ פּושקע?

די אידן רעדן ניט קיין סאַך, איינער כאַפּט זיך אַריין אין פראָנט רום און דער צווייטער נעמט זיך שוין קלאַפּן אַ פּושקע.

מיכל גיט אים אַ כאַפּ פאַרן האַנט:

— הערט, מיסטער, איר מעגט הייננגען איבעראַל, נאָר ניט ביי מיר אין הויז, ווען מיין ווייב וועט דערזען אַזאַ פּושקע אָפן וואַנט, היינג איך ביי איר אָפן סילינג.

דער איד האָט אַריינגעלייגט צוריק די פּושקע, אַריין אין פראָנט רום רופן זיין שותף און — האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט.

מיכל איז געבליבן שטיין אין אַ פערלעגנהייט, ער האָט שוין ניט געוואוסט וואו פריער צו גיין, צו דער חברה וואָס האָבן געמאַכט

א מאַרק אין פּראָנט רום פּאַר ביזנעס און ספּעקולאַציעס, אָדער, צו דער טיר וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט אז מ'קלאַפּט שוין ווידער, און געגאַנגען איז ער צו דער טיר, ,ווייל ער האָט שוין דערהערט א הויכן קלאַפּ, אָן א גוט־מאָרגן.

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך ? — האָט זיך דער לענדלאָרד פון'ם הויז צעשריען — וואָס איז דאָ פּאַר א געוואַלדן ? די הויז ווערט דאָך צעטראָגן !

מיכל האָט אים אנגעקוקט, און ווי שטענדיג א זאָג געטאָן מיט זיין קורצן אטעם — א שפּאַס :

— דאָס האָבן די טענענטס פון'ם בלאָק א מיטינג, זיי ווילן ביליגער רענט, אז ניט, צעוואַרפן זיי די הייזער . . .

— אזוי ? — האָט דער לענדלאָרד א קלאַפּ געטאָן מיטן טיר — וועלן מיר זיי ווייזן.

אין פינף מינוט ארום איז שוין געווען אין גאַס א פּאַטראָל־וואַגן און אין הויז — דער לענדלאָרד מיט א פּאָליסמאַן.

ווען מ'האָט די גאַנצע כעווריע וואָס האָט זיך אריינגעקליבן אין פּראָנטרום — געפירט אין גאַס ארויס, איז געשטאַנען מיכל געטראַכט און געלאַכט :

— „זאָלן זיי אויך אמאָל פאַרזוכן דעם טעם פון ווערן „ארויס־געשטעלט". . .

בלוטיגע טויזענטער...

אַלע האָבן באַטראַכט מיסטער און מיסעס צימערינג פאַר א גאָט־געבענטשטע פּאָרל.ביידן האָט געפעלט צוביסלעך סייכל, ביידע האָבן ניט געהאַלטן פון לייענען קיין צייטונג און ביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן כיישעק צו מאַכן געלט.

ווען דאָס פּאָרל האָט זיך איינגעקויפט א געשעפט — א גראָסערי, האָבן זיי באַשלאָסן צו לעבן מיט רעכענונג. דאָס הייסט, אַזוי ווי ביידע קענען ניט רעכענען, איז דער בעסטער כעשבן, אַנשטאָט ניט דעררעכענען — איז איבעררעכענען. און דער רעכענונג האָט גע־שטימט...

דערפאַר טאַקע אַז עמיצער פלעגט זיי פאַרוואַרפן אין שפּאַס: אַז, ווען זיי האָבן אַביסל סייכל, וואָלטן זיי געקענט זיין בעהיימעס, פלעגט זי, מיסעס צימערינג ענטפערן מיט א קלוגנ אין קעשענע פון פאַרטוך:

— וואָס גרעבער די קאָפּ, אַלץ גרעבער דער טייסטער.

די איינציקע פּראָבלעם וואָס זיי האָט אַביסל געדרייט דער קאָפּ, איז וואָס צו טאָן מיט דעם געלט?

זיין מאַמע האָט איינגעטענה'ט מיט אים: זיי ניט קיין נאַר. לאָז ניט דער ווייב טראָגן די הויזן, ווייל אויף א פרוי קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. א פרוי האָט שיטערע פינגער. שפּאָר א דאָלאַר אין באַנק, און טאַקע אויף דיין נאָמען.

פאַרקערט ווידער, האָט איר טאַטע איינגעטאַינעט מיט איר:

— פאַרלאָז זיך ניט אויף קיין ניסים, א מאַן איז נאָר גוט צו דער ווייב, אויב ער האָט ניט קיין געלט, נאָר ווי גיך עס איז פאַראַן געלט, איז פאַראַן קאָרטן, איז פאַראַן א סאַלון, איז פאַראַן טעאַטערס און עס איז טאַקע פאַראַן קלוגע פרויען, וואָס נעמען צו ביי אַזעלכע האָלע־דירגעס די פּאָר דאָלער, דערפאַר טאַקע טראָג די געלט אין באַנק אויף דיין נאָמען, און זיי זיכער מיט דעם געלט...

זיינען געשטאַנען מיסטער און מיסעס צימערינג אין גראָסערי

און מ׳האָט זיך געדונגען: זי וויל די געלט אויף איר נאָמען און ער— אויף זיין נאָמען.

ביז אין א שיינעם טאָג איז אריינגעקומען א יונגערמאַן מיט א גלעזערנעם רעוואָלווער און האָט געלייזט די פראגע — צוגענומען די געלט...

נאָכדעם האָבןביידע באשלאָסן צו מאַכן באַנק־ביכלעך אויף ביידנס נעמען, און אַלע וואָך זאָלן די פּראָפיטן צעטיילט ווערן. זי זאָל דעפּאזיטן אויף איר נאָמען, און ער — אויף זיין נאָמען.

אזוי האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן די געלט אין דער באַנק אריין. אים האָט אָבער ניט געשמעקט אז א פרוי זאָל האָבן אויף איר נאָמען געלט, אויף דעם האָט ער גיך געקראָגן סייכל.

איין פרימאָרגן, ווען זי, מיסעס צימערינג, האָט געדאַרפט גיין מאַכן איר דעפּאזיט אין דער באַנק, האָט ער איר אונטערגערוקט אין שופלאָד זיין באַנק־בוך. און אזוי האָט זי דעפּאזיט איר געלט אויף זיין ביכל...

דער פּלאַן איז אים געפעלן געוואָרן. און אזוי אַלע וואָך, האָט ער איר פארביטן דאָס ביכל, און זי האָט געהאַלטן אין איין לייגן געלט אויף זיין נאָמען.

איין טאָג ווען די ציטונגען האָבן געבראַכט די נייעס, אז א באַנק האָט געקראַכט, האָט דאָס איר ווי א דונער געטראָפן. לאָזט זי שטיין די פרויען מיט די פּיטשערס פאַר מילך, און רוימט אים אריין אין אויער, אז, זי גייט ארויסנעמען דאָס געלט פון באַנק, ווייל די ביינק קראַכן.

ער האָט אביסל א ציטער געטאָן, סיי פון דער סצענע וואָס וועט זיך באַלד אָפּשפּילן, סיי פון דעם וואָס ער פארלירט אזא גוטן דעפּאָזיטאר אויף זיין ביכל...

זי איז אָבער גלייך אוועקגעלאָפן אין באַנק אריין ארויסציען דאָס געלט, אָבער אנשטאָט די דערוואַרטעטע סומע וואָס האָט לויט איר „רעשבן" געדאַרפט זיין, ארום צוויי טויזנט דאָלער, האָט זי געקראָגן ניט מער ווי ארום פיר הונדערט.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט זי זיך צעשריען — איך האָב איך געהאַלטן אין איין טראָגן געלט, אַלע וואָך, און איצט, אנשטאָט

די געלט מיט פּראָצענט, גיט איר מיר אַפּילו ניט מיין קערן. גאַנאַווים, גאַזלאָנים, וואָס איר זיינט.

אַז דער שרייען האָט ניט געהאָלפן, האָט זי זיך צעוויינט:

— איצט זע איך דאָך, אַז וואָס מ'זאָגט אויף אייך איז עמעס. שווינדלער, באַנדיטן, רויבער, גיט מיר אָפּ מיין געלט, מיין בלוטיגע פּראַצע.

אַז דער שרייען און וויינען האָט ניט געהאָלפן, איז זי געקומען צעלויפן צו איר מאַן.

ער האָט געלאַכט אין זיך און פּרובירט איר באַרוהיגן:

— מאָרגן וועל איך גיין אין באַנק און אַלץ „אויסגלייכן”...

אויף מאָרגן ווען מיסטער צימערינג איז קליימערשט אַרויס אויף דער גאַס צו גיין אין באַנק אַריין, האָט ער דערהערט די נייעס, אַז די באַנק האָט זיך פאַרמאַכט אויף אַן עמעסן און גיט ניט קיין געלט.

אַריינקומענדיג אין קרעמל האָט ער זיך שוין צעשריען:

— אַמעריקע גאַנעוו, פאַרברענט זאָל דאָס ווערן, גיי שפּאָר אַ דאָלער ביי אַזעלכע שווינדלער, זשוליקעס, גאַנאָווים. אויסקריינקען זאָלן זיי מיין געלט!

ווען מיסטער צימערינג האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין פרוי, האָט ער מיט וויטאָק אין זיך געבורטשעט:

— איר איז גוט. זי האָט בלויז פאַרלאָרן פיר הונדערט דאָלער, אָבער מיין באַנק־ביכל, אַ בראָך איז מיר, בלוטיגע טויזנטער!...

וואָס מאַכט איר?

איר הערט? אויב איר זענט א ליבלעכער מענטש, איר פאַר־מאָגט א סך פריינט, און איר זיינט פּאָפּולער, טאָ זייט פּאָרזיכטיג ניט צו קריינקען, און אויב איר קריינקט, זאָגט קיינעם ניט אויס און אויב איר גייט ארוים א לעבעדיגער ווייזט זיך ניט פאַר א יאָר צייט צו אייערע פריינט.

איך זאָג דאָס אייך אנטקעגן דעם וואָס מיינער א נאָנטער פריינט האָט זיך צעקריינקט פון א שווערער אָפּעראַציע.

האָבן פריינט אים גענומען באַזוכן אין האָספּיטאַל. איז יעדע ווייזיט שטונדע געווען א מאַס־מיטינג ארום זיין בעטל. יעדן באַזוכער האָט ער געדאַרפט געבן די האַנט און ענטפערן אויף דער פראַגע — וואָס מאַכט איר?

דאַן פלעגט זיך אָנפאַנגען די באַרימטע פראַגע: וואָס איז אייך?

און דער כווילע האָט געדאַרפט פאַר יעדערן האַלטן א לעקציע וועגן כירורגיע, מעדיצין און וויסנשאַפט. א לעקציע מיט פראַגן און ענטפערס.

דערצו האָט יעדערער פון די באַזוכער געבראַכט מיט זיך א פּעקעלע, ווער פרוכט, ווער קענדי, און מאַנכע טאַקע סענדוויטשעס.

און אַז דער קראַנקער האָט געהאַלטן אין מיטן פון זיין לעקציע, פלעגט איינע אָדער איינער פון די באַזוכער ארויסשלעפּן א פלוים אים אריינרוקן אין מויל אריין, מיט א באַמערקונג:

— ווייַ איז מיר, אים איז נעבאַך שווער צו רעדן, ער איז זייער אָפּגעשוואַכט. עסט א פלוים, וועט איר מער קויאַך האָבן.

— וואָס? — פלעגט א צווייטע גלייך ארויסכאַפּן אן עפּל — פלוימען זיינען ניט אזוי גוט פאַר אים, ווי א זאַפטיגער עפּל.

— איך קען אָבער ניט עסן — פּלעגט דער קראַנקער זיך נעמען ראַנגלען — דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרזאָגט ניט צו עסן קיין זאַך.

— מאַכט זיך ניט נאַריש — פּאַלט אים אַ דריטע אַריין אין מויל מיט אַ שטיק קענדי — אַז איר וועט אַלעם הערן וואָס די דאָקטוירים וועלן אייך זאָגן וועט איר שיין אויסקוקן, דער דאָקטאָר פרעגט אייך וואָס ער זאָל עסן?

אין מיטן פון די רייד פּאַלט אַריין אַ נייער באַזוכער, און יעדער: וואָס מאַכט איר? און ווידער: וואָס איז אייך? די לעקציע פאַנגט זיך ווידער אָן פון אָנפאַנג און עס ענדיגט זיך ווידער מיט שטופּן דעם כוילע אַ „באַנדעלע גרייפּס" אין מויל אַריין.

ביים אוועקגיין פּלעגט נאָך יעדערער אים איבערלאָזן אַ קרעכץ:

— אַך! וואָס פון אַ מענטש קען דאָס ווערן, ער רעדט שוין נע־בעך מיט די לעצטע קויכעס...

ווען מיין קראַנקער פריינט האָט זיך דאַך געראַטעוועט און איז אַרויס אַ לעבעדיגער פון האָספּיטאַל, האָט ער אָבער באַלד דערפילט אַז זיין לעבן איז נאָך אַלץ ניט געזיכערט.

וואו ער איז אַריינגעקומען, האָט ער באַלד געקראָגן אַ באָרוך־האַבאָ — וואָס מאַכט איר?

דערצו נאָך אַז אים האָט באַגעגנט זיינער אַ פריינט אַ בעקער, האָט ער אים גלייך אַריינגעקנאַטן דעם קולאַק אין זייט אַריין, — נו דו ביזט שוין אָלל־רייט?

האָט אים געטראָפן זיינער אַ פריינט אַן עקספּרעססמאַן, באַמערקט ער מיט גרויס באַדויערן:

— זעסט אויס זייער שלעכט, דו האָסט געמוזט פאַרלירן אַ פּופּ־ציק פונט?

אין די רייד גיט ער אים אַ הויב ביזן דיל, — נו נישקאָשע דו האָסט נאָך וואָג, — און דער קראַנקער לאָזט אַרויס אַ קרעכץ ווי אַ געקוילעטער אָקס.

עס טרעפט אים אָן אַן אַלטער באַקאַנטער און כאַפּט זיך מיט אים ארום ווי מיט אַ געליבטער, גיט אים אַ שטאַרקן דריק צו זיך אַזש דער קראַנקער האָט קוים קויאַך אַ קרעכץ צו טאָן.

חוץ דעם אַלעמען, פאַרגעסט ניט יעדן כמאַל וואָס ער כאַפּט אריין פון די גוטע ברידער און יאַטן, וואָס פון גרוים ליבע זעצט מען אים די נשמה ארוים...

— — — — — — — — — — — — —

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס אייך? טאַקע אַנטקעגן דעם, אויב איר זיינט קראַנק און איר ראַטעוועט זיך פון יענער וועלט, טאָ היט אייך אַ שטיקל צייט פון אייערע גוטע פריינט אויף דער וועלט, אויב דער לעבן איז אייך ליב. נאָר טאָמער מוזט איר זיך פאָרט ווייזן אין גאַס, טאָ האָט אין זינען מיטנעמען אַ דריי גוטע פריינט. איינעם צו ענטפערן די שאַלעם־אַלייכעמס, אַ צווייטן צו ענטפערן די פראַגעס, און אַ דריטן צו אריינכאַפּן די האַרציגע „באַגריסונגען”...

א קאַליפאָרניער פּאַסאַזשיר...

א שאָלעם אַליכעם אייך. ווי מיר דאכט זיך אויב איך מאַך ניט קיין טאָעס, זיינט איר, דאָס טאַקע איר, אזוי? זיינט איר הייסט דאס שוין אויך געקומען אין קאַליפאָרניע? וואָס דען, אז מ׳אַדוועטייזט קאַליפאָרניע אויף יעדן ארענדזש און לעמען, דער סאָף איז אז אַלע קומען זיך דאָ ווארימען.

דעם עמעס געזאָגט, איז דאָ גאָרניט אזוי שלעכט, ס׳הייסט, ס׳-וועגדט זיך ווי פאר וועמען. ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן בין איך שוין געווען איבעראַל: אין לייקוואוד, אין קאָלאָראַדאָ, אין די בערג, אין מיאַמי, און אפילו אין קעמפּ ניטגעדאַיגעט. און איצט ווי איר קוקט מיר אָן בין איך אין קאַליפאָרניע. די אורזאכע פארשטייט איר מיך, איז אזוי: איך בין צו געזונט פאר א סאַניטאַריום און צו קראַנק צו קענען איינזיצן אין ניו יאָרק, פאָר איך מיר פון איין קאָנטרי פּלאַץ אין א צווייטן.

וועגן כאַיונע? אַזאַ דאַיגע זאָלן מיר האָבן מיטן געזונט. ווען איך בין געווען געזונט, האָבן מיר די קינדער געגעבן א קריינק, אָבער איצט איז גאָט צו דאַנקען דערפאר. ניט צו פארזינדיגן. פּאַפּאַ, זאָגן זיי, אונז וועט ניט זיין שווער וויפיל דו זאָלסט ניט פארקריינקען...

יע, ווי זאָגט איר, אזוי דרייט זיך די וועלט. אָט האָבן מיר זיך געזען אין איין עק וועלט און אָט זיינען מיר אין קאַליפאָרניע.

— כ׳וואָלט שווערן אז איר געדיינקט ניט, וואו מיר האָבן זיך גע-טראָפן לעצטן מאָל? א נו, טרעפט.

— אין שיקאַגאָ, זאָגט איר? ניין!

אין באָסטאָן? ניין!

אין פילאַדעלפיע? ניין!

אין ניו יאָרק? וואָס דען, איר וועט ניט געדיינקען? איר האָט דאָך אַן אייזערנע קאָפּ אויף זיך.

איר ווייסט, ס׳איז שוין באַלד א יאָר צייט ווי איך גפין זיך דאָ, נאָר פונדעסטוועגן, אז איך דערזע עפּעס א לאַנדסמאַן פון ניו יאָרק,

ווערט מיר פריילעכער אפן הארצן. מעקייאך וואס אייגנטלעך זיינט איר דא געקומען? אויך קראנק געווים, וואס דען, געזונטע וועלן קומען אהער? כ'זאג אייך, קאליפארניע איז א קראנקע שטאט, ניט אומזיסט ליגט זי דא שטענדיק אין היץ און פון צייט צו צייט ווארפט איר ווי אין א קאדאכעס... און ווי די שטאט אזוי זיינען דא טאקע די מענטשן.

ס'הייסט איך אליין בין נאך דאווקע ניט אזוי שוואך, ניט צו פארזינדיגן, מיין געזונט אויף אייך געזאגט און דאן וואלט איר דא א מינוט ניט געזעסן. אין אלגעמיין איז דא אבער שווער צו געפינען א געזונטן מענטשן, עפעס אן א בראק.

איר זעט אט יענעם גרויסן דראנג וואס שטייט דארט? דאכט זיך געזונט, הויך, שטארק, גלייך ווי א פאלמען בוים. גלויבט מיר, ווען איר קענט אים, וואלט איר געוואוסט אז דאס איז גאר א בוים פון לעמענעס, פון זיין יעדער קוק און קרעכץ קומט ארויס א שטיק זויערקייט...

אבער די הויפט צארע דא אין קאליפארניע איז, וואס עס איז ניט שיין צו קריינקען.

ווי איר קוקט מיר אן, ווייסט איר דאך, בין איך שוין אויסגעוועזן א וועלט, און איבעראל האט זיך א קראנקער געפילט פריי. מיט איין ווארט: קריינק וויפיל דיין הארץ גלוסט, אבער דא אין קאליפארניע? שטארבט בעסער, איידער איר זאלט דארפן קריינקען...

דערזעט מען דא א גראבע פרוי איז זי נעבאך קראנק, א דארע פרוי — אוודע קראנק, א מאן וואס לויפט, איז משוגע, א מאן וואס קריכט, איז געבריכט. דער סאכאקל — איין גרויסער שפיטאל.

אט בין איך געפארן אהער צוזאמען מיט צענדליקע מענטשן. יעדער איינער האט געהוסט אויף זיין שטייגער: איינער האט זיך געכאפט פארן הארץ, א צווייטער — ביים זייט, א דריטער — פארן בויך, א פערטער איז זיך גלאט פארגאנגען. אבער ס'האט קיינעם ניט געארט. ווי נאר זיי זיינען אריבער די קאליפארניער שוועל, איז שא שטיל, מ'הערט פון זיי קיין פארע ניט.

וואס, איר מיינט די לופט האט פון זיי אוועקגעכאפט דעם הוסט? מאכט איר א פאלשן רעכענונג, ס'איז פשוט, הוסטן זיי, נאר

אין דער שטיל. מ'שטיקט אין זיך, מ'וויל ניט אריינפאַלן אין יענעמ'ס מויל...

אַט געפין איך זיך אין אַ האָטעל, און רייד איך זיך צוזאַמען מיט די שכנים, דערציילט יעדערער ווי שטאַרק ער איז.. איינער קען אויפ־הויבן דעם מאונט ווילסאָן, אַ צווייטער — די עמפּייער בילדינג. און געקומען זיינען זיי אין קאַליפאָרניע נאָר דערפאַר, ווייל מער ווי דאָס האָט זיי שוין ניט געפעלט.

לייענט איר אָבער אַרונטער פון די פּענימער, אַז איינער איז נאָך אַן אָפּעראַציע; אַ צווייטער האָט ניט נאָר „טי־בי", נאָר פון „איי־טאָ־זי"... ביי אַנדערע טרעפט איר אַ שוואַך האַרץ, אַסטמאַ, סיאַטיקע, רומאַטיזם, סאַינעס. מיט איין וואָרט, צעפלאַכטן ווי די קאַפּיטאַליס־טישע אָרדענונג, און מ'מאַכט אַן אָנשטעל ווי אַ געקראַכטער אַלראַיט־ניק...

קומט אָבער ביינאַכט, איז ניט אויסצוהאַלטן. מ'רייסט זיך די העלדזער ווי אויף דער ראַדיאָ שטונדע, און אין דער פרי האַלטן אַלע זיך אין באַקלאָגן אַז דער שאָכן האָט אים ניט געלאָזט שלאָפן...

דערפאַר, אויב מענטשן פאַרבאַהאַלטן דאָ די אינערלעכע קריינק איז שוין דאָ אָבער גאָר אַנדערש מיט אַן אויסערלעכע קריינק. אָט לאָמיר זאָגן איר טרעפט דאָ איינעם מיט אַ צעבראָכן האַנט, אַ שניט אין פּאָנים, אויסגעהאַקטע ציין, אַ צעשפּאָלטענע קאָפּ, מיט דעם זעט איר, שטאָלצירט מען שוין.

אָט למשל, קענט איר דאָ הערן ווי אַ מאַן שטייט מיט דער האַנט אָפן פּעטליע און האַלט זיך אין באַרימען ווי אַזוי ער האָט מיט זיין פערדל אריבערגעיאָגט אַ ביקל. איר זאָגט אַ פאָרדל מיט אַ ביועקל, זאָל זיין ווי איר זאָגט. אָבער אַ צעבראָכענע האַנט האָט ער.

אַזוי קענט איר טרעפן ווי אַ מיידל זאָל אייך דערציילן, אַז דאָס וואָס איר פעלט די אויבערשטע ציין אין מויל איז פון דעם וואָס זי האָט זיך געלערנט טרייבן אַ מאַשין, און איר באַבער זאָל שטיין דער־ביי און זיך גרויסן, אַז די זיבן שטעך וואָס ער האָט אָפן קאָפּ האָט פּאַסירט ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון דעם טרעפיק־פּאָליסמאַן מיט זיינע פרייע טיקעטס...

וואָס איר זאָלט אָבער ניט זאָגן אויף קאַליפאָרניער, קיין שטוב־זיצער, דאָס זיינען זיי ניט. קומט מאָנטיק טראַכט מען שוין וואו

פֿאַרט מען זונטיק. און פֿאַרוואָס טאַקע ניט? ווי איר זעט, גייט דאָ די זון אַ גאַנצע וואָך מוטער נאַקעט און וואַרפֿט זיך אייך אין די אויגן. נו, איז ווי גיט מען זיך כאָטש איינמאָל אַ וואָך ניט אַ וואַרים אַביסל לעבן איר... נו, פֿאַרט מען. באַרג אַרויף און באַרג אַראָנטער. קראַנקע מאַכט דאָס געזונט, געזונטע מאַכט דאָס קראַנק. די אונטערשטע שורע — זעט, איר זיינט דאָ מיט אַ מאַשין, צי ניין? איר פֿאַרשטייט, אָן אַ מאַשין קען מען דאָ אין קאַליפֿאָרניע ווייט ניט פֿאָרן...

אַזוי, איר האָט ניט קיין מאַשין? טאָ וואָס שטיי איך דאָ? איך מוז דאָך זוכן אַ אידן מיט אַ מאַשין. פֿאָלג מיך אַ גאַנג, זיך שלעפּן אָפּן בערגל מיט מיין האַרץ און מיט מיינע הינער־אויגן...

נו, האָט מיר אַ גוטן!